ספריה עממית בטורונטו *
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע
* JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

הומאָר און סאַטירע

ערשטער באנד

פּאָעזיע

רעדאגירט פון

י. מאַרינאָוו און אַ. וואָהלינער

Hebrew Publishing Company
632-34 BROADWAY
NEW YORK
1928

Copyright, 1911,
by Ramal Publishing Co.,
New York

פאָרוואָרט

פאַר די לעצטע פּאָר יאָהר איז אונזער ביכער־מאַרק שטאַרק בערייכערט געוואָרען מיט אַ גאַנצער רייהע ליטעראַרישע אויסגאַבען, וועלכע לעגען אַ זיכערען פונדאַמענט פאַר אונזער יונגער ליטעראַטור און פערשאַפען איהר אַ גאַנץ בכבוד'ען פּלאַץ צווישען די ליטעראַטורען פון די אומות העולם. עס האָט אונז אָבער ביז איצט געפעהלט דער בוך פון דעם אידישען שאַרפזין, פון דעם אידישען שטעכעדיגען וויץ און פון דער אידישער פערגאַלטער סאַטירע. און דיעזען לעדיגען פּלאַץ, האָפען מיר, וועלען געוויסערמאַסען אויספילען די פאָרליגענדע דריי בענדער „הומאָר און סאַטירע".

אונזער אויפגאַבע איז געווען צו געבען אין דיעזע דריי בענדער דאָס נייעסטע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אויף דיעזען געביעט, הויפּטזעכליך אין אַמעריקאַ, וואו עס האָט זיך, צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען, ענטוויקעלט אַ גאַנץ בעדייטענדע צאָהל הומאָריסטען און סאַטיריקער.

אין דער פאָרליגענדער זאַמלונג האָבען מיר געשטרעבט ניט נור צו געבען דאָס בעסטע וואָס אונזערע, מעהרסטענטהיילס יונגע, סאַטיריקער און הומאָריסטען האָבען געשאַפען — מיר האָבען עס אויך בעטראַכט פאַר אונזער פפליכט צו געבען דעם עולם אַ פאָלשטענדיגען בעגריף וועגען דעם טאַלאַנט פון יעדען שרייבער. מיר האָבען דעריבער יעדען שרייבער אָבגעגעבען אַ בעזונדערען, בעדייטענדען פּלאַץ. אום אָבער צו מאַכען די אויסגאַבע פאָלשטענדיג, האָבען מיר אויך געגעבען איינצעלנע, צוזאַמענגעוואָרפענע זאַכען פון שרייבער, וועמעס הויפּט ליטעראַרישע טהעטיגקייט ליגט אויסער די גרענעצען פון הומאָר און סאַטירע, און אויך פון שרייבער, וועלכע האָבען נאָך בכלל זעהר ווייניג געשאַפען.

די אַרויסגעבער און די רעדאַקטערע פערשטעהען, אַז די אויסגאַבע איז, ליידער, ניט אין גאַנצען פריי פון ליטעראַרישע און טעכנישע פעהלערען. למשל: צוליעב דעם, וואָס מיר האָבען געוואָלט,

...עטמית ...

אַז אַלע דריי בענדער זאָלען ענטהאַלטען אונגעפעהר דיזעלבע צאָהל זייטען, האָבען מיר געמוזט אריינברענגען אַ שטיקעל אונאָרדנונג אין דריטען באַנד און איבערטראָגען שלום עליכם׳ס און תשר״ק׳ס ערצעהלונגען פון ענדע צווייטען באַנד אין ענדע פון דריטען.

די איינציגע פעהלערען אין אונזער אויסגאַבע זיינען אָבער אונפערמיידליך און, האָפענטליך, פערצייהליך, ווען מען האָט אין זינען, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַן ערשטער פּראָבע פון אַזאַ שווערער און פעראַנטוואָרטליכער אויפגאַבע, צו וועלכער מיר זיינען צוגעטראָטען מיט׳ן גאַנצען ערנסט, וואָס אַזאַ אונטערנעהמונג פאָדערט.

י. מאַרינאָוו,
אַ. וואָהלינער.

אינהאלטס־פערצייכניס:

פּאָעזיע

פאָרוואָרט............. III

יהואש

1) אַ רייזע איבער ניו יאָרק אין 80 טעג....... 3
2) פאַבעלן און אַלעגאָריען:
א) אַ הימלישער אוינפאַל 23
ב) דער מוק......... 27
ג) דער האָהן און די פלעדערמויז....... 29
ד) עזעליזמוס........ 30
ה) וחלקלקות און זמזומים 32

לאָם־קי־רי

שונדיאַדען:
1) שונדיאַדע נומער 1... 33
2) שונדיאַדע נומער 2... 36
3) שונדיאַדע נומער 3... 39
4) שונדיאַדע נומער 4... 42
5) שונדיאַדע נומער 5... 45
6) שונדיאַדע נומער 6... 48
7) שונדיאַדע נומער 7... 51
8) שונדיאַדע נומער 8... 54

י. אדלער

1) מיר איז גוט....... 65
2) מיינע מיליאָנען..... 66
3) משה יאָסעל און אידישען טהעאַטער....... 69
4) פתח שי"ן — שאַ!... 73
5) ב'וואָלט, דאַכט זיך, וועלען............ 75
6) ווי ס'ווערען ליעדער פערפאַסט.......... 77
7) גלויבט ניט אַמעריקאַ! 80
8) פרויען........... 82
9) אַן עהרען־אַבענד..... 85
10) קאָנסטיטוציע....... 87
11) דער פרעהליכער בדחן 90
12) גביאות........... 92
13) אַן עצה פון אַ דיכטער 95
14) דאָס געפאַלענע קעניג־רייך............. 96
15) דער „ציטיזען"..... 99
16) דער ראָמאַנען ־ לעזער 101
17) אַ בריוועלע פון טאַטען 104

יוסף באנק

1) פאָלקס־ליעדער:
א) זיעבען גוטע ברידער 109
ב) דער אידישער גזלן... 112
ג) סערעלע, קעצעלע.... 114
ד) וואונדער איבער וואונדער............ 115
ה) אַ רינגעלע, אַ רינגעלע 116
ו) אוי, וועסטו אויסכאַפּען............ 117
2) זעקס בחורים....... 120
3) דאָס פעלצעל........ 125
4) אַ קלאָוקמאַכער'ס חלום 128
5) מאי קא משמע לן.... 133
6) דאָרט, אין יענעם לאַנד 135
7) קאַמפּיין ־ שמערצען.. 136
8) מיין פריינד פון אַמעריקאַ............. 139
9) אַ בריעף צו דער כלה 141
10) פרייע הונגער־לייט... 144
11) תשעה באב......... 146

יעקב מאַרינאָוו

1) צו מיין מוזע...... 148
2) בעניוט דעם בית־עולם 150
3) אויפ׳ן עולם האמת... 160
4) תפלה למאַמאָן........ 165
5) ווער איז זי?...... 166

ע. פליישמאַן

1) יום כפור טרעהרען... 169
2) אַ גוט קוויטעל...... 171
3) תשליך און דער ים... 173
4) דער בעל תשובה..... 175
5) צווישען די מאַשינען 177
6) איך אָדער זי........ 179
7) אַ דזשענטעלמען..... 181
8) אַ מאָדערנער דאָקטאָר 183
9) דער „געלער“........ 184
10) פאַר דער חתונה..... 185
11) די שעהנע.......... 187
12) דער דאָקטאָר........ 188
13) בערוהיגונג......... 190

מיכל קאַפּלאַן

1) גרינס............. 193
2) דער „מיילער“...... 195
3) עוזר דלים......... 197
4) אַ ברייוועל אַהיים.... 199
5) צו גאַסט........... 201
6) אויף אַ דאַטשע...... 203
7) זיך דערקענט....... 205
8) מיין אמת׳ע ווערטה... 207
9) מיין פּריזיוו....... 209
10) מיין ערשטלינג...... 211
11) מיין לוסטרייזע..... 213
12) ביזנעס........... 215
13) דער תלמיד......... 217
14) אַ נדבה גיב!....... 218
15) דער אַפּטייקער...... 219

ה. רויזענבלאַט

1) מה נשתנה......... 223
2) צום זומער־זמן...... 225
3) אין געיעג.......... 228
4) דער בראַווער יעגער.. 231
5) מיין שעהנסטער חלום 233
6) דער איוז ־ קרים גלאָק 234
7) דער דעקאַדענט...... 236

יצחק רייז

1) איהר מיינט?...... 239
2) „דום וויוויטוס..“.... 240
3) אויף נייע סטרונעס... 242
4) דער קינפּעטאָר...... 244
5) מיין חאַנקע......... 246
6) טאַטע, דו לאַכסט?... 248
7) די לאָרעליי......... 251
8) שיר השירים........ 253
9) אָה, היימישעס לאַנד.. 255
10) צוויי וועלטען....... 257
11) יריד אין שטעדטעל... 259
12) דינאַ דיראַ.......... 262
13) צניעות........... 264
14) צו אַ מיידעל....... 266
15) ניט געשטאָכען, ניט גע־שאָסען............ 267
16) גוט יום טוב!..... 268
17) מיין בלאָנדינקע..... 270
18) מיין שכן.......... 272
19) דער גנב.......... 274
20) פּאָעזיע און פּראָזאַ... 275
21) די ווערבען......... 277
22) „ראָמאַן ־ צרה“..... 278
23) עס ענטפערט דער טייפעל 279
24) צוועלף באַלען....... 280
25) מיין דאָנאַ.......... 282

פון פערשיעדענע דיכטער

אברהמ׳על

1) קורצע גלגולים...... 287
2) אַ שלאָף - ליעד..... 289
3) נאָך דער פּרעדיגט.... 290

א. ל. באראָן

1) לשנה טובה תחתמו... 291
2) דער גרינגער יום טוב.. 292

ז. באַרקאן

פּרויען.............. 293

טש. ה. ביילין

1) גאָט׳ס סטראָפּטשע.... 294
2) דער קלעפּיגער...... 294
3) דער דאָקטאָר........ 295

י. ש. בירזער

ראָמאַנסען............ 296

בן־חזן

1) תשובה.......... 294
2) אַלל - רייט!....... 299

בן־שמואל

1) צו תשליך.......... 301
2) שלמה המלך׳ס חכמה.. 302

פּ. בערמאן

איך האָב געקושט........ 303

גראנאָווסקי

1) דער פּאָעט און די פּרוי 304
2) אַ ראָמאַן אויף אַ שפּאַן 305

דאָן־קיכאָט

1) דער כלל - טהוער.... 306
2) פּושעל בראַנד........ 307

העל־פּען

ביי דער לבנה־שיין....... 309

א. ל. וואָלפּסאָן

1) „כוואָסטיק“........ 310
2) אַ געוועזענער....... 311
3) דער קינסטלער...... 314
4) אַ גוטער מענש...... 315

י. טונקעל

1) דער אַלטער בעל־תפלה 317
2) כ׳בין אַ רעדנער..... 321
3) אַ געזאַנג צום סענאַט 323

י. יפה

1) פּאָהר איך מיר אין מעמעל............ 325
2) זומער אין אַ טענעמענט הויז............. 326
3) אַ עצה צו אַ דיכטער 327

כ. ע.

דער אידישער דיכטער......329

ל. לאנדוי

1) פּאַמיליען - ליעדער... 330
2) דער צוקינפּטיגער קיסר 333

לאָלא

גם זו לטובה........... 335

ס. מאַכלין

געדענקסטו ?........... 336

מרדכי־משה פון בראָנזוויל

1) איבער אַ האָר....... 338
2) מר. מאָרים......... 339
3) זכר להערינג........ 340

ל. לאָנשיין
אין העסטער סטריט...... 342

מ. ליבערמאַן
הושענות............. 344

מ. סטאָון
אַ נייע וויעג - ליעד..... 345

טשאַרלז צונזער
1) הירש באַנדורע...... 347
2) מיין אינגעלע....... 349
3) איך און מיין חאַסיע.. 350

ו. קייזער
געדענקסטו ?........... 352

מ. שאַרקאַנסקי
דער אַמעריקאַנער תכשיט... 354

י. י. שווארץ
העסטער פּאַרק.......... 356

אנאָנים
1) וואָס אַרט עס איך ?.. 357
2) אויפ'ן פּריפּעטשאָק... 359
3) מעשה שטן.......... 360

יהואש

אַ רייזע ארום ניו יארק אין 80 טעג

.1

(איינלייטונג)

ניו יאָרק, דו גרויסער אָקעאַן
פון ווילדע מענשען־וועללען,
ווי פיעל שוין האָבען דיך געמאָלט,
ווי פיעל נאָך מאָלען וועלען!...

דו ביזט א וואלד, דו ביזט א תהום,
א צירקוס און א ביהנע,
און מעהר ווי אַלצדינג ביזטו גאָר
א גרויסע וואורשט־מאַשינע,

וואו ס'ווערען רוס, און טערק, און איד
צונויפגעפּאַקט אינאיינעם,
און ס'קומט ארויס א מין פּראָדוקט
וואָס איז ניט גלייך צו קיינעם...

דו קראַצסט די וואָלקענס מיט דיין הויך
און ליעגסט אין דר'ערד צעהן קלאַפּטערס,
האָסט גדולים מעהר ווי אלע שטעדט
און האָסט נאָך מעהרער „גראַפטערס".

און אירען האָסטו, דאַנקען גאָט,
(וואָס דאַרף מען דאָ פערהוילען?)
פיעל מעהר ווי ווארשאָ אָדער פּראַג,
פיעל מעהר, מיר דאַכט, ווי פּוילען...

פון יודענפרעסערס האָסטו אויך
דעם סאַמע גרעסטען — בינגהאַם,*)

---

*) פּאָליציי־קאָמיסאַר פון ניו יאָרק אין 1909.

חברה עצמית בטורונטו
יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא

וואָס גיסט מיט הייסע פּעך אויף אונז —
אַ פּיפּעץ אויף דער צינג איהם!...

(מיין לעצטער גראַם איז, ווי איהר זעהט
אביסעל גאַליציאַניש,
נאָר ווער האָט צייט צו קלייבען לאַנג? —
איך שרייב אַמעריקאַניש...)

האָסט אנארכיסטען וואָס אין לאַץ
זיי שטעקט אַ מגן־דוד,
וואָס ליעבען פּאַלעסטינאַ היים
און ליעבען מעהר נאָך — כבוד...

האָסט אידען מיט געגאָלטע בערד,
וואָס זיינען שומרי שבת,
האָסט עם־הארצים וואָס, אויב ניט
רבנים — ווערען ראַבאַי'ס...

דו האָסט אקטיאָרען פון אָדעס,
וואָס שפּרעכבען אַ־לאַ דאַנציג,
האָסט זינגערס אַלט בלויז זיעבען יאָהר,
וואָס זינגען שוין זייט צוואַנציג...

דאָך דאָס איז אַלץ אַ תּפל נאָר,
דאָס זיינען בלויז די פּרענזלעך,
דער הויפּט איז — די אינטעללי־גענז,
און די אינטעללי־גענזלעך

אין גרויסען „איסט סייד" קעסעל־גרוב,
וואו תמיד „ביזי" איז מען
מיט גרינדען חברות, מאַכען קלאָבס
און שאַפען נייע איזם'ען...

דאָרט שרייבט מען דראמעס אויפ'ן טויז,
אונ אויפ'ן שאַק קאָמעדיעס,
און ווּיסענשאפט ווערט אויפ'ן פּוד
געשלעפּט פון — 'ציקלאָפּעדיעס...

און פעליטאָנען שרייבט מען דאָרט,
געמאכט עקספּרעס צום לאַכען,
(דאָס אומגליק איז מען ווייסט ניט וואו
און מ'קען א טעות מאכען...)

און ערנסטע ארטיקלען מיט
אַן אינהאלט־שטאָף א רייכען,
(פון וועלכע אָפט ניט־ווילענדיג
דער לעזער הויבט אָן קייכען...)

היינט קורצע מעשות שרייבט מען דאָרט,
בעצייכנענדיג אלס „סקיצען“,
(זאָנסט וואָלט דער לעזער זיי פערמישט
מיט גלאַטע ניים־נאָטיצען...)

און ליעדער... דאָ בלייבט שטעהן מיין פען —
איך ווייס ווי שטארק דער כעס איז
פון יענע, וועלכע וואָהנען אויף
דעם אידישען פּארנאסוס...

אָט הער איך, דאכט מיר, שוין ווי ס'ברומט
א בלאָ־רויט־געל געפילדער,
מיט ווייסע אויגען קוקט אויף מיר
א מוזען־זוהן א ווילדער...

ער רייט ארויס ווי דאָן־קיכאָט
און קריצעט מיט די ציינער

און בריקעט צאָרניג זיין פּעגאַז —
א קליאַטשע הויט און ביינער...

א צער צו זעהן... מיר דאכט, זי רעדט:
„דו ווילדער מענש, ניט בריק מיך,
„אָ, פיהר מיך אין פּאַסטראַמאַ לאַנד,
„גיב אָב אין וואורשט־פאַבריק מיך...

„אהין וואו די באָלאָני וואַקסט,
„דאָרט לאָמיך רוה געפינען,
„דען איך בין אסור ניט פּעגאַז,
„און דו ביזט אויסען זינען..."

2.

די זונן האָט עכט בערדיטשעוו'דיג
אויף „סיואַרד פּארק" געלויכטען,
דער אויר איז געווען געווירצט
מיט טוכלע גרינס און פרוכטען...

אן אלטער איטאַליענער האָט
געדרעהט א קאַטערינקע,
צוויי קינדער האָבען צוגעטאַנצט
מיט פּיסלעך באָרוועס־פלינקע...

די סצענע איז געווען אזוי
עכט היימיש פאַמיליארנע —
און מיר האָט פלוצלינג זיך פערגלוסט
צו געהן אין „קיבעצארניע".

דער פּלאַץ געווען איז אָנגעפילט
מיט רויך פון סיגאַרעטען,
די טישלעך רונד ארום בעזעצט
מיט שרייבער און פּאָעטען...

געווען דאָקטוירים זיינען אויך,
וואָס זוכען פּאַציענטען,
און מאַכען יעדען איינעם קראַנק
מיט זייערע ארגומענטען...

אויך האָט מיר איינער אָנגעציינט
דאָרט לאָיערס אָהן פּראָצעסען,
וואָס ווילען זייער רעדנער־קונסט
אין גאַנצען ניט פערגעסען...

אַן אימפּאָרטירטער גדול האָט
גענגענעצט ביי א טישעל,
דערביי א פרוי וואָס אויסגעזעהן
האָט ווי לואיזע מישעל...

ארומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג
איז דאָרט א יונגערמאַנטשיק.
„דאָס איז — ערקלערט מיר האָט מיין פריינד —
דער עדיטאָר פון „קאַנטשיק“ —

„א בלאַט פון קיבעץ און הומאָר
„פאַר אידישע קווארטאַלען,
„וואָס קלייבט צוזאַמען פון׳ם פלאָר
„די וויצען וואָס דאָ פאַלען...“

געזעסען דאָרטען איז אויך א
רעדאַקטאָר פון בעדייטונג,
וואָס האָט טאַלאַנט און פעהיגקייט,
נאָר ס׳פעהלט איהם בלויז — א צייטונג.

א יונגער בראַנדעס האָט געציינט,
ווי ס׳איז די פּרעס געזונקען,

און האָט זיין וואַרעמע קריטיק
מיט קאַלטען טהעע פערטרונקען...

א גרויסער ראָמאַניסט וואָס שרייבט
טאָג־טעגליך זעכצעהן שפּאַלטען
דערצעהלט האָט מיט א שווערען זיפץ
די קלענליכע געהאַלטען

וואָס ער בעקומט... ער וואָלט זיך מיט
א ליאַדע פעדלער בייטען,
„פער קאָלום" איז נאָך ווי עס איז —
א י ך ארבייט אויף די „ז ײ ט ע ן"...

א יונגער איבסען האָט מיט כעס
דערצעהלט קוריאָזע פאַקטען,
ווי ער געמוזט האָט מוסיף זיין
דעם מענעדזשער צוויי אַקטען...

„איך שרייב: דאָס ווערק ענטהאַלט בלויז ד ר י י...
„דאָך ער וויל פינף... געבליבען
„איז טאַקע פינף... א גליק, וואָס ער
„געפאָדערט האָט ניט זיבען..."

א דאַרער בחור האָט געמאָלט
זיין גרויסע אונטערנעהמונג,
א מאָנאַט־שריפט וואָס אָנרופען
זיך וועט „די נייע שטרעמונג".

„דריי כללים וועלען זיין ביי אונז:
„דעם אמת בלויז צו מאָלען,
„קיין ווייסט־באַסקעט ניט האָבען און —
„קיין שרייבער ניט בעצאָהלען..."

גענעסען דאַרטען זיינען אויך
צוויי פרישע יונגע לייטלעך,
וואָס האָבען, קענטיג, אַלץ בעטראַכט
און אַלץ פערצייכענט דייטליך...

דער קעלנער האָט געשושקעט שטיל,
מיט ערנסט אויף די ליפּען: —
„רעפּאָרטערס פון דעם „איווניננ מון",
„וואָס קומען כאַפּען „טיפּען"...

„דער הויכער איז אַ רוסישער,
„ אַ איד, מען זאָגט געהייסען
„האָט פּייסאַכאָוויטש ער אַמאָל,
„איצט הייסט ער מיסטער פּייסען...

„די בעסטע קונדען אונזערע,
„מען לייזט אַ סענט פון ביידען...
„די איבעריגע, ווי איהר זעהט,
„בלויז רייכערען און רעדען..."

3.

מיין וועגווייזער אין שטאָדט ניו יאָרק
געווען אַ יונגער מאַן איז,
וואָס אַזש פון בראָנקס ביז באָראָ־פּאַרק
זיין גלייכען ניט פאַראַן איז —

מיט ברילען און מיט לאַנגע האָאר,
אַ דאַרער און אַ הויכער,
וואָס עסט ניט, טרינקט ניט, גאָלט זיך ניט,
דערפאַר אַ שטאַרקער רויכער.

מיט מיר אַ דינער אָבעסען,
איהם פלעג איך ניט דערבעטען,

דערפאַר גערווירטהשאַפט האָט ער ברייט
מיט מיינע סיגאַרעטען...

ער האָט געוואוסט פון אַלעסדינג,
פון אַלץ געשמועסט פליסיג,
ער איז געוועזען וואָס מען רופט —
א לעקסיקאָן צוויי פיסיג.

ער מאַכט פון שיף׳ס פערמעגען אייך
א חשבון א גענויען,
ער ווייס וויפיעל מאַיסעעוו נעהמט,
די נייע בריק צו בויען...

ער ווייס אוואו איהר קריגען קענט
א גוטע באָד צום שוויצען,
און ווייס אוואו אין נעקסטען יאָהר
דער שפּראַך־קאָנגרעס ועט זיצען...

ער ווייס אז פינקין שרייבט א בוך
פון זיעבענהונדערט בויגען,
און ווייס פאָראויס שוין אז עס וועט
אויף צעהן כפרות טויגען...

ער ווייס וויפיעל עס זיינען דאָ
אין גאַנץ ניו יאָרק בינעזער,
און אויך פיעל די „פּ. א. ש.“
האָט אבאָנירטע לעזער.

ער ווייס גענוי פיעל רייזען נעהמט
פאַר זיינע הומאָרעסקען,
ער ווייס ווען ס׳איז דער בענעפיט
פאַר „הערךן מאָגולעסקו׳ן“.

ער ווייס אוואו אויף איסט בראָדוויי
די גרויסע שלאַכט פאַסירט האָט,
ווען איין גדול אַן אַנדערען
מיט הייסע פּעטש טראַקטירט האָט.

קען אויסגעבונדען יודזשין דעבס,
און קען פּראָפעסאָר שעכטער,
און ווייס אוואו איהר קויפען קענט
אַנדרעיעוו׳ס „רויט געלעכטער“.

איז קלאָר אין הלכות ריעל־עסטייט,
ווייסט איטליכעס געשעפט ער,
מוזיק און קונסט און וואָס איהר ווילט —
און וואָס ער ווייס ניט טרעפט ער...

— — — — — — — — — — — — — —

עס איז געווען יום־כפור צייט,
כ׳געדענק ניט מעהר דעם טאָג שוין,
ווען אויפ׳ן גאַס געוועזען איז
פון אידישקייט אַן „אָקשען“...

דאָרט איז געוועזען וואָס איהר דאַרפט,
אויב ס׳איז אַ פונק פאַראַנען
ביי אייך פון אידישקייט — (איך מיין
ניט די וואָס לעזען „סאַנין“...)

יום־כפור־טראָפען שטאַרק געניג,
צו מאַכען ניעסען מתים,
און גאַנצע פושקאַרטס אָנגעפּאַקט
מיט אַלערהאַנד טליתים.

מזוזות מעהר ווי ס׳זיינען דאָ
אין אַלע לענדער טהירען,

הבדלות־ליכט געפלאָכטענע,
פון אַלערליי קאָלירען...

אַ מחזור פאַר אַ גאַנצען יאָהר
פאַר בלויז אַ רונדען ניקעל,
אַ ניי־יאָהר קאַרט מיט רוזוועלט'ס בילד,
אַ האַלבען סענט אַ שטיקעל...

די פערדלערס האָבען איינגערעדט
מיט טויזענד פערד־קראַפט צונגען,
אויף פּופּצעהן דיאַלעקטען האָט
דער עולם זיך געדונגען...

און צווישען זיי געשטאַנען איז
אַ אידעל און געשריען: —
„ניט לאָזט זיך פון דעם לולב־טראַסט
„די הויט אַרונטערציהען.

„פאַר פופציג סענט מיט האַק און פּאַק
„אַן אתרוג און אַ לולב;
„איהר קריעגט אַזעלכע אסור ניט,
„זאָגאַר אין ווילנער שולהויף..."

אין ווינקעל פון זיין פּושקאַרט איז
אַ פלעשעלע געשטאַנען,
מיין וועגוויזער דער קלוגער האָט
דעם ענין באַלד פערשטאַנען...

„דאָס איז — זאָגט ער — די „מיוסילידזש"
„וואָס די יכולת גיט איהם
„צו קאָנקורירען... ווייל ער קויפט
„אתרוגים אָהן אַ פּטום...

„די פּטום׳ס קלעבט ער צו דערנאָך
„און מאַכט אַ דזשאַב אַ גלאַטען,
„די קויפער ווי זיי ווייסען ניט,
„אַזוי זאָל זיי ניט שאַטען...“

4.

איך האָב שפּאַציערט אין בּאָראָ פּארק,
אין יענעם נייעם ישוב,
וואו גאַסען ווערען איבער־נאַכט
בעשאַפען ווי מיט כשוף;

דאָרט וואו עס וואַקסט אויף פּוסטע „לאַטס“
אַ גרינס וואָס ניט פערזייט איז,
(איך מיין, נאַטירליך, גרינע „קענס“
פון „סעמען“ און „טאָמייטאַס“).

אין יום־טוב׳דיגער שטימונג איז
געוועזן מיין פריינד אין ברילען,
איך האָב געזעהן אַז אין איהם ברויזט
אַ גאַנצער ים געפיהלען.

ער האָט געשטראַהלט און קענטיג האָט
פון עפּעס שטאַרק געקוואָלען,
איך האָב געקלערט: ניט אַנדערש ער
האָט רענט געמוזט בעצאָהלען.

ער האָט געלאַכט: „דאָס דוקא ניט,
„דאָך בין איך שטאַרק צופריעדען,
„וואָס אין ניו יאָרק געפינען זיך
„עלף הונדערט טויזענד אידען.

„בערעכענט: צוויי מאָל פיעל עס איז,
„ארויס פון לאַנד מצרים.

„און צוואַנציג מאָל פיעל ס'וואָהנען איצט
„אין גאַנץ ירושלים.

„עס איז ביי מיר קיין ספק ניט,
„אַז דאָ, ביים ברעג פון האָדסאָן,
„וואַקסט אוים דער עכטע „יודענשטאַאט",
„מען קען איהם זעהן שוין שפּראָצען...

„און גאָר אין גיכען וועלען דאָ —
„איהר מעגט אפילו לאַכען —
„בלויז אידיש און העברעאיש זיין
„די אָפיציעלע שפּראַכען.

„געברויכען ענגליש וועט מען בלויז,
„ווען ס'קומט צו א י ד י ש ש ר י י ב ע ן,
„און בלויז בתנאי אַז צ ע ה ן פּראָצענט
„זאָל מאַמע־לשון בלייבען...

„זאָנסט וועט די גאַנצע יענקי־שפּראַך
„אין איסט־סייד זיין פערגעסען,
„און שיקען וועט מען בריעף פער פּאָסט
„מיט רש"י־כתב אדרעסען.

„די שטאַדט־בעאַמטע וועלען זיין
„די פלינקע ציוניסטען,
„(חוץ אָ ל ד ע ר מ ע ן — דאָס וועלען זיין
„געווערקשאַפט־סאָציאַליסטען).

„צו תשליך וועט מען מעהר שוין ניט
„אויף אידען שטיינער וואַרפען,
„אים געגענטהייל, „סענט פּעטריק דעי"
„בעשיצען וועט מען דאַרפען

„די איירישע וואָס מאַרטשען דורך,
„מען זאָל זיי ניט פערשטיינען,
„דאָן תקיף װעלען זיין ביי אונז
„בלויז אידישע פעראיינען...“

מיין דאַרער פריינד א ווײַלע האָט
פערררוהט זיין צונג און גומען,
דאָן האָט ער ווידער מיט א ברען
צום רעדען זיך גענומען: —

„איך מוז זיך מודה זיין, איך קען
„מיין שמחה ניט בעגרענצען,
„ווען כ׳ליען די בעשרייבונג פון
„די קהלה־קאָנפערענצען.

„אָט נעהמט א צייטונג אדרבה
„און לייענט דורך די נעמען,
„ווי שעהן עס פּאַארען זיך צונויף
„דאָרט אַלערליי עקסטרעמען...

„א מיליאָנער זיצט ביי דער זייט
„פון אמת׳ע גענאָסען,
„עס מישט זיך אוים האוואנא־רויך
„מיט רויך פון פּאַפּיראָסען...

„מען זיצט צוזאמען „פּאַני־בראָט“,
„פון יעדען מין און לאַגער,
„דער פּתח־איד, דער חיריק־איד,
„דער איד וואָס קומט פון זשאַגער.

„פּריוואַט־מענער און כלל־טהוער,
„מגידים און רבנים,

„מיט בערד און אָהן, מיט געלד און אָהן,
„מיט שכל און אויך אָהן איהם...

„ווי שעהן עס איז צו זעהן פעראיינט
„די קינדערלעך פון יעקב,
„און פיהלען אז דער איד ווערט שטארק
„און טעגליך ווערט מעהר תקיף...“

געשיינט פון שמחה האָט מיין פריינד,
געלויכטען האָט זיין מינע,
ווען איך האָב הינטער אונז געהערט
א קלינגענדיגען „שינוי“

אלס פּאָרוואָרט בלויז... דאַן איז דאָס ווערק
מיין פריינד אין קאָפּ געפלויגען,
און ס'האָט אויף דר'ערד א לאנגער איד
זיך פּלוצלונג אויסגעצויגען...

ער האָט געקרעכצט... עס איז געווען
א צער צו זעהן איהם ליעגען...
איך האָב געטראַכט פון „יודענשטאאט“
און האָב בעטריעבט געשוויעגען...

5.

זיין אין רוים און ניט צו זעהן
דעם פּאפּסט (דעם צעהנטען פּיוס),
איז פאר א פרומען קאטהאָליק
נאָך האלב ניט אזוי מיאוס,

ווי פאר א אידען אין ניו יאָרק
צו זיין און ניט פּרובירען
באקענען זיך מיט איסט־סיידער
פּארטייען און מאנירען.

באזונדערס האָט זיך מיר געוואָלט
דערקענען די צוויי טיפען,
וואָס זיינען תמיד אויף דער פען
און תמיד אויף די ליפען:

דעם ריינעם נאַציאָנאַלען איד,
אָהן פסולת און אָהן קלייען,
און דאַן דעם עכטען סאָציאַליסט,
דעם מארקס־מענש דעם געטרייען...

מיין פריינד האָט גלייך זיך אָנגעכאַפּט: —
„איהר זאָלט זיך נאָר ניט דאגה'ן —
„עס איז ניטאָ אַ מין פּראָדוקט,
„וואָס איך קען אייך ניט צייגען.

„אַ פּשטא שוין אַזעלכע צוויי
„ווי אייך האָט זעהן פערגלוסט זיך" —
דאַן האָט ער פלוצלינג זיך צולאַכט,
פון לאַכען אַזש פערהוסט זיך.

„ביי אונז געפינט איהר אַלעסדינג,"
— האָט קייכענדיג גערעדט ער —
„ניט אַלע מאָל אין ר ע כ ט ע ן פּלאַץ —
„ג ע פ י נ ע ן אָבער וועט איהר.

„אַ איד ווי איהר מסתמא וויל
„ערשט זעהן די ציוניסטען,
„נו לאָמיר קודם געהן צו זיי,
„איך פיהר אייך דאָרט אומיסטען."

און איידער נאָך אוואו ער פיהרט
האָב איך ארומגעקוקט זיך,

געשטאַנען זיינען מיר ביים הויז
אוואו דער „פאָרווערטס“ דרוקט זיך...

איך בין געשטאַנען ווי פערגאַפט:
„איהר מאַכט לצנות, שיינט מיר“ —
ניט ווינקענדיג צומאָל אַן אויג,
געענטפערט האָט מיין פריינד מיר:

„מגולגל ווערען אין אַ קאַץ
„זאָל דער וואָס מאַכט המצאות...
„אויב איהר ווילט עכטע אידען זעהן,
„דער פּלאַץ דער בעסטער דאָ איז...

„דאָ שרייבט מען אמת נאַציאָנאַל,
„מיט אידישקייט געקנעטען...
„די סאָציאַליסטען טרעפט איהר בלויז
„אין „די אידישע גאַזעטען“...“

איך האָב געשטוינט און ניט געוואוסט
צי מיינט ער עס צי לאַכט ער,
ביז ער האָט מיך מיט כעס געפרעגט:
„וואָס שטעהט איהר אַ פערטראַכטער?

„די בלעטער האָבען אַזוי לאַנג,
„געקריעגט זיך און געשטריטען,
„ביז מיט די טענות האָבען זיי
„זיך ביסלעכווייז פערביטען...“

דאַן האָט מיין פריינד געלעזען מיר
אַ ליעד וואָס, ער בעהויפּטעט,
ס'האָט קיינער דרוקען ניט געוואָלט,
און איטליכער געלויבט האָט...

6.

אין איין שעהנעם מאָרגען (ס׳איז געווען
 ביי־נאכט, נור איינגעפיהרט איז
אזוי צו שרייבען) קומט מיר אָן
 א בריעף וואו אנאָנסירט איז,

אז אין דעם פּראכטפאָלען קאפּע
 פון אלטען מיסטער קובען
געגעבען ווערט אן עהרענפּעסט,
 און מ׳בעט, איך זאָל בעזוכען.

דער בריעף געלויטעט האָט אזוי:
 „קומט, ווערטהער פריינד, בעעהרען
„דעם וועלט־בעריהמטען שריפטשטעלער,
 „דעם שטערען פון די שטערען,

„דער מאַן, וואָס איז א צווילינג פון
 „שעקספּיער׳ן און טאָלסטאָי׳ען,
„וואָס האָט דעם גייסט פון דאנטע און
 „דעם קאָפּ פון ווילנער גאון.

„דער מאן וואָס האָט צו וויינען איך
 געמאכט פאר צוואנציג יאָהרען,
„דער מאן וואָס מיט זיין פינגער־שפּראך
 „אָט יעדעס הארץ פּערפראָרען,

(דער לעצטער אויסדרוק קענטיג איז
 אין האסט געווען געשריעבען)
„דער קינסטלער, וועלכען קינד־און־קייט
 בעוואונדערען און ליעבען,

„דעם גרויסען פּופּקין. בלויז די פּער
 „פון שטאדט וועט זיין געלאדען.

„דער מקח איז אַ דאָלאַר פּער
„מיט כרמל זיך צו באָדען...

„און דרך אגב, ליעבער פריינד,
„אויב איהר בעשליסט צו קומען,
„פערגעסט ניט דער קאָמיטע גלייך
„צו שיקען די מזומן...“

דעם אמת זאָגענדיג מיר איז
געוועזן דער נאָמען פרעמד גאָר,
גאָר כ׳האָב פאר די קאָמיטע־לייט
און זיך אליין געשעמט גאָר,

צו זאָגען אז איך קען איהם ניט,
און האָב געשיקט דעם פּרייז זיי,
צוגלייך געגעבען האָב איך אויך
אַן אמת׳ן בעווייז זיי,

אז איך בעוואונדער גלייך ווי זיי
די אידישע זשעניען.
און האָב געשריעבען זיי אַ בריעף:
„מיין הערץ פון פרייד טהוט גליהען,

„וואָס צווישען אונז איז פּופּקין דאָ,
„דער מאַן וואָס יעדער וויים איהם,
„דער צעדערבוים פון ציון׳ס וואלד,
„די קרוין פון הר הזתים...

„ניט איינמאָל לעזענדיג זיין ווערק,
„מיר איז אַ סקרוך אריבער,
„ניט איין מאָל האָב איך אויף זיין בוך
„געוויינט אזש ווי אַ ביבער...

„איך שיק אייך מיט דער גרעסטער פרייד
„מיין דאָלאר (ס'איז ניט טהייער)
„און בלייב מיט הייסען פ ו פ ק י ן - גרוס,
„ערגעבען תמיד אייער..."

ווען כ'בין געקומען צום באַנקעט,
געווען שוין פול דער זאַל איז.
עס האָט גערוישט (אויף דיכטער־שפּראַך)
„א ים פון מענשען־כוואַליעס".

די „קרוין פון אַלע מעלות" איז
נאָך קענטיג ניט ערשיענען,
און כ'האָב געטראַכט, דאָ וועל איך ערשט
זיין יחוס אויסגעפינען...

כ'האָב געשפּיאָנט און האָב געהאָרכט
און בין דעם סוד דערגאַנגען,
אז קיינער האָט ניט פופּקין'ען
צו קענען אָנגעפאַנגען...

איך בין געשטאַנען ווי פערווירט,
וואָס מיינט דאָ דער שפּעקטאַקעל,
ביז מיר אין אויער שטיל געזאָגט
האָט מיין „יודע הכל": —

איהר זייט א פריטץ, א קאָנטרי־מאַן,
איהר ווייסט ניט אונזער שטה...
ניט איהר, ניט איך, ניט קיינער וויים,
צומאָל ניט די קאָמיטע,

זוער פופּקין איז... דאָ וויל מען בלויז
א קבצן זאַל פערדיענען,

איך מיין, דעם מאַן פון רעסטאָראַן...
איהר מעגט עס איהם פערגינען...

אַ איד אַ משכיל אַלט און שוואַך...
נו, גיט מען אַ באַנקעט'ל...
ביי אונז ניו יאָרקער מאַכט מען אַלץ,
מיט קונץ און מיט אַ פּשט'ל...

פאַבעלן.

אַ הימלישער איינפאַל

וואָס איך דערצעהל איך, איז געשעהן
שוין לאַנג צוריק — איך וויים ניט ווען —
אויף איינעם פון די הימלען אויבען.
נאַטירליך בין איך ניט געווען
דערביי, נאָר כ'האָב עס, אויף דעם הן,
פון איינעם, וואָס מען מעג איהם גלויבען.

איהר ווייסט דאָך —אויב איהר ווייסט ניט ד א ר פ ט איהר וויסען—
אז ערגעץ אויף אַ שטערען אַ געוויסען
איז דאָ אַן אָרט וואו יערען טאָג,
פון פריה ביז שפעט,
געמאַכט טאַנדעט
נשמות ווערען אויפ'ן שאָק...

די סחורה, דאַנקען גאָט,
בלייבט לאַנג ניט ליעגען,
דען גרוים משונה איז די וועלט,
און חופות ווערען אומעטום געשטעלט,
און ס'וואַרטען גרייטע וויעגען...
בפרט זינט אונזער פאַטריאָט,
דער גרויסער „טעדי רוזוועלט" האָט
געזאָגט אַז קינדלען הייסט די וועלט בעזיעגען...
(איך וויים ניט אויב דאָס איז זיין אויסדרוק אקוראַט,
נאָר יעדענפאַלס איז דאָס געווען דער פשט...)
מלאכים מיט פערשוויצטע פליגלען,
זיך מיהען פלייסיג און פערזיגלען,
פאַקעטען נאָכאַנאַנד

און שיקען אַב אין יעדען לאַנד
בעשטעלונגען וואָס קומען אָן
פון בורא ברוך־הוא'ס טעלעפאָן...

דער „שיפּינג קלערק“ מיט פּען אין האַנד,
א יונגער מלאך און א בראַנד,
געהט אום און זעהט,
אז איטליכער פּאַקעט
זאָל ווערען ריכטיג אדרעסירט
און וואָס אַם שנעלסטען עקספּעדירט...

און אונטערדעסען, ווי איהר קענט
זיך דענקען, שטאַרבט מען איטליכען מאָמענט,
און טויזענדער נשמות יעדען אויגענבליק
אין הימעל קומען אָן צוריק,
פערקריפּעלט, אַלט און אָבגעניצט,
מיט פלעקען אַלערליי בעשפּריצט,
און מאַט און אָבגעבליאַקט...

געברויכען די נשמות פון דאָס ניי,
געוועזען וואָלט א בעטריגעריי,
א זינד אקעגען אדם'ס קינדער,
און קענען עהרליכקייט ניט מינדער.
דעריבער ווערען זיי פּערפּאַקט
אין גרויסע קאַסטענס ערגעץ אין א „סטאָר“,
און זאמלען זיך פון יאָהר צו יאָהר...

דאָך ענדליך איז געקומען דער טערמין,
וואָס אין דעם גרויסען מאַגאַזין
איז מעהר קיין פּלאַץ ניט, כאָטש צורייס זיך,
און אונטערדעסען הויפענווייז זיך

די „סעקאָנד־הענדיגע“ נשמות מעהרען,
און ס'איז פון זיי ניט לויז צו ווערען...

און פּלוצלונג אין דעם הימעל אין דעם בלויען
בעוויעזען האָט זיך מיט אמאָל א גאון,
א מלאך א זשעני,
וואָס האָט אָהן מיה
ענטדעקט א פּלאַן א פּראָסטען,
די אַלטע סחורות זאָלען מעהר ניט ראָסטען...

„ס'איז טאקע אמת — האָט גע'טענה'ט ער —
„עס וואָלט געוועזען זעהער שווער
„צו קריגען איינעם וואָס זאָל וועלען
„מיט אלטווארג זיך צופריעדענשטעלען,
„ווען ער האָט רעכט אויף עפּעס גוטעס,
„דאָך הערט וואָס איך זאָג און איהר טהוט עס:
„טהוט קיינעם ניט קיין עולה און קיין רעה,
„נאָר פּשוט מאכט זיי אן השואה...
„שטאַט איינע און א נייע גיט זיי אלטע צוויי,
„צי דריי, צי פיער, איהר דינגט זיך ניט מיט זיי...
„איהר האָט גענוג און זייט אים שטאנד,
„צו טהיילען מיט דער פולער האנד...“

דעם מלאך'ס עצה איז געפעלען.
זינט דאמאלס ווערען יענע זעעלען
פערצוקערט ווי א זיסער ביסען...
און שטאַט בלויז איינע שפּאָגעל נייע
האָט יעדער מענש צו צוויי, צו דריי
נשמות — האלב צוריסען...

דער באָק און דאָס פערד

(איבערזעצט פון שפּאַניש)

א באָק געשטאַנען איז אַמאָל
און צוגעהאָרכט זיך צו דעם זיסען קול,
וואָס פון א פידעל האָט אויסגעקלונגען.
פון תענוג האָט ער אזש געשפּרונגען,
און צו א פערד, וואָס אויך ענטציקט
האָט מיט די טענער זיך פערטראַכט געקוויקט,
אזוי מיט שטאָלץ זיך האָט דער באָק געווענדט:
נו, ווי געפעלט דיר, סוס, דער אינסטרומענט?
טאָ וויים־זשע, ברודער, אז די סטרונע־שטריק,
דאָס זיינען די געדערים פון דער ציג
וואָס איז געוועזען מיינע א פריינדין;
און איך אליין, אָט ווי דו זעהסט מיך, בין
בטוח אויך, אז פון די קישקעס מיינע
(נאַטירליך נאָך מיין פּטירה)
ארויסגעהן וועט א מעלאָדיע א פיינע,
וואָס וועט אריבערשטייגען איהרע."
זיך אומגעדרעהט דער פערד האָט און געזאָגט:
„די סטרונעס וואָלטען ניט פערמאָגט
די קראַפט ארויסצוגעבען
א טאָן אַן איינציגען, אין לעבען,
ווען ניט דער סמיק, וואָס שפּיעלט אויף זיי,
געמאַכט פון האָאר וואָס איך
געלאָזען רייסען האָב פון זיך,
מיט שמערצען און יסורים אלערליי.
איצט שטעה איך און שטאָלציר,
דען א דאַנק בלויז מיר,
א דאַנק מיין חלק וואָס איך האָב אין סמיק,
געניסט די וועלט די פּראַכטפאָלע מוזיק.
דאָך דו, מיין פריינד, לעת־עתה

ביזטו בלויז אַ באָק מיט באָבקעס,
מיט ציגענע און ווילדע האָפּקעס,
דאָס הייסט, זיי מוחל, ביזט אַ שמאַטע,
און מוזט ערשט (לויט ווי דו זאָגסט) צומאַכען די אויגען,
בעפאָר דו וועסט צו עפּעס טויגען."

איך קען אַזעלכע מענשען אַקוראַט,
בעזאָנדערס אַ געוויסען ליטעראַט,
וואָס שרייט אַז זיין טאַלענט,
וואָס ווערט ניט אַנערקענט,
וועט קריגען ערשט זיין לוין
ווען ער אַליין וועט זיין געשטאָרבען שוין.

דער מוק

אַ מוק, צי ריכטיגער, אַ מוקעל,
וואָס מיט איהר שווארצען סנוקעל
האָט קיינעם ניט געלאָזט צורוה,
און דאָרט נאָר וואו
זי האָט געקענט
געטהאָן אַ בים,
אַ מאָל די הענד,
אַ מאָל די פים,
אַבי צו מוטשען
און דאָקוטשען —
האָט איינמאָל בייסענדיג אַ נאָז
וואָס איז געוועזען פעט און פליישיג,
גענומען רעדען מיט גרוים חשק
(איך גיב עס איבער אות באות): —

„פון טיטוס' צייטען אָן
איז אונזער פּראָפעסיאָן

פון אַלע אַנדערע די קרוין...

דער הויפּט, דער לוין,

וואָס מיר מוקען קריגען

פאַר אונזער בייסען,

איז מעהר ווי ס׳קריגען אַלע פליגען

וואָס שמאָקצען כלומרשט אויף צו־פּלייסען...

א חוץ דעם, איז דאָס פערגעניגען,

צו זעהן, ווי יענער רייבט

די נאָז און טרייבט

און קען אונז ניט פעריאָגען —

א תענוג פראָסט פאַר אונזער מאָגען...

„דאָך וויסען זייט, רבותי,“

(דאָס האָט ער זיך געווענדט

צום גאַנצען מוקען־פּאַרלאַמענט)

„די עכטע, גרויסע

גענוגטהואונג וואָס איך

טראָג אין זיך

איז — וואָס איך טראַכט,

אז מיך האָט גאָט געמאַכט

פאַר זיין ספּעציעלען פּאָליצאַנט;

„געה — האָט ער געזאָגט צו מיר —

„און ריים און פליק, און שטעך און זויג,

„און זיי א פרישטש, א קראַץ, א היהנעראויג,

„א וואונד, א בייל, א מכה, א געשוויר,

„דיין ליפּ א שפּילקע און דיין צונג א נאָדעל...

„און צווישען שטעכערס זאָלסטו זיין דער גדול,

„און צווישען בייסערס א גיגאַנט

„מיט דיין טאַלאַנט...“

דאָך אונטערדעסען

האָט מיסטער מוק פערגעסען,

אַז ערגעץ זיינען דאָ צעהן פינגער,
פון וועלכע איינער איז גענוג
צו ממית'ען אַ מוק
און הרג'ענען דעם נאָז־בעצווינגער...
און פּלוצלינג טאַקע איז אַרונטער
אַ פּאַטש אַ שטאַרקער, אַ געזונטער —
און איהר פערשטעהט דאָך שוין געוויס...
מיר פּשוט איז
אייך צו דערצעהלען באַנג —
געבליבען איז בלויז אַ געשטאַנק...

דער האָהן און די פלעדערמויז

(תלמוד'ישע פאַבעל)

אין אַ ווינקעל פון אַ דאַך אין מיטען נאַכט
געשטאַנען איז אַ האָן און האָט געוואַכט,
און אומגעקוקט זיך שטאַרק געשפּאַנט
אויף אַלע זייטען נאָכאַנאַנד
און זיפצענדיג געפרעגט (אין מאָנאָלאָג):
„ווען וועט אַמאָל שוין אָנקומען דער טאָג?“

ערוואַרטענדיג דעם גליקליכען מאָמענט
שוין האָט ער זיינע פליגלען אָנגעגרייט,
אַרויסצופּאַטשען פאַר דער וועלט זיין פרייד,
און אַזש פון אונגעדולד געברענט...
און פון זיין גאָרגעל האָט זיך אַזש געריסען
דער אָנזאָג פון דעם מאָרגענליכט, דעם זיסען...

און פּלוצלונג פון אַ בוים דערביי
זיך הערט אַ פליגעל־קלאַפּעריי,
און צו דעם האָהן אין האַסט
געקומען איז אַ פלעדערמויז צו־גאַסט.

„איך ליעג אזוי מיר — זאָגט דער גרויער עוף —
„און קלער און קלער און ס'נעהמט מיך ניט קיין שלאָף;
„ווען וועט אמאָל שוין נעהמען טאָגען? —
„קענסט דו, פריינד קו־קע־רעקו, מיר ניט זאָגען?"

„אוועק, דו שרץ! — האָט געזאָגט דער האָהן מיט צאָרען
און רויט פון כעס איז איהם די קאָם געוואָרען —
„וואָס געהט דער טאָג אָן דיר? דו מויז,
„וואָס האָט גע'גנב'עט פליגלען
„אום זיך מיט זיי צו שפיגלען,
„און שטעלט זיך כלומרשט פאַר אַן עוף ארויס?..."

„איך ווארט אויף טאָג ווייל כ'האָב די נאַכט,
„דאָך דו — דיין גאַנצע מאַכט
„איז בלויז אין שאָטען;
„דיין לעבען קען געראָטען
„נאָר דאַן ווען אַלע זיינען בלינד,
„און דו קענסט טהון בסתר דיינע זינד,
„און דו אליין מיט דיינע טייפעל־בליקען
„קענסט זעהן דעם קרבן, וואָס דו ווילסט דערשטיקען..."

„אוועק, דו נבזינקייט פון מיין געזיכט!
„פון טאָג און העלען ליכט
„ניט וואַגען זאָלסטו רעדען,
„דו נפש — וואָס די נאַכט איז דיין גן־עדן..."

עזעליזמום
(נאָך דעם רוסישען)

ערגעץ ביי אַ שטראָם
אַן עזעל האָט מען אויפ'ן פראָם
געשלעפּט מיט שטריק.

נאָר ווי בעקאַנט פון אייביג אָן איז
איז עזעלזאָהן אַן עלוי אין עקשנות ;
ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין וועג
און וויל ניט געהן פון פלעק,
ניט אהין און ניט צוריק...

נאַטירליך האָט מען ניט געשוינט דעם בחור,
און ניט געזשאַלעוועט קיין כבוד,
מען האָט געפּאַסעוועט דעם אָ...,
געשלעפּט די אויערען, געריסען די טשופּרינעס,
און שיער דער'ממית'ט מיט דובינעס,
נאָר ס'איז געוועזען אַלץ לאבוד...
דער עזעל שטעהט מיט וואונדען אויפ'ן פעל
און ריהרט זיך ניט צומאָל פון שטעל.
דאַן איז אַ מאַן
געפאַלען אויף אַ פּלאַן : —
„איהר נעהמט אקאָרשט דעם תכשיט פאַר'ן עק
און שלעפּט איהם כלומרשט'ען צום ברעג,
און איהר וועט זעהן וואָס ס'וועט געשעהן.“

געזאָגט און גלייך געטהאָן.
און קוים האָט עזעלזאָהן
אין הינטערטהייל דערפיהלט
אַז אימיצען ווילט,
איהם ציהען אויף צוריק,
געגעבען האָט ער שנעל אַ בריק,
און אויפ'ן פּראָם ארויף מיט זיעג.

וחלקלקות און זמזומים.

(איסט־סיידער טיפען)

וחלקלקות און זמזומים,
צוויי פערברענטע „איסט סייד" איסטען,
האבען תמיד זיך געהאמפערט,
און געפיהרט א קאמפף א וויסטען...

קוים נור האט מען זיך בעגעגענט,
הויבען אן שוין די דעבאטען,
און עס פליהען אין דער לופטען
הונדערט־פודיגע ציטאטען...

פייערדיגע ארגומענטען
שיסען פון די מויל־קאנאנען,
יעדער שאס בעשטעהט ניט מינדער
ווי פון זיעבען לעקסיקאנען...

און פון שעקספיער און קאנפוציוס,
און פון האמער'ס איליאדע,
און פון גארקי, און פון רמב"ם,
און פון קארל מארקס — אודאי.

אז מען שווינט זיך ניט חלילה,
קענט איהר דאך פערשטעהן ממילא.
אט כדומה איז א ביישפיעל
וואס מען רופט זיך: לומפ, נבלה,

דראנג, דובינע, איגנאראמוס,
שארלאטאן, אומזיסטער עסער,

גנב, שורקע און פערדעטהער,
אָדער פשוט — מענשענפרעסער.

אָבער העפליך זיינען ביידע,
ווי פאַר דזשענטעל־לייט געהעריג ;
וחלקלקות זאָגט : איך בעט דיך,
פריינד זמזומים, ווער אַזש נהרג...

און זמזומים ענטפערט פריינדליך :
ס'איז דער וואונש פון מיין נשמה,
אז מיין זיסער וחלקלקות,
דו, זאָלסט געהן אין דער אדמה. —

ווייטער געהט עס ניט חלילה,
כאָטש מען רייסט זיך ווי די העהנער,
דען זמזומים — וחלקלקות
זיינען ביידע עהרענמענער...

לאָם-קי-רי

שונדיאַדען.

שונדיאַדע נומער 1.

„אָ דו שונדער, וועלכער ביזט ניט געשונדען, ווען דו וועסט ענדיגען שונדעווען, וועסטו אַליין אָבגעשונדען ווערען.“
(ישעיה, ווי ער האָט געזאָלט זאָגען.)

פיער טעמפּלען זיינען אין ניו יאָרק
פאַראַנען שוין פון יאָהרען,
וואו טעגליך האלט מען גאָטעס־דיענסט
מיט „מערשע“, טענץ און כאָרען

צום אַלטען גוטען גאָט פון שונד,
וואָס האָט זיין טהראָן פערפעסטיגט
(איהר קענט עס שרייבען, אויב איהר ווילט
מיט „פ“, דאָס הייסט, פערפעסטיגט...),

דאָרט האָט קיין מאַכט ניט דער געשמאַק
פון נידעריגען עולם,
דער טאָן דאָרט קומט פון זעהר הויך —
דאָרט הערשט דער גאַלערעע־עולם...

ניט לאַנג צוריק גערעדט האָב איך
מיט איינעם פון טהעאַטער,
מען רופט איהם, גלויב איך, אין דער פּרעס
„דער ביהנע־אימפּעראַטאָר.

ציגאַרען, טהעע בכלל, ער האָט
פון זיסקייט זיך צוגאָסען.

און דאַן גענומען מיך ביי'ן לאַטץ,
און טיעף פערקנייטשט דעם שטערען,
און אין די אויגען זיינען איהם
געשטאַנען פערטעל־טרעהרען.

און מיט א טרויריג־שטילער שטים
(כ'האָב קוים געהערט איהם פּיפּסען)
גענומען ריידען: — „ליעבער פריינד,
כ'פערגעטער פשוט איבסען...

„ניט רעדענדיג פון שעקספּיער'ען —
איך בין זיין געצענדיענער;
פון פריה ביז שפּעט, צו סאַפּער־צייט,
צו ברעקפעסט און צו דינער,

„מיר געהט ער ניט ארויס פון זינן...
איהר מעגט מיר הייליג גלויבען,
איך וואָלט צופריעדען זיין פון אַלץ,
פון לעצטען ביס זיך רויבען,

„אבי צו שפּיעלען עפּעס רעכטס,
דאָך אונזער פאָלק, די מאַסע..."
(דאָ האָב איך אונטערבראָכען איהם: —
איהר מיינט געווים, די קאַסע...")

ער האָט אפּנים ניט בעמערקט
מיין קורצע אונטערברעכונג,
און פאָרטגעזעצט: „עס איז א שאַנד,
עס איז א גאָט־פערשוועכונג,

ער האָט מיך אויפגענומען שעהן,
דערלאַנגט מיר פּאַפּיראָסען,
„אַז מען זאָל מוזען שפּיעלען שונד,
איך... איך אין מיינע יאָהרען,
אַ קינסטלער, וועלכער האָט"... דאָ איז
זיין קול פערשטיקט געוואָרען.

ער האָט געכליפּעט ווי אַ קינד,
פערפּלייצט פון טרעהרען־וועלען,
און יעדע טהרער געוועזען איז
גרויס ווי אַ וואַטער־מעלאָן.

עס האָט מיר שטאַרק פערקלעמט דאָס הערץ,
איך האָב איהם שטאַרק בעדויערט,
איך האָב געטרייסט, געבעטען איהם
ער זאָל ניט זיין פערזויערט,

די צייט וועט קומען און דאָס פאָלק
וועט אויפהערען בעזוכען
טהעאַטערס וואו מען באַקט פון שונד
דעם לאַקרעץ־זיסען קוכען.

דאַן האָט ער מעהר נאָך זיך צואוויינט,
ניט מעהר געלאָזט זיך שטילען,
כ'האָב קענטיג אָנגעריהרט נאָך מעהר,
די קינסטלערשע געפיהלען.

איך האָב בעטריבט געזעגענט זיך,
דאָך ווען עס האָט פערמאַכט זיך
די טהיר, געהערט האָב איך, מיר דאַכט,
ווי אימיצער צולאַכט זיך...

שונדיאַדע נומער 2.

„... און ניט נור וואָס ער איז
געווען אַ גרויסער דראַמאַטורג, ער
האָט אויך געקענט געבען אַ קלאַפּ
און דערום האָבען זיי מורא געהאַט."
(פון אַ ניט־געשריבענער אָב־
האַנדלונג איבער'ן אידישען
טהעאַטער.)

ווי יענע שאַרפע שווערד וואָס האָט
בעשיצט די פאַראַדיז־טהיר —
אַזוי האָט מיר פערשטעלט דעם וועג
אַ מענעדזשער אַ וויסטער...

דער קוק, וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט
גלייך ווי ער האָט דערזעהן מיך,
בעטייט האָט, אַז איך בין אַ „יאָלד",
אַ „פּורציע" און אַ „למך".

דאָך איך, געפּילט מיט מיין מיסיאָן,
האָב ניט געלאָזט זיך שרעקען,
און האָב מיט אינטערוויוער־שטאָלץ,
דערצעהלט איהם מיינע צוועקען.

דאַן האָט ער מיך אַריינגעפיהרט
אין סאַנקטום־סאַנקטואָרום"
(דער פּלאַץ וואו ס'געהען גרויסע „סטאַרס"
אָהן פאַלשע צייהן און האָר אום).

די גרויסע פּרימאַדאָנאַ האָט
מיך שמייכלענדיג עמפּפאַנגען,
געדריקט די האַנד מיר און געזאָגט:
„מיין פריינד, איהר האָט בעגאַנגען

„אַ נאָב׳לע טהאַט מיט אייער קאַמפּף
אקעגען אַלע שונדרען,
מיין הערץ (געקלאַפּט האָט זי דעם שטאָהל
פון איהר קאָרסעט) האָט וואונדרען,

„צו זעהן ווי אונזער ביהנע זינקט
אַלץ מעהרער און אַלץ מעהרער...
אַ וועז דער גרויסער דראַמאַטורג,
וואָס איך בין זיין פערעהרער —

(דאָ האָט זי האַסטיג זיך פערכאַפּט)
„איך מיין, פערעהרערינע,
וואָלט אויפגעשטאַנען פון זיין גראַב
און וואָלט בעקוקט די ביהנע —

„ער וואָלט געשטאָרבען פון דאָס־ניי
מיט שרעקליכע ענויים
פון זעהן די פורים־שפּילניקעס,
די נידעריגע ברואים,

„וואָס וואָלטען זייער זעעל פערקויפט
פאַר דאָלארס און פאַר סענטען...
און זיי, מיין פריינד, זיי ווילען עס
זיין מיינע קאָנקורענטען,

„פערגלייכען זיך מיט מיר, וואָס ליעבט
די עכטע קונסט די ריינע!
דאָך איך... ווי וועלט־בעריהמט איך בין,
בין בלויז ניט מעהר ווי איינע,

„און איין שוואַלב" — האָב איך אויפגעכאַפּט —
„קען זומער דאָך ניט מאַכען" —

„יא, יא“ — האָט זי מיט היץ גערעדט —
„ווען ג אָ ר ד י ן זאָל ערוואַכען...“

„דאָס הייסט“ — האָב איך זי דורכגעהאַקט —
„איהר ווילט בלויז גאָרדין'ס שפּילען?...“
„געוויס, געווים... ווען ס'וואָלט זיך בלויז
געהאַנדעלט אום מיין ווילען.

„דאָך „משה“, אונזער מאַסע־מענש,
מען מוז איהם אַמוזירען
(אַלס גראַמען־זוכער האָב איך גלייך
געטראַכט אָן „פּראָפּיטירען“),

„און קינסטלער זיינען בלויז די קנעכט
פון פאָלק, אום איהם צו דיענען...
(ניט ווילענדיג האָב איך געטראַכט
אָן שעהנעם גראַם „פערדינען“).

„אָ, גאָרדין, ווען דו וואָלסט צוהאַקט
דעם קבר'ס שוואַרצען זיגעל
און זיך בעוויזען“ (דאָ האָט זי
געכאַפּט א קוק אין שפּיגעל)

„דו וואָלסט געוויס...“ און פּלוצלינג איז
איהר אויג געוואָרען טרעהריג,
נאָכדעם האָט זי געטהאָן א קוויטש —
עס איז געווען „היסטעריק“.

זי האָט געוויינט און האָט געלאַכט,
און האָט געוואָלט זיך מאָרדען,
און אַלע ווילע אויסגעפּלאַצט:
„אָ, גאָרדין, גרויסער גאָרדין“...

שונדיאַדע נומער 3.

„די וויעג פון דער אידישער ביהנע אין אַמעריקאַ איז געשטאַנען אין אַ פּאַפּיראָסען־פאַבריק. דאָרט זיינען צוערשט פערזייהט געוואָרען יענע קליינע קערנער, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסען די גרויסע סטיבונעס."

(פון אומיצעג'ס „געשיכטע דער אידישען ביהנע".)

א פּרינץ, בעגאַרטעלט מיט אַ שווערד,
איז מיר אַרוים אַנטקעגען
און מיך בעגריסט: „עס פרעהט מיך שטאַרק
צו זעהן זיך מיט קאָלעגען."

איך האָב ענטשולדיגט זיך: מיין הערר,
איך בין ניט פון טהעאַטער", —
„איך וויים" — האָט ער געענטפערט מיר —
„דאָך איך בין ליטעראַטאָר...

„איך בין ניט, פריינד, פון זעלבען שניט
ווי מיינע קאַמעראַדען,
מיין רבי און מיין מוסטער איז
דער זעליגער גאָלדפאַדען.

„זעהט", האָט ער אָנגעוויזען אויף דער וואַנד געצייגט,
„זיין אויל־געמאָלטעס בילד דאָרט,

זינט ער האָט צוגעמאַכט זיין אויג
איז אַלעסדינג פערוווילדערט.

„בלויז ער אין „קוני־לעמיל“ האָט
געגעבען אונז אַ ביישפּיעל
פון עכטער קונסט — די היינטיגע,
זי רוף איך „קיי־און־שפּיי“ שפּיעל.

„נאָר קומענדיג צוריק צו מיר —
און דאָס איז דאָך דער עיקר —
איך שרייב אַליין רעפּערטואַר,
און שפּיעל די אייג'נע שטיקער.

„איך שרייב אַליין און שפּיעל אַליין,
און בין — דאָס ווייס דאָך יעדער —
דערזעלבער קינסטלער אויף דעם סטיידזש
ווי איך בין מיט דער פּעדער...

„איך זינג און שרייב און דעקלאַמיר,
און האָב צו טהאָן אַ מאַסע,
איך בין אַליין אַ דוצענד „סטאַרס“,
פּילייכט גאָר אַ מילך־שטראַסע....

„און דאַן, פריינד, בין איך נאַציאָנאַל,
איך בין צום פאָלק געקאָוועט,
אין יעדער „פּליי“ ביי מיר מוז זיין
אַ גרויסער מגן־דוד.

„אָהן ציוֹן געה איך ניט אַ טריט;
ביי מיר אין יעדען זמר

קלינגט אָב דער זיסער ווידערקלאַנג
פון זיידען יעקב׳ס לעמער.

„דאָס מע׳קען פון מזבח־בעק
בעפאָר מען פלעגט זיי שעכטען
מוז אונבעדינגט דורך יעדען ליעד
עכט־אידישלעך זיך פלעכטען...

„און ווען איהר זעהט אמאָל א טאנץ
פון מיינער א כאָריסטקע,
דערקענט איהר תיכף, אז זי איז
אן א ל ט ע ציוניסטקע,

„און אויפ׳ן זינען קומען אייך
ניט ווילענדיג די ציעגען,
וואָס פלעגען אויף די גלעד־בערג
אין אלטע צייטען ליעגען“...

איך האָב זיין וואָרט־שטראָם אָבגעהאַקט
און האָב געזאָגט: — „כ׳וואָלט גערען
צו וויסען וואָס איהר שרייבט אצינד“ —
„איצט שרייב איך מעמוארען“ —

געענטפערט האָט ער מיט א טאָן
פון קאנט און שאָפּענהויער —
„איך בין עס שולדיג צו דער וועלט,
אַלס גרינדער און אַלס בויער

פון אונזער ביהנע“... דאָ האָט מען
גענומען ווידער שפּיעלען,
און ער האָט אין דער מיט געלאָזט
דעם אויסגוס פון געפיהלען...

איך האָב געאײַלט זיך צום פּאַרקעי
מײַן פּלאַץ ניט צו פערלירען
און האָב בעשלאָסען שוין פאָראויס
דעם „סטאַר“ צו אַפּלאָדירען...

שונדיאַדע נומער 4.

„אַ צייט צו פלאַנצען און אַ צייט
אויסצורייסען, אַ צייט צו געבוירען
ווערען און אַ צייט צו טויטען, —
אָבער קיינמאָל ניט מיט געז.“
(קהלת פון די קוליסען.)

עס איז געוועזען דער אַנטראַקט
(אויף ענגליש: אינטערמישען),
דער עולם האָט מיט אַפּעטיט
גענומען זיך דערפרישען;

אַ באָי האָט אויף אַ הויכען קול
געאָפּערט פאַר אַ ניקעל
מוזיק און ווערטער פון דעם ליעד:
„אָ, מאַמע, כ׳וויל אַ פּיקעל“.

און איך בין דורך אַ קאָרידאָר
אַריין אין יענעם צימער,
וואו געזעסען איז דער „סטאַר“,
דאָס הייסט, דער אייגענטהימער.

איין העלפער האָט געצוויקט זיין באָרד,
אַ צווייטער האָט זיין פּנים
גרימירט מיט פאַרב, אַ דריטער האָט
די שטיוועל אָנגעטהאָן איהם.

א פיערטער אויך איז דאָרט געווען,
א פעטער און א שווערער,
פון יענעם טיפ, וואָס איך רוף אָן
„א פאָמפּערניק־פערצעהרער".

דער ביהגנע׳ס שטאָלץ האָט מיך בענריסט
אויף באָס־שטים, שוין פון ווייטען: —
„אהא! אָט קומט דער בייזער איד,
וואָס טרייבערט אונז די זייטען.

„איהר זוכט שוין, קענטיג ווידער שטאָף
פאַר אייער שונדיאַדע...
(און דאָ האָט ער געטהאָן א זיפץ)
גערעכט זיינט איהר אודאי.

„אָט איך אליין, אויף אייער פּלאַץ
וואָלט אויך געווען ניט בעסער,
איך וואָלט געפּאַלמעסט יעדען שונד,
געשניטען מיט א מעסער." —

„פאַר־וואָס־זשע שפּיעלט איהר "... — ער האָט ניט
געלאָזט דעם זאַץ מיך ענדיגען: —
„עס איז א גרויסע קלאָץ־קשיא,
נאָר לאָמיך זיך פערשטענדיגען.

„איך האָב געשפּיעלט ביי גויים און —
איך האָס ווי פעסט וואָס קוואַטש איז,
נאָר צייגט מיר אדרבה א פּליי,
וואָס ניט פון א פּאַרטאַטש איז...

„ערלויבט מיר צו דערצעהלען אייך
א שעהנע אַנעקדאָטע,

וואָס מיר פּאַסירט האָט; כ'האָב געמיינט,
איך קריעג אַזש די סוכאָטע.

„איך קויף אַ ליטעראַריש ווערק,
און דענק איך וועל פּראָבירען...
איך טהייל די ראָלען אויס און נעהם
זיך פּעסט עס אויפצופיהרען,

„און פּלוצלונג מערק איך: ס'איז ניטאָ
קיין ראָלע פאַר כאָריסטען,
דאָס הייסט אויף פּשוט אידיש, איך
זאָל צאָהלען אַן אומזיסטען

„געהאַלט, כדי דער לאַפּאַצאַן
זאָל קענען פאַנטאַזירען,
און גיסען טינט און ברעכען פּענס...
מען קען דערפון קראַפּירען.

„נאָר וואַרט, איך האָב נאָך ניט צו ענד
דערגרייכט מיט מיין געשיכטע,
באַלד קומט דער אינטערעסאַנטסטער טהייל,
די רעכטע, די גערִיכטע: —

„אין פיערטען אַקט איז דאָ אַן אָרט,
וואו ס'מוז דער העלד זיך טוידטען,
טאָ געה זשע נעהם אַ פּיסטאָלעט,
צי סם — ניין, דוקא נייטען

„וויל ער דורכאויס דעם העלד־ראָליסט
צו נעהמען געז און שטאַרבען.
נו זאָגט, מיין פריינד, בעדאַרף מען ניט
צוברעכען איהם דעם שאַרבען?...

„און וואָס וואָלט איהר געטהאָן שטאָט מיר,
וואָלט איהר געקענט „אפּאָרדען“,
א דראַמאַ פון א מאַן, וואָס קען
צו־מאָל ניט ריכטיג מאָרדען?...“

ער איז געוועזן גערעכט און איך
געשוויגען האָב ווי יורקע
(ס׳הייסט יורקע׳ס הונד, נאָר כ׳דאַרף דעם גראַם),
ביז מיך געטהאָן א פורקע

מיין נייגיער האָט, און כ׳האָב געפרעגט
„האָט איהר געשפּיעלט די דראַמאַ?“
— „בלויז איין מאָל... איצטער שפּיעלער מיר
„דער קעניג פון פּאַנאַמאַ“...“

שונדיאַדע נומער 5.

„היט אונז גאָט פון דער רעאַ־
ליסטישער שולע, פון שונד וועלען
מיר זיך שוין אליין היטען.“
(אַריינפאַהריזמען פון א
קריטיקער.)

איך האָב דעם אַלטען שונד־מייסטער
פערנומען שטאַרק געטראָפען,
פאַר איהם געלעגען איז א בוך —
א דייטשעס, קענטיג, אָפען...

און ער האָט מיט זיין טינט־און פען
געארבייט שנעל און פלייסיג.
„איהר זעהט“ — מיך גריסט ער מיט א זיפּץ —
„איך האָרעווע שוין דרייסיג

„מינוטען אויף א נייער „פּליי"
און ס'איז מיר בלויז געלונגען,
צוויי אקטען אָנצושרייבען, און —
איך האָב אויף פינף בעדונגען.

„די טהעמא ווילט איהר? — אָ, זי איז
א שעהנע און א זיסע...
זי איז אַן עכטע טרעהר־פאבריק,
און רופט זיך „יום ־המיתה"...

„דער העלד איז דאָרט א בר־מנן,
וואָס ליעבט די „שעהנע אסתר" —
א גימנאזיסטקע פון אדעס,
דעם קברות־מאַן'ס א שוועסטער,

„וואָס ווערט משוגע, און געפינט
אין דול־הויז, וואו מען האלט איהר,
דעם פאָטער איהרען, וועלכער איז
פון אנשטאלט דער פערוואלטער.

„און ס'ווייזט זיך דאַן ארויס, אז —"
דאָ האָב איך דורכגעריסען
זיין ריידען און ערקלעהרט, אז איך
וואָלט ראשית וועלען וויסען,

צי שאדט איהם ניט די קאָנקורענץ
פון ד'היינטיגע, די נייע....
ער האָט צולאכט זיך און געמאכט
א שפּאָטישע הועיה: —

„אין הלכות שוישפּיעל זייט איהר, פריינד,
א גרויסער איגנאָראמוס;

פרעגט מיך, דעם אַלטען וועטעראַן,
„וואָס ס'פאָדערט זיך פון דראַמעס.

„איך האָב געלעבט און לעב נאָך איצט.
כ'וועל ציהען הייזער פולע,
ווען לאַנג שוין וועט מיט שטויב פערדעקט
זיין אייער „נייע שולע".

„איך שרייב שוין מעהר ווי דרייסיג יאָהר...
איהר זאָגט, איך מאַך זיך נאַריש?
זאָל זיין אַזוי... כ'האָב קיינמאָל ניט
געזאָגט: כ'בין ליטעראַריש....

„איך שטעל־צו סחורה, דאָס איז אַלץ,
מען צאָהלט מיר און איך טהו עס...
דאָך קוקט זיך איין אויף אייערע —
זיי מאַכען כלומר'שט תנועות

„פון קינסטלער, דיכטער, מאָראַליסט,
און דאָך, אין תוך גענומען,
שרייבט יעדער איינער קוואַטש און שונד,
און בלויז צוליעב מזומן...

„איהר גלויבט ניט?... וואַרפט, מיין פריינד, אַקאָרשט
אַ בליק אויף וואָס זיי שאַפען,
זיי רופען זיך: אָריגינעל!
דאָך איך — איך זאָג אייך אָפען:

„זיי זוכען נאָכצומאַכען מיר,
וואָס שרייב מיין שונד בכיוון...
דער אונטערשיעד פון מיר און זיי:
זיי לייק'נען די מאָטיווען,

„און זיינען פושערס.... א י ך פערשטעה
ווי „משה'ן" אמוזירען,
זיי אָבער נעבעך קענען ניט
און ווילען דאָך און שמירען...

„און פאלט אזא מין שמירער דורך,
ווייל ער האָט ניט פערדיענט מעהר,
דאן ווערט א גאנצער קאראאול,
און ס'פליצט א גאנצער טינט־מעער

„דורך אלע רינשטאָקען, דאָס הייסט,
דורך אלע צייטונג־שפאלטען: —
„די קונסט שטארבט אָב".. דאָך איך נאָר ווייס
וואו ס'ליגט דער הונד בעהאלטען...

„דער שרייבער ווייס ניט פון זיין קאָפּ,
דער ערגסטער דורכפאל קומט איהם;
זיין ארבייט איז ניט קונסט, ניט שונד,
זי איז, מיין פריינד, א טומטום..."

שונדיאַדע נומער 6.

— איהר שפיעלט האמלעט? —
— אבענדס.
— און ביי־טאָג? —
— פאוקער.
(פון עקטאָר'ס קלוב.)

אן עקטאָר אן אינטעליגענט —
דאָס הייסט, אזא וואָס ווייס שוין,
אז שרייבער מוז מען „טריטען" גוט,
צו קריגען „רעפּיוטיישאָן" —

האָט מיר געזאָגט: אָה, גלויבט מיר, פריינד,
איך ווייס אוואו די קאַץ איז;
דאָס אומגליק פון דער ביהנע איז
„די שפּיעלער׳ס עם־הארצות...

(איך האָב געוואָלט דערצעהלען אייך
פון אָנהויב, אז געטראָפען
דעם מאַן האָב איך ביים פּאָוקער־שפּיעל,
אין סאַמע מיטען בלאָפען)

„נו שטעלט אייך פאָר, וויפיעל א מאַן
ווי איך, וואָס לייענט געטהע
און שלום אש, און זאנגוויל׳ס בוך:
„די רינדער פון דער גהעטאָ —

„מוז אויסשטעהן פון דעם ערב־רב,
וואָס קענען ניט די „פּראָזאָ"
צומאָל געהעריג אויסריידען,
און האָבען נאָך די העזה,

„צו קלאָגען וואָס מען גיט זיי ניט
גענוג א פעטען חלק,
א ראָלע פון א „קעניג ליער",
א „האמלעט", צי א „שיילאָק"...

„ביי זיי די קונסט איז בלויז א קראָם,
די ביהנע בלויז א קליימעל",
(דאָ האָט ער זיך צום טיש געווענדט:
„איך האָב א קליינעם „סטרייטעל").

„אָט גיט א פרעג נאָר דעם סופליאָר
און ער וועט אייך דערצעהלען

די צרות, וואָס ער האָט, ווען ס'קומט
די ראָלען אויסצוטהיילען....

„איין שפּיעלער איז אַמאָל געווען
אין סלוזשבע און ער קאָן ניש'
איין אות פון אידיש — שרייבט מען איהם
די בוכשטאַבען „יעוואָניש"...

„אַ צווייטע האָט אַמאָל גערעדט
אַלס דיענסטמיידעל אין ברעמען,
און קען ניט, כאָטש דער'הרג'ע זי
קיין אַנדער ראָלע נעהמען,

„ווי די וואָס ווערט לכבוד איהר
אויף דייטשמעריש געשריבען,
אַ דריטער קען רומעניש בלויז —
דער כלל: עס ווערט בעטריבען

„ביי אונז אַ שפּראַך־פאַבריק... נור וואַרט,
עס וועט אייך איבערראַשען"
(און דאָ האָט ער גענומען שנעל
די קאַרטען איבערטאַשען)

„צו הערען, אַז עס איז פאַראַן
ביי אונז אַ פּרימאַדאָנאַ,
וואָס וויים פון לעזען פיעל עס וויים
פון „האָבעל־סקאַירוטס" אַ נאָנע...

„צי ריכטיגער אזוי ווי ס'וויים
דזשים דזשעפּרים פון דעם זוהר..."
„ווי לערענט זי די ראָלע אוים?" —
„זי לייענט מיט'ן אויער...

„און ווען איהר רעדט מיט איהר אמאָל
איז דאָס צומאָל ניט קענטלאך...“
דאָ האָט ער פּלוצלונג אָבגעהאקט:
ער האָט געהאט פּיער צעהנטלאך.

ער האָט פון שמחה אזש געשטראהלט,
און איך האָב א געפּלעפּטער
געוואַרט ביז ער האָט פאָרטגעזעצט: —
„און וואָס מען בייט ניט עפּטער

„די דראַמעס, וואָס די דאַמע שפּיעלט,
איז פשוט ווייל די מיהע
פון אויסלערנען איז שווער... דען זי —
הענגט אָב פון חוש השמיעה...“

שונדיאַדע נומער 7.

„איידער איך שרייב עפּעס, פרעג איך זיך קודם כל, ווי עס וועט געפעלען מיין בעקער און מיין „בוטשער“ און מיין „גראָסער“. דאַן אַזוי ווי איך האָב אַ רעכט איבערצוקלייבען די בייגעל און דאָס פליש און די גראָסערים וואָס איך קויף, אַזוי האָבען מיינע לעזער אַ רעכט צו פערלאַנגען איך זאָל זיי געבען וואָס זיי ווילען, דען זיי בעצאָהלען דערפאַר.“

(אַ גרויסער שריפטשטעלער,
וואָס מיינט עס גוט.)

א פעטער מיט א גראָבען קאַרק,
האַלב־גרוי און פּליכעוואַטע,

האָט אָנגעקוקט מיך, אונגעפעהר
ווי איהר בעקוקט א שמאטע,

און האָט געזאָגט מיט קאַלטע צייהן: —
(ס'האָט, קענטיג, איהם פערדראָסען)
„אונז, מיסטער, אינטערוויוט מען ניט,
געהט אייך צו די גענאָסען...“

„דאָך איך וויל דעם רעדאקטאָר זעהן“ —
בין איך אויף מיינס בעשטאנען.
„ביי אונז — זאָגט ער — איז גאָר אזא
מין נפש ניט פאראנען...

„מיר האָבען זיבען „לינאָטייפּס“,
א פּרעס, אַן אייג'נעם בנין,
און אויבען אויפ'ן צווייטען שטאָק
פון שרייבערלעך א מנין,

„וואָס קריגען יעדע וואָך געהאַלט
און שרייבען צוויי שעה טעגליך...
(און א י י ן שעה נור אין זומער־צייט,
ווען ד'היץ איז אונערטרעגליך).

„דאַן האָבען מיר ספּעציעל א מאַן,
וואָס „טענדט“ צו די עגונות
און ענטפערט ווען דער מולד איז,
ווען אונטערגאנג פון זונן איז,

„ווען אימיצענס א יאָהרצייט פאַלט,
און פיעל עס קאָסטען פערדערן
צו ברענגען פון אדעם אהער —
ער ענטפערט ריכטיג יעדערן...

„וואָס דאַרף מען אַ רעדאַקטאָר דאָ? —
מיר זיינען בעל־הבתיש
און פיהרען אויפ'ן אַלטען שניט —
ס'הייסט, ס'פיהרט זיך אויטאָמאַטיש..."

„דאָך אייער ריכטונג, אייער טאָן,
דער מאַרך און די ספּרוזשינע?"
האָב איך גענומען פרעגען (דאָ
האָט ער געמאַכט אַ מינע,

ווי איינער וועלכער נעהמט כּינין)
„און וועלכע פון די קלאַסען
פערטרעט איהר דען אין אייער בלאַט?
די אויבערשטע? די מאַסען?"

„מיר זיינען — האָט ער מיך צוקלאַפּט —
ניט גלייך צו אונזערע שכנים.
מיר דיענען כּל ישראל און —
מיר דיענען ניט צו קיינעם.

„מיר גיבען וואָס דער עולם האָט
אַ רעכט פון אונז צו וועלען...
איהר גיט אונז בלויז אַ גאַראַנטי,
אַז זיי וועט עס געפעלען

„און אונזער לעזער־צאָהל וועט נור
דאַדורך פערגרעסערט ווערען,
און כ'גיב אייך אָב די ערשטע „פּיידזש"
פאַר סאָציאַליזמוס גערן..."

„דאָס הייסט, איהר זייט אַ פריידענקער?"
האָב איך געפרעגט מיט פייער —

„אַ דענקער נ י ט — האָט ער געלאַכט —
דאָך פּשוט, סתם אַ פּ ר י י ע ר...

„איך האָב צו קיינעם ניט קיין פליכט,
איך פיהל זיך ניט געבונדען
צו קיין פּאַרטיי, צי אידעאַל...
איך ווייס בלויז מיינע קונדען —

„דעם לעזער, וועלכער קויפט דאָס בלאַט,
דעם „בוטשער“ און דעם „גראָסער“,
דעם קוימענקעהרער פון דער היים,
דעם קאַלוואַריער מסור,

„וואָס האָט געפּעדעלט בלעך־געשיר
אין אכטצעהן צוויי און זיבציג,
און איצטער איז ער אַ טראָסטי
אין שוהל פון אנשי פּיפּציג...

„אַט זיין געשמאַק איז דער וואָס גיט
דער צייטונג איהר כאַראַקטער...
דער אנשי פּיפּציגער טראָסטי
איז אונזער בלאַט'ס רעדאַקטאָר...“

שונדיאַדע נומער 8.

„און אויב איהר מיינט, אז דער קאָפּ פון אַ אידישער צייטונג איז דער בריעפקאַסטען־מאַן, האָט איהר אַ טעות. איבער איהם איז דאָ נאָך אַ העכערער, און דאָס איז — דער „אַד־ווערטייזינג־איידזשענט.“

(פון אַ געשפּרעך.)

דער עדיטאָר אַ ראַדיקאַל,
וואָס ווייט בעריהמט זיין שם איז,

האָט פריינדליך מיר דערלאַנגט א שטוהל
(ס'איז אייגענטליך ניט אמת,

נאָר ס'רעדט זיך גלאַט אזוי) און האָט
גערריקט מיין האנד עכט „טאַפּט'איג,
און האָט געזאָגט: — „איהר זעהט, ווי איך
בין נאָכאַנאַנד בעשעפטיגט...

„מיין רגע איז א רענדעל ווערטה;
דאָך אייך וועל איך ערלויבען,
איהר זאָלט מיין צייט אויף איין מינוט
און פיער סעקונדען רויבען.

„וואָס אונזער צוועק איז? — בלויז דעם פאָלק —
דעם ארבייטער צו נוצען...
ד'רום האָבען מיר א מאַן, וואָס ברענגט
טאָג־טעגליך אונז א דוצען

בעצאָהלטע אַדווערטייזמענטס און—"
ער האָט בעמערקט מיין שמייכעל
און האָט די זאַך מיר קלאָר געמאַכט: —
„איהר לעגט נאָר צו דעם שכל:

„כדי דעם פאָלק, דעם ארבייטער
צו געבען „עדיוקיישאַן"
בעדאַרף מען „עדס", און דער וואָס גיט
אַן „עד", וויל „סירקוליישאַן"...

„דער אדווערטייזינג איידזשענט האָט
ביי אונז א גרויס בעדייטונג,
זיין מיינונג איז ביי אונז געזעץ,
ער גיט דעם טאָן דער צייטונג...

„ער ווייס דעם פאָלקס־פולס — ס'הייסט ער ווייס
די ביזנעס ווי צו פיהרען;
דען שונאים האָבען מיר א סך,
מיר מוזען קאָנקורירען...

„און איינס, און ס'סאמע וויכטיגסטע,
פון אונזערע פּרינציפּען,
איז יעדען וואָס מיר האָבען פיינט,
צו טרייבערען די ריפּען

„און שינדען ביז קיין פּיצעל הויט
ניטאָ מעהר אויף זיין פלייש איז...
„נאָר ווארט, אָט איז דער גאנצער פּלאַן
פון אונזער צייטונג: ראשית,

„צוויי שפּאלטען וואו מיר זידלען זיך
מיט אונז'רע קאָנקורענטען,
און דאן א „קאָלום" וואָס בעשרייבט
דעם וואוקס פון אבאָנענטען.

„און דאן נאַטירליך א ראָמאַן,
א לאנגער און א פעטער...
מיר האָבען איינעם, וועלכער טהוט
די ארבייט אויפ'ן מ ע ט ע ר;

„מען מעסט עס יעדען אבענד אב —
ס'ווערט אקוראט געשניטען...
און ווען איך דענק, איך האָב געגנוג,
דאן האק איך אָב אין מיטען.

„דאן קומט דער עיקר־זאך, די שמאַנט —
די זייט פון די רעקלאמעס,

און בלייבט נאָך פּלאַץ, דאַן שרייב איך אָן
קריטיקען איבער דראַמעס...“

„און ס׳פּאָלק, דאָס הייסט די אַרבייטער?“
האָב איך געוואַגט צו פרעגען.
ער איז געוואָרען אויפגעקאָכט: —
„דענקט איהר ניט, אַז זיי מעגען

„שטאָלצירען מיט אַזאַ אָרגאַן,
(זיין שטים געווען איז ברוזענד)
וואָס פערקויפט אין יעדען טאָג
אַזוי פיעל צעהנדליג טויזענד?...“

„דאָך ווי?...“ ער האָט מיין ערשטעס וואָרט
מיט צאָרען־בליק בעגעגענט,
און כ׳בין פון שרעק געוואָרען שטום
און שנעל זיך אָבגעזעגענט...

שונדיאַדע נומער 9.

וואָס איז די ריכטונג פון דער
וועטער־פאָהן? — דער ווינד. דען
די קווינט־עסענץ און דער עצם פון
אַ וועטער־פאָהן איז ניט צו האָבען
קיין בעשטימטע ריכטונג.
(פּרינציפּען־ערקלעהרונג פון
פּרינציפּענלאָזיגקייט.)

אַ מאַן מיט שוואַרץ־געקרויזטע האָר
און מיט אַ שעהנער צורה
האָט אָבגעשטעלט, לכבוד מיר,
די פּען אין מיטען שורה

און מיט אַ זיסען מילדען בליק
מיין הארץ אין פלען געפאנגען: —
„זיצט, זיצט, מיין פריינד, איך וויס פאָראויס
שוין וואָס איהר וועט פערלאנגען.

„וואָס איז דער צוועק פון אונזער בלאַט?
וואָס אונזער אידעאַל איז?
אָט איז דער ענטפער קורץ און שאַרף:
ביי אונז איז דאָ פון אַלעם —

„פון יעדען זאָרט און יעדען שניט...
מיר האָבען עס אומיסטען,
כדי יעדער זאָל געפינען זיינס;
פאר עכטע ציוניסטען

„בעקלאָגען מיר ישראל'ס בראָך
און טרוימען פּאַלעסטינאַ;
פאר סאָציאַליסטען מאַכען מיר
אַ קויטסקי-ליעבקנעכט מינע...

„פאר פּועלי־ציון האָבען מיר
אַ מעלאָדיע אַ שעהנע:
די „מארסעליעז“ צום נגון פון
„לא אבדה תקותנו“...

„און מיינט איהר, אַז דעם אָרטהאָדאָקס
געשיעהט ביי אונז אַן עולה?
פאר איהם איז דאָ ביי אונז ספּעציעל
אַ איד וואָס קען ש"ס־בבלי

„און שרייבט פון חליצה און פון גט
און בראָקט אריין גמרות...

ס'הייסט, זאָגען קען מען, אז ביי אונז
פאראן א פולער כאָר איז

„פון אלע ריכטונגען אין פאָלק,
א בערזע פון פארטייען,
א מארק־פלאץ און א צענטער־פונקט,
וואו אלע ווינדען וועהען...

„א מין דעפארטמענט־סטאָר"... איך האָב
איהם אונטערבראָכען: „ביטע,
זאָגט מיר וואו איהר אליין געהערט?
און וואָס איז אייער שטה?..."

ער האָט געענטפערט מיר נאאיוו: —
„ס'פערשטעהט ממילא זיך דאָך,
וואו איך געהער און וואָס איך בין;
די צייטונג דאָס בין איך דאָך..."

י. אַדלער

מיר איז גוט

מיר איז גוט, איך קען קיין שפּראַך;
ווילט זיך שאַפען מיר אַ זאַך
אָדער עפּעס ברחנ'ען —
קאָן איך גאָר ניט לאַטכּינען...

שרייבט זיך עפּעס אָריגינעל
קומענדיג פון הארץ און זעעל,
פון נשמה אויסגעגליהט —
איז גוט, ווען ניט — דאַרף מען ניט!

מיינע „מיליאנען"

מיין ווייבעל איז גליקליך, מיין ווייבעל איז רייך,
און קיינער צו איהר אין דער וועלט איז ניט גלייך,
כדאי זיך מיט איהר צו בעקאָנען;
ביי איהר איז אַ קינד — זאָגט זי — ווערטה אַ מיליאָן,
און קוקט זי די עטליכע קינדערלעך אָן,
דאַן קוועלט זי פון איהרע „מיליאָנען"...

„ווען ניט די מיליאָנען" — עס זאָגט מיר מיין פרוי:
„ווען ניט אָט די בייבי, דער בלאָנדינקער באָי,
אין שטוב וואָלט געוועזען אַן אומעט;"
און באַלד האָט דער זעלבער „מיליאָן" ניט קיין ווערטה,
אָט וואַלגערט זיך אום שוין דער „אוצר" אויף דר'ערד,
מען טרעט אויף דעם „אוצר" ארומעט...

אָט קומט אָן מיין טאָכטער, די עלטסטע, צו געהן.
„איך בין — זאָגט זי — פאַפּאַ אין חדר געווען,
גענומען אין אידיש אַ „לעסען";
און באַלד נאָך דער טאָכטער — אַ צווייטער „מיליאָן",
אַ בחור, אַ לויפער, און דאַר ווי אַ שפּאָן,
און ביידע געוואַלדעווען: „עסען!"

אַ דריטער, ניט אַנדערש, נאָר גיט איהם אַ „דאַים",
אַ פיערטער מאַכט קולות: „איך האָב ניט קיין „טאַים",
גיב גיכער אַ סענט אויף באַנבאָנען!"
עס ווערט אַ גיהנום... דער טומעל איז גרויס,
עס געהט שוין מיין ווייב „פון די כלים ארויס"
און פאַלט אָן אויף איהרע „מיליאָנען":

זי כאַפּט אַ „מיליאָן“ און צודרעהט איהם אַ האַנד,
אַ צווייטער וויל לויפען — און פאַלט אויף דער וואַנד
און מאַכט זיך אַ בייל אויף דעם שטערען;
דעם רייסט זי אַן אויער... דעם שינדט זי אַ פעל,
עס דוכט זיך, עס ווערט פון די „אוצרות“ אַ תל,
מיר בלייבען שוין אוים מיליאָנערען!...

איהר כעס געהט אַריבער... אין שטוב איז שוין שטיל.
און ווידער וואַכט אויף יענער מוטער־געפיהל,
געלייטערט אין געטליכע קוואַלען;
און ווידער ווערט פרעהליך און לוסטיג אין הויז,
און ווידער קושט זי די „מיליאָנטשיקעס“ אויס,
און הויבט אָן פאַר נחת צו שטראַהלען...

איך היט די „מיליאָנען“ — איך שטעה אויף דער וואַך...
מיין ווייבעל, מיין טרייע, זי טהוט זיך איהר זאַך
או זאָרגט פאַר די קינדער'ס ערנעהרער:
עס נעהמט ניט אפילו קיין קיילעכדיג יאָהר,
און ווידער דאָס אידישע פאָלק האָט אַ דור
און איך — אַ „מיליאָנטשיקעל“ מעהרער...

איך בעט ביי מיין ווייבעל בייטאָג און ביינאַכט:
„גענוג שוין, גענוג שוין מיך גליקליך געמאַכט...
טו פאָלג מיך — דו ביזט דאָך אַ קלוגע:
לאָז איבער אַ ביסעל פאַר אַנדערע לייט,
די „אוצרות“, זיי מאַכען מיך גרוי פאַר דער צייט,
איך ווער פון גרוים „רייכטהום“ משוגע!...

„וואָס דאַרפסטו „מיליאָנען“ מיט פיס און מיט הענד,
וואָס טראָגען צומאָל ניט קיין פערטעל פּראָצענט,
וואָס טויג דיר צו זיין אַזאַ גבירה?
וואָס טויג דיר, וואָס נוצט דיר די זיעבען „מיליאָן“,

אז כ׳האָב ניט קיין „רענט“ ווען דער ערשטער קומט אָן,
דאַן וואַרפט מען אַרויס אונז פון דירה?...

„יאַ, דיינע „מיליאָנען“, זיי קאָסטען מיך בלוט:
פאַר באַשקען אַ קליידעל, פאַר פּייוולען אַ הוט,
כאָטש נעהם און פער׳משכון דעם טלית!
און וואָס איך פערדין נור און וואָס איך נעהם איין,
אין דיינע „מיליאָנען“ געהט אַלצדינג אַריין,
עס שטעלט מיך דיין „רייכטהום“ בדלות!...“

משה יאסעל אין אידישען טהעאַטער

ס'האָט שוין אָבגעגעסען „סאפער"
משה־יאָסעל דער אָפּרייטאָר
און ער פרעגט זיין ווייבעל: „יענטע,
ווילסטו געהן היינט אין „טעאייטער"?

„מ'שפּיעלט א נייע „פּלעי" א שעהנע,
דאכט, מען רופט איהר „פּאָנפּעוואטער"
וואו אַן „עקטער" האלט אין ניעסען,
ווי ער וואָלט געהאט דעם קאטער...

„און מען בּאָרעט, און מען שמאָרעט,
און מען טראַסקעט אין די טאצען,
און מען הוקעט, און מען כריוקעט —
פאר געלעכטער קען מען פּלאצען!

„היינט די הייסע „פּאַטריאָטען",
פון דער „גאַלערי" דער יחוס,
זיצען אויבען און זיי שפּייען
גלייך אַרונטער אויף די פּליכעס!...

„און זיי קאָכען זיך און ליארמען,
און זיי פיהרען ראָרטען „סקאזקעס";
גיבען רזשאָכעס זיך און באָכעס
און זיי בייטען זיך מיט פּראַסקעס.

„איינער קריגט א פּלעם אין מאָרדע
אז עס נעהמט פון מויל איהם שוימען!
און א צווייטער „אונטער ד'אויגען"
קריגט א פּרעזענט „בלויע פלוימען"...

„כ'זאָג דיר, יענטע, אין „טעאייטער"
איז אַ לעבעדיג יאַריד'על —
אַז דער „עקטער" הויבט אָן זינגען,
זינגען אַלע מיט דאָס ליעדעל...

„אַז די העלדין קושט איהר חתן,
אָדער גיט אַ קוש דעם „פאַטער",
אין איין גרויסען קוש, אַ שטאַרקען,
ווערט פערוואַנדעלט דאָס טעאַטער:

„אַלע שמאָצקען, אַלע קושען:
טאַטעס, מאַמעס, זיהן און טעכטער —
כ'זאָג דיר, יענטע, דו וועסט פּלאַצען,
פּלאַצען וועסטו פאר געלעכטער."

און עס רופט זיך אָב שוין יענטע:
„וואָס־זשע טויג דער גאַנצער ברייען?
זאָג מיר בעסער, משה יאָסעל,
וואָס־זשע נעהמט מען מיט צום קייען?"

משה־יאָסעל פליהט אַרונטער,
ברענגט אַרויף פון אַלץ צו ביסלעך:
פּינאָטס, עפּעל, קייק, באַנאַנעס,
פייגען, קענדי, האָזען־ניסלעך,

זויערע אוגערגעס, פּאַסטראָמע
און צוויי גרויסע פרישע חלות —
אין אַ אידיש־געלער צייטונג
ווערט פערפּאַקט, פערבונדען אַלעס

און... מען געהט שוין אין טעאַטער...
— — — — — — — — — — —

אין טהעאַטער איז שוין פרעהליך:
ס'ברומט דער באַס, עס קייכט דער פידעל,
און פון גאַלערי דער עולם
פייפט זיך אַ בעקאַנטע ליעדעל...

מיט אַ מאָל — עס ווערט שוין פינסטער
און מען הייסט דעם עולם שווייגען —
משה'ן, יענטע'ן, אַארט דאָס וועניג,
ביידע גריזשען איצטער פייגען...

און דער עולם רעש'ט און פילדערט:
אפשר וועט איהר שטום שוין ווערען?
סידאָן, סידאָן! העטס אָף! אָרדער!
אַך, ממזרים, לאָזט דאָך הערען!

און... עס הויבט די פלעי אָן שפּיעלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער ביהנע שטעהען „זעלנער",
אין די הענד פעררזאָסטע שווערדלעך
און פון חזיר־האָר די בערדלעך.

און זיי שרייען, און זיי בילען,
און צווישען זיי אַ קעניג,
נעבען קעניג אַ פּריצעסין,
און זי בעט ביים קעניג עסען...

און דער קעניג ענטפערט העלדיש:
„אַך, מיין פּאָרכטיגע פּרינצעסין,
מיינע זעלע, מיינע חאַווע; —
ווירסט שאָן האבען וואס צו פרעסען,
ווירסט שאָן האָבען איין האַנאַווע..."

און אין טיעפע הויכע שנעען,
אליין געמאַכט פון ווייסע וואַטען;,

ווייזען עקטערס גרויסע קונצען,
ווי געניטע אַקראָבאַטען!...

ס'איז דער דריטער אַקט געענדיגט...
ס'ווערט דער פיערטער שוין געפייערט —
דאָך, ניט יענטע, און ניט משה,
ווייסען ווער ס'האָט זיי געשלייערט.

ניט עס אַרט זיי דאָ די קונצען,
ניט דאָס פאָנפען, ניט דאָס טאַנצען;
ביידע זיינען שטאַרק בעשעפטיגט
מיט'ן עסען די פּאָמאַראַנצען...

ווען עס ענדיגט זיך די פּלעי שוין
מיט אַ פאָנפען, מיט אַ ניסען,
און דער קעניג די פּרינצעסין
האָט גענומען שוין דערשיסען —

הויבט אויף יענטע ווילדע קולות:
„משה־יאָסעל ביזט אַ טויטער?!
ווּעה מיר, וואַלד־גזלנים, מערדער
בושעוּוען דאָ אין טעאַיטער!

„האַלט די פּאַקעטס צו, דו גולם!
אוי, מען וועט אונז דאָ בערויבען —"
משה־יאָסעל ענטפערט העלדיש:
„שאַ! — די פּלעי האָט אָנגעהויבען!..."

„פתח שין"—שאַ

האָט בינעם אַ ווייבעל — שוין איינמאָל אַ ווייבעל!
איז בינעם אין שטוב — איז זי שטיל ווי אַ טייבעל;
איז בינעם אין קלייזעל — שוין גלייכער מען רעדט ניט,
דערצעהלען פון חדר — דאָס טהוט קיין פּאָעט ניט.

כאָטש גיט מיר מיליאָנען, וועל איך אייך ניט זאָגען,
אַז בינעם'ס יונג ווייבעל טהוט אויגען פערמאָגען
נאָך שווארצער פון ראָבען — וואָס סטראַשען ווי שריפות —
צוויי הייהלען וואו ס'ליעגען בעהאַלטען מכשפות...

איהר קענט מיך ניט צווינגען איך זאָל אייך דערצעהלען:
קוים בינעם אין קלויז איז, ארויס פון די הייהלען
דאַן קומען די העקסען אין פלאַמען צו רייטען,
און טאַנצען אַ לוסטיגען טאַנץ, אַ פערשייטען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס וואַכט אויף אַן אבענד ביי מיר אין זכרון
(אוועק איז זייט דעמאָלט שוין צעהנדליגע יאָהרען) —
איהר בינעם איז דאַן אין דער היים ניט געוועזען
און איך האָב ביים לעמפּעל אַ ספר געלעזען.

דאָ איז זי פּאַמעלעך צו מיר צוגעקומען,
מיין האַנד פון דעם ספר ארונטערגענומען,
געזעצט אין מיין שוים זיך עס האָט די מכשפה,
די אויגען — אין יעדען בעזונדער אַ שרפה.

איך פיהל ווי מיין הארץ ווערט געצונדען אין פלאַמען;
איך פיהל, ווי עס געהט מיך דאָ לילית פער'סם'ען...
איך מאַך צו דאָס ספר און זוך שטום אַ רעטער,
און לילית, דערווייל, צומישט מיר די בלעטער

און רעדט ווי פון חלום : דו גוטער... דו טרייער...
פערלעש גיך דאָס לעמפעל... ס׳קען ווערען א פייער...
און לאָז אויך פאר איין וועג אראָב די גארדינען —
זיי מוחל, מיין גוטער, וואָס כ׳היים זיך בעדיענען.

פערפאלען ! זי האָט מיך אין נעץ שוין געפאנגען.
געטהאָן איהר בקשה — — די פענסטער פערהאַנגען,
פערלאָשען דאָס לעמפעל — הם... שוין גלייכער מען רעדט ניט,
דערצעהלען פון חדר — דאָס טהוט קיין פּאָעט ניט...

וואָס טויגען אייך מעשיות, וואָס טויג אייך דער זאָגען,
בקיצור, און גאָרנישט... עס הויבט אָן צו טאָגען —
בעווייזט זיך אין טהירעל א היטעל פון סאמעט,
און באלד נאָך דעם היטעל — ר׳ בינעם מלמד : —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס ווייטער געשעהן איז ? — הם... גלייכער מען רעדט ניט,
דערצעהלען פון חדר — דאָס טהוט קיין פּאָעט ניט...

כ׳וואלט דאכט זיך ווערען...

(אַ פּאַראָדיע אויף מ. ראָזענפעלד׳ס „ספירה“)

איך וואָלט דאַכט זיך ווערען איצט בעטען די פּרעסע
זי זאָל מעהר ניט בלאָפען — עס געהט אָבער ניט;
ווייל בלאָפען, ערקלעהרט זי, איז כשר אין ביזנעס,
און ביזנעס אָהן בלאָף — איז ניט מעגליך א טריט!...

„אָה, טאטע דו לאכסט? — ס׳איז א קלאָג צום געלעכטער!“
קען זיין אין אן אידישען בלאט עפּעס רעכטס?
איז דאָ כאָטש א שורה פאר אונז דאָרט צו לעזען?
מיר זאָלען אזוי שוין בעהיט זיין פון שלעכטס!

א שפּאס דאָ רעספּעקט פאר א אידישען לעזער! —
דו רייב נאָר און שרייב נאָר און מאַך נאָר א שוויינ,
און שטאָפּ איהם און קראָפּ איהם און האַק איהם און בראָק איהם
מיט „קעפּלעך“ דריי קלאפּטער און אינהאלט — א פייג!...

און זינגט זיך דאָ בלומרשט א דיכטער פאנאנדער,
ווערט איינפאַך איהם הערען דאָס לעבען ניט ליעב:
ער שימפּפט און ער זידעלט, בעשפּריצט אייך מיט בלאָטע
און שרייט נאָך מיט חוצפה: דו גיב נור און גיב!...

און ווילט איהר אמאָל א טהעאטער בעזוכען
צו זעהן דאָרט אן אמת׳ן אידישען גוסט —
נו, טרעפט איהר א האָפּקע, מען טעצעלט, מען גלעקעלט,
מען צימבעלט, מען בימבעלט, מען פייפט און מען הוסט...

און קוים איך געלינגט שוין ארויס מיט דעם לעבען,
איהר כאַפּט זיך צום לעזען — זיך פּאַסענדיג מוטה;
אין האַנד אריין פאַלט איך א „געלע צדיקת",
וואָס שרייבט, אַז די פּיעסע איז כשר און גוט...

אוי, ברידערלעך, ווילט זיך היינט בעטען די פּרעסע,
זי זאָל מעהר ניט בלאָפען — עס געהט אָבער ניט;
ווייל, ערשטענס, ערקלעהרט זי, איז דאָס איהר אונמעגליך —
ווי קען זי אָהן בלאָפען כאָטש אָבגעהן א טריט?...

און צווייטענס... און דריטענס... עס איז דאָך איהר ביזנעס...
און פיערטענס... עס ווילט זיך דאָך זיין אויפ'ן פערד!
און פינפטענס... און זעקסטענס... בעווייזט מיר א צייטונג
וואָס זאָל איהרע לעזער ניט האָבען אין דר'ערד?...

ווי אַ ס'ווערען ליעדער פערפאַסט

(נאָך יהואש)

עס האָט מיך אַ ליטוואַק געפרעגט:
ווי ס'ווערען דאָ ליעדער געמאַכט,
ווי ס'קניפּט זיך און רייבט זיך,
ווי ס'קלייבט זיך און שרייבט זיך,
ווי ס'פּאָרט זיך צוזאַמען
די ווערטער מיט גראַמען,
אַז ס'זאָל זיך דער לעזער
מיט זיי ניט פערסם'ען...

און איך האָב דעם ליטוואַק ערקלעהרט,
פון וואַנען עס נעהמט זיך דער כח:
ווען איינער איז נור ניט קיין פערד
און האָט נור געהירען אין מח,
דער דאַרף קיין געשאַנק ניט פון גאָט,
דער דאַרף ניט דעם גאַנצען כלאָפּאָט,
און קען זיך דערגראַמען אַ ליעד
אַז געהן זאָל דערפון אַזש אַ רויך!...

און גאָר ניט געקלעהרט און געטראַכט,
האָב איך א י ה ם אַ ליעדעל געמאַכט:

דער פריהלינג גליהט, די זון — זי בליהט,
עס דופּט און רופּט אַן אַלטער איד: —
דו ביזט אַ לומפּ, דו ביזט אַ שופּט!
אַ דיכטער זיצט, אַ דיכטער שוויצט
און מאַכט ביינאַכט אַ פריהלינגס ליעד,

וואָס גליהט און בריהט, און קאָכט און זידט,
און ס'שרייט א איד: — געוואלד א גראם!
ווי: ים מיט פלאם, און יאויך מיט בויך,
און צאָפּ מיט קאָפּ, און קנאָפּ מיט כלאָפּ,
און וואנד מיט האנד, און קום מיט פוס,
און רב מיט שאָף...

דאַן האָב איך דאָס הארץ איהם דערקוויקט:
די גראַמען מיט פּאָסט אָבגעשיקט,
געהייסען איהם שרייבען א שיר
און נעהמען די גראַמען פון מיר...
נישקשה — האָב איך איהם ערקלערט:
דיין שיר וועט דאָ האָבען א ווערטה...
כל זמן נור עס גראַמט זיך ביי אונז
דאַן איז עס דאָ קונסט און ניט — קונץ...

אויף מאָרגען בעקום איך א בריעף:
„דיין פריהלינגס־ליעד האָב איך בעדאַכט,
איך האָב שוין א שטיקעל בעגריף,
ווי ס'ווערען דאָ ליעדער געמאַכט...
נור ס'גראַמט זיך ביי דיר ניט גענוג
צו זיין אזא דיכטער ווי פרוג...
אויב ס'איז דיר דאָס גראַמען ניט שווער,
גראַם נאָך מיר אביסעלע מעהר...."

איך האָב זיך צום טיש באַלד געזעצט —
געשריבען כמעט אָהן א קאָפּ...
דעם בליישטיפט אין צונג איינגענעצט,
געשאָטען מיט גראַמען ווי באָב: —

שרייבער־קלייבער, פעלדער־וועלדער,
פאָהרען שוואַצען, מאַכען געלדער...

משה גולם, אונזער עולם,
מענער, ווייבער, טראָגען קוואָדערם
צו די שרײַבער.
עקטאָרס, לעקטאָרס, פיהרער, שמירער,
הפקר־יונגען, שארפע צונגען, —
פאר די ליגען, וואָס זיי קריגען
אין די בלעטער, מאטע, העלע,
און די געלע...
מיידלעך, דאמען, „פייטער“, רייטער,
פיעסען, דראמען, לאטעס, שמאטעס,
שאנד פאר לייטען —
פרימאדאָנעס — ווי וואָראָנעס...
אלטע, קאלטע, וואָס גערענקען
נח׳ס צייטען.

און ווידער האָב איך איהם דערקוויקט:
די גראמען, די לעצטע, געשיקט,
איצט האָט ער געהאט שוין גענוג
צו ווערען נאָך גרעסער ווי פרוג...
באלד האָט ער גענומען מיין ליעד,
דערלאנגט א רעדאקטאָר, א איד;
אויף מאָרגען אין צייטונג געקוקט...
געוועזען דאָס ליעד איז געדרוקט...
:דאָס ליעד“ — האָט די קריטיק געזאָגט —
„איז ס׳בעסטע וואָס אידיש פערמאָגט...“

אזוי האָב ערקלעהרט איך דעם ליטוואַק, דעם גאסט,
ווי ס׳ווערען דאָ ליעדער און גראמען פערפאסט.

גלויבט ניט אמעריקא

אמאָל האָט אַ בראָנזווילער אידעל
א פּאָר הונדערט דאָלאר געהאט;
זיי זאָלען ניט געהן איהם פערלאָרען,
געוואָלט האָט ער קויפען אַ לאט.

אוועק איז ער באלד אין אַן „אָפּיס“
און דאָרטען מיט שמחה ערקלערט:
„מיסטער, קומט צייגט מיר אַ לאט'ל,
כ'וויל קויפען אַ שטיקעלע ערד.“

מען האָט איהם געוויזען אַ מציאה,
געמאָסטען די ערד מיט אַ מאָס,
געוועזען איז עס „צוואנציג־ביי־הונדערט“,
בעוואקסען אין גאנצען מיט גראָז.

נו, טהוט זיך אַ פרעג אָט דאָס אידעל:
„דאָס לאט'ל וויפיעל האָט די ווערטה?“
דערהערט נור דעם פּרייז פון דעם לענדלאָרד,
עס ליעגט שוין דאָס אידעל אויף דר'ערד

און נעהמט מיט די נעגעל דאָרט גראָבען
און רייסט אויס און פּליקט אויס דאָס גראָז
און קראצט דאָרט און קראצט מיט אַ שפּענדעל
און שנאָרכעט און שמעקט מיט דער נאָז...

און ס'פרעגט דאַן דער לענדלאָרד דאָס אידעל:
„סעי, מיסטער, וואָס שמעקט איהר די ערד?“

JEWISH PUBLIC LIBRARY

דאָס אידעאַל געקנייטשט האָט דעם שטערן
און טיעף־פילאָזאָפיש ערקלערט:

„אמעריקא פול איז מיט שווינדלער,
וואָס שווינדלען אויף טיש און אויף בענק —
דאָ האָנדעלט מען שטענדיג מציאות
און ס׳לאָזט זיך דערפון אוים א קרענק...

„און איידער איך צאָהל די ממתקים,
וויל זעהן איך אויב ס׳האָט עפּעס ווערטה —
פון אויבען קען וואקסען זיך גראָזען
און אונטען — ניט זיין זאָל קיין ערד...“

פרויען

עס האָבען דריי פריינדליכע דיכטער צוזאַמען
גערפּלוידערט אַ שטונדע כסדר;
די טהעמאַ געווען איז: „די שעהנהייט פון פרויען
און זייערע מאָדעס פון קליידער".

דער ערשטער גערעדט האָט אַ דיכטער, אַ יונגער:
„חברים, איך וואָלט זיין אַ בעלן,
בעזיצען אַ כלה מיט העל־בלויע אויגען,
וואָס זאָלען מיט ליעבע נור שטראַהלען...

„און ווייס זאָל איהר פּנים זיין, פּונקט ווי אַ מאַרמאָר,
דעם זיבעטען חן זאָל דאָס האָבען;
די ליניען פון קערפּער — אַזוי ווי ביי ווענוס,
און לאָקען — נאָך שווארצער ווי ראָבען...

„און טראָגען נור קליידער פון חסידישער מאָדע,
וואָס זאָלען איהר קערפּער פערדעקען;
פון אַטלאַס און סאַמעט — ניט צופיעל פערשניטען —
זיי זאָלען קיין תאוה ערוועקען!..."

און איהם האָט גענומען בעשטרייטען אַ צווייטער,
גערעדט אין אַ טאָן, אין אַ קאַלטען:
„ניין, שעהן איז אַ פרוי נור מיט פעך־שוואַרצע אויגען,
וואו ס'ליעגט נאָך אַ פריהלינג בעהאַלטען...

„איהר פּנים זאָל ווייס זיין — האָב איך ניט דאַגעגען;
דאָ שטים איך שוין איין מיט דיין טענה;

די ליניען פון קערפּער — זאָל זיין ווי ביי ווענוס,
און לאָקען — מעג אויך זיין ווי דיינע.

„נאָר קליידער, דאָס זעהסטו, געפעלען מיר גאָר ניט,
אין דעם וואָלט איך גראָד זיין טשיקאַווע,
דערלעבען די צייט ווען די פרוי וועט נאָך טראָגען
די זעלביגע קליידער וואָס חוה...“

דאָ האָב איך גענומען בעשטרייטען זיי ביידען:
„אַז אויגען וואָס איך ליעב אַם בעסטען,
איז אידישע אויגען און ברוין ווי קאַסטאַניען,
פון יוגענד־חלומות צוויי נעסטען...

„אַ פּנים אַ ווייסער האָט גאָר ניט קיין פּנים...
אין שעהנקייט בין איך נור אַ קענער!
איך ליעב אַ ברונעטקע מיט ליניען ווי ווענוס,
און ס׳מאַכט ניט אפילו ווען שענער!...

„און חן־גריבלעך דארפען בעזיצען די באַקען,
זיי מאַכען די פרוי נאָך פיעל ליעבער;
וואָס קענען פערשלינגען מיליאָנען פון קושען,
און קושען זיך קיינמאָל ניט איבער...

„איהר מעגט דאָרטען האָלען מיט קושען כאָטש יאָהרען,
פאַר זיי וועט דאָס תמיד אַ נול זיין...
די חן־גריבלעך וועלען פערבלייבען די זעלבע
און קיינמאָל אין לעבען ניט פול זיין...

„און קליידער און מאָדעס, דאָס אַרט מיך גאַנץ ווענ׳ג;
דאָס איז ניט פאַר מיר צו ענטשיידען;
יאַ קליידער, ניט קליידער; יאַ מאָדע, ניט מאָדע —
עס לוינט וועגען דעם ניט צו רעדען!

„ביי מיר איז דער עיקר אַ אידישע טאָכטער,
וואָס שוועבט נאָר אויף איהר אום אַ בושה...
פון עלטערען פיינע... פון גרויסע נגידים...
אַ האָפנונג זאָל זיין אויף ירושה...

„און שנירלעך מיט פעריל און דימענטען גרויסע,
זיי זאָלען מיין כלה בעשיינען —
וועט קומען אַ קריזיס... ניט זיין וועט קיין ארבייט...
זאָל האָבען איך וואָס „צו פערפיינען" !...."

אן „עהרען אבענד"

מאכט א צייטונג א געפּילדער:
„אין טהעאטער קומט געשווינד,
צו בעגריסען אונזער דיכטער,
וואָס געקומען איז אצינד.

„אונזער דיכטער, וואָס געשאפען
האָט אונז אוצרות גאָר א סך;
וואָס מיט פּעריל גאנצע ים'ען
האָט בערייכערט ער די שפּראך."

אויף דער סצענע שטעהט דער דיכטער,
אויגען מאטע, אָהן א גלאנץ;
און א בחור האַלט שוין פּארטיג
אָנגעגרייט א לאָרבער־קראנץ...

און א בראנד א רעדנער שטעהט שוין,
רעדט מיט פייער, רעדט מיט האסט,
און בעשיט מיט לויב־געזאנגען
אונזער דיכטער, אונזער גאסט:

„לעבען לאנג זאָל אונזער נביא!
לייכטען לאנג זאָל אונזער ליכט!" —
און מען לעזט פאָר פאָר דער מאסע
אונזער דיכטער'ס א געדיכט —

ווערט די מאסע שטארק בעגייסטערט...
פּאטשט און פלאסקעט מיט די הענד;
און זי שרייט און מאכט געוואלדען,
אז עס טרייסלען זיך די ווענד!...

און עס פּאָכען, און עס וועהען
ווייסע טיכלעך אין דער לופט;
ווייסע טיכלעך... שווארצע היטלען...
און די מאסע שרייט און רופט:

„לאנג זאָל לייכטען אונזער שטערען,
אונזער אידישער פּאָעט!" —
מען בעווארפט איהם באלד מיט בלומען
מען דערלאנגט איהם א בוקעט...

ווערט די מאסע מעהר דערוואָרעמט...
פלאסקעט שטארקער מיט די הענד —
„ס'האָט דאָס פאָלק, רופט אויס דער רעדנער,
דאָך איהר דיכטער אנערקענט!"...

און עס שטעהט דער גרויסער דיכטער
איינגעהילט אין כבוד־גלאַנץ —
און דער רעדנער טהוט דעם דיכטער
אָן דעם פיינעם לאָרבער־קראַנץ...

און דער דיכטער שטעהט א בלאסער
אין א בלומען־ים און טראכט:
פראים גרויסע, וואָלט איהר בעסער
א באנקעט פאר מיר געמאכט...

א באנקעט — וואו איך זאָל האָבען
כאָטש א מאָהלצייט צו דער זאט;
זיעבען טעג קיין לעפעל ווארעמס
אין מיין מויל שוין נישט געהאט...

פראים גרויסע... ווארפען בלומען...
רעדנערם — רעדען צוקער־זים...
און דער דיכטער האָט קיין עסען
און קיין שיך ניט אויף די פים!...

„קאנסטיטוציע“

צום ברענטש „נומער ערגער“ פון „ארבייטער אָרדען“,
וואָס שטיצט זיינע פריינדע אין נויט,
און שפּייזט זיי ביים לעבען מיט פּיקניקס און לעקטשורס,
מיט קרקע, מיט „פּעלד“ נאָכ׳ן טויט —

בעלאַנגט שוין זייט יאָהרען נפתלי דער דיכטער,
נפתלי — ער זשיפּעט איצט קוים,
און זשיפּענדיג וועבט זיין פאַנטאַזיע אַ חלום,
אַ ליעבען, אַ הארציגען טרוים:

„ווי גוט וואָלט געוועזען, ווען איך קען אצינדער
פערלאָזען אַ ביסעל די שטאָדט,
אוועק אין די „מאָונטיינס“, און קרעפטען אָנזאמלען
און סוד׳ען זיך דאָרטען מיט גאָט...

„בעזינגען גאָט׳ס שעהנע און ליכטיגע וועלטעל,
זיין גרויסעס, זיין הייליגעס ווערק;
דאָס וועלטעל פון בלומען און טייכען און סאָסנעס
און הויכע פער׳חלום׳טע בערג.

„וואו ס׳רייסט זיך אויף פליעגלען די קראַנקע נשמה
צום טיעף־בלויען הימעל ארויף;
וואו פויגעלעך זינגען אייך ליעדער צום שלאָפען,
און וועקען בעגינ̇ען אייך אויף.“

אזוי וועבט און שפּינט אַלץ זיין חלום נפתלי,
דער קראַנקער און בלאַסער פּאָעט —

דאָך וואָס קומט ארויס, אז די ביינערנע האנד פון
דער נויט האָלט געשמידט איהם צום בעט !...

א שמייכעל זיך פּלעכט אויס ארום זיינע ליפּען,
זיין פּנים זיך רויטעלט פון היץ — — —
דאָך פּלוצים... די אויגען זיך ברענען פּאַנאַנדער,
אין מוח — טהוט עפּעס א בליץ...

ער זעצט זיך אין בעט אויף — און שרייבט אָן א בריוועל
און גיסט זיינע ליידען ארויס:
„ליעב־הארציגע פריינדע... איך צאַנק ווי א ליכטעל...
אָט־אָט, און עס לעשט זיך באלד אויס...

„כ'מוז פאָהרען אין קאָנטרי אויף עטליכע וואָכען,
איך האָב שוין קיין קרעפטען ניט מעהר" — — — —
געענדיגט דאָס בריוועל... געשיקט עס אין אָפיס,
בעגלייט מיט א ברענענדע טרעהר...

געענטפערט דער אָפיס האָט באלד איהם א בריוועל:
„שוין צייט איהר זאָלט ווערען א מענש;
און דרעהט ניט קיין ספּאָדיק מיט קאָנטרי, מיט שמאָנטרי...
זייט מוחל, און ווענדט זיך צום ברענטש...

„אונז דאכט, אז די לעצטע קאָנווענשענס, זיי האָבען
די פראגע גענזעצליך ערקלערט:
אז שיקען אין קאָונטרי „אזוי גלאט א קראנקען",
איז לויט קאָנסטיטושען פערווערט..."

און דאָך האָט נפתלי נעפּאָלגט און געשריבען —
און טהרערען איהם האָבען געשטיקט...
אין עטליכע וואָכען ארום האָט די ברענטש איהם
דעם ראַזיגען ענטפער געשיקט:

„אומזיסט אייער בעטען... אומזיסט אייער האָפען...
אומזיסט אייער צייט און פּאַפּיער...
א „פריינד“, וואָס וויל פאָהרען געזעצליך אין קאָונטרי,
מוז קריגען קאָנסאָמפּשען א פריה׳ר..“

דער פרעהליכער בדחן

(פורים׳דיגס)

די מוהמע זיך פארעט, דער פעטער איז פרעהליך.
ער טרינקט און פערבייסט זיך מיט ניסלעך;
און זינגט זיך א זמר... און געהט זיך א טענצעל...
און קוים וואס ער פלאנטערט די פיסלעך...

ער זינגט זיך א זמר פון המן׳ס מפלות,
זיין שטימע, זי קלינגט ווי א גלעקעל;
און זינגענדיג טאנצט ער זיך צו צו דער מוהמען
און טהוט איהר א גלעט אין א בעקעל...

איהר בעקעל נעהמט פלאמען... הפנים, פערשעהמט זיך...
דער פעטער, ער זאגט זיך א וויצעל.
עס טרייבט איהם די מוהמע אוועק — דאך ער טהוט איהר
באלד אונטער דער פאכווע א קיצעל...

די קינדער פארשמאיעט, און אלע פערפוצטע,
מיט פריש־אויסגעצוואגענע קעפלעך,
זיי שטעהען ביים אויווען... און נאשען און לעקען
און טרעטען ניט אב פון די טעפלעך...

עס עפענט די טהיר זיך — די שוועל טרעט אריבער
דער פרעהליכער בדחן, ר׳ נאטע,
דאס אויגעל — דאס לינקע — פערקלעפט מיט א פלאסטער,
דאס רעכטע — זיך טובל׳ט אין בלאטע...

„גוט יום־טוב דיר, הערשעל, גוט יום־טוב דיר, שפרינצע;
גוט יום־טוב אייך ביידען צוזאמען;
דערלאנגט נאר א כוסה... א כוסה א גרויסע..."
און נאטע נעהמט שיטען מיט גראמען.

די מוהמע דערלאַנגט איהם אַ פלעשעל מיט בראַנפּען,
דער פּעטער — ער העלפט איהם אַרויס'עט — —
און מילא... און גאָר ניט... דאָס אָרימע פלעשעל
ביי נאָטען אין גאָרגעל שוין גוסס'ט.

פערגאָרגעלט דעם בראַנפען... פערביסען אַ פלעדיל,
דאַן איז ער אַרויס פון די כלים;
געגאַנגען אַ האָפּקע... געשאָטען מיט גראַמען
און פּלוידערט גאָר דברים בטלים: —

„לאַנג לעבען זאָל המן מיט אַלע צעהן בנים...
פון הודו ביז כוש... אַלע שררים...
מיר גיסען, אַ דאַנק זיי, פון פלעשעל אין גאָרגעל
און האָבען אַ לוסטיגען פּורים!...

„לאַנג לעבען זאָל מרדכי, דער אידישער גראַגער...
און אסתר, זיין שוועסטער, די „גרינע",
וואָס האָט מיט איהר קערפּער גערעטעט די אידען
פון טפּוש'עס גאַנצער מדינה...

„אַ דאַנק זיי איז פּורים, אַ דאַנק זיי איז יום־טוב,
לאַנג לעבען זאָל המן המרתא!
לאַנג לעבען זאָל דלפן... זיין זיהנדעל, דער עושר...
און אויך זיין מוזיניק ויזתא!..."

און נאָטע דער בדחן, ער כאַפּט אָן דעם פּעטער
און גיט איהם אַ לוסטיגען טרעסעל;
און לאָזען זיך ביידע אַוועק אין אַ האָפּקע,
עס ציטערט פאַר שמחה דאָס געסעל...

נביאות

(נאָך ביאליק)

און אז איהר האָט א צונג אין מויל,
טאָ דארפט איהר זאָגען ליגען ?
און פיהרען פּלאָטקעס, עסען שוויין,
די גאנצע וועלט בעטריגען ?

און האָט אייך גאָט געגעבען הענד,
טאָ דארפט איהר קיצלען מיידלעך ?
און שרייבען אין די צייטונגען
פון בלוזעס און פון קליידלעך ?...

און האָט אייך גאָט פערשטאנד געשענקט
צו זוכען זיך א טיטעל ?
און אייך דעם קאָפּ בעשאפען האָט
צו טראָגען נור א היטעל ?...

און ווען איהר האָט א טרעמבע שוין,
איז זייט איהר א מרנו ? —
און אז איהר האָט אַן אחור שוין
וואָס שרייט איהר ישקני ?...

— — — — — — — — — — — — — — —

און האָט איהר דראמאטורגען שוין
וואָס שאַפען אייך די דראמאס,
טאָ וואָס־זשע קען א מענש ניט שטעהן
אין זייערע ד׳ אמות ?...

און ווען איהר האָט א פּריידיגער
און דרשנ׳ט אייך אין קלייזעל,

טאַ מוז ער ווייזען פאַר דער וועלט
אז ער איז אויך אן עזעל?...

און אז איהר האָט אַ סאָציאַליסט,
אַ מיטגליעד פון די „רויטע“ —
מיינט איהר, אז ער מוז דערצו
אויך זיין אַ גרויסער שוטה?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אז איהר האָט אַ כשר־קיך,
וואָס קאָרמעט איהר מיט שימעל?
וואָס־זשע הערט דער בורא דאָרט
דעם עפּוש אַזש אין הימעל?...

און אז איהר האָט שוין „טשאַריטיס“,
פון צדקה צו געניסען, —
טאַ דאַרף מען פונקט אין קריזיס־צייט
די טהירען דאָרט פערשליסען?...

און האָט איהר אַ טעאַטער שוין
פאַר אייערע טוכלע דראַמעס,
טאַ וואָס־זשע גרילצען דאָרט די „סטאַרס“,
אַ רוח אין זייערע מאַמעס?!

און איהר, וואָס פייפט און פאַטשט און שרייט,
אַ, פונקט ווי ווילדע ברואים: —
„הורראַה!... באַנאַנעס!... בי־בים!... עפּעל!...
מחנות משוגעים!...

און אז איהר זיצט אויף גאַליאַרקע,
אז וועה צו אייער יחוס! —
וואָס־זשע שפּייט איהר דאָרט אַראָב
און ציעלט זיך אויף די פּליכעס?...

און אז איהר קומט אין פּארק אריין
וואָס ברעכט איהר די פּארקאנעם ?
וואָס פלאנצט איהר מיר דאָרט וויינגערטנער
פון שאָלעכץ פון באנאנעם ?...

און וואָס־זשע פּאָרקעט איהר זיך דאָרט
וואו פינסטער איז און דונקעל ?
וואָס העפּט איהר זיך אין פּאָרעלעך
און מאכט דאָרט קונקעל־מונקעל ?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און גאָט האָט מיך געשיקט צו אייך
און אייך געהייסען זאָגען :
איהר זאָלט די חברה הייסען געהן
צו אַל־די וויסטע קלאָגען ! ! . . .

אן עצה צו א דיכטער

מעגסט האָבען א האַרפע מיט פעריל בעזעצט,
מעגסט זיין אויך א מזיק אין שפיעלען;
בעזיצען דערצו נאָך א שאַרפען ג ע ה ע ר,
א שטאַרקען, אן אייזערנעם ווילען —

קוים בליהט די מעלאָדיע פון האַרץ ניט ארויס,
קוים צאַפּעלט אין האַר׳, ניט קיין סטרונע,
דאַן העלפט ניט דיין ו ו י ל ע ן, דיין שאַרפער ג ע ה ע ר,
בעשטעל פאַר דיין האַרפע א טרונע

פון איינפאַכע ברעטלעך צוזאַמענגעקלאַפּט, —
עס זאָל דיך ניט קאָסטען צו טהייער;
און צינד אָן פון חלב איהר ליכטעלעך צוויי
און אידישלעך זיי זי מטהר...

און האָסטו ווי נויטיג איהר ר ע כ ט אָבגעטהאָן,
דאַן פיהר זי אַוועק צום בית עולם,
בעגראָב זי, בעשיט זי און קדיש זאָג אָב
און הער אויף צו מוטשען דעם עולם!...

דאס געפאַלענע קעניגרייך

אוים מלך איז יאַשקע,
אוים מלכה — זיין ציפּע,
אוים פּרינצען — אויך זייערע זיהן;
עס זיינען די טעכטער
שוין מעהר קיין פּרינצעסינס —
דער מלך שוין זיצט ביים מאַשין...

די פּרינצען, די יונגע,
די שעהנע פּרינצעסינס
זיך ראַנגלען צוריק מיט דער נויט;
די מאַמע, די מלכה,
האָט מעהר ניט קיין דעה;
די פּרינצען — זיי לעכצען נאָך ברויט...

אוים יום־טוב, אוים פּסח,
אוים וויין און אוים קניידלעך,
פערשלונגען, פערצוקט יעדע זאַך;
פערבליבען נור זיינען איהם
חובות א פולע,
און מכות און מרור א סך!...

צושטערט די חלומות,
די זיסע און שעהנע,
דאָס לעבען שוין הערשט אויף דער וואָהר;
דער מלך, דער שטאָלצער,
ער ארבייט ביי הויזען —
די מלכה, זי סקראָבעט דעם פלאָר...

דאָס איינגערע פּרינצעל
שוין פּעדעלט מיט פּייפּערס,
דער מיטעלסטער פּוצט פּרעמדע שיך;
דעם עלטערען פּרינץ האָט
דער מלך גענומען
און האלט איהם אין שאַפּ נעבען זיך.

די יונגע פּרינצעסין,
מיט לאָקען, מיט בלאָנדע,
מיט בלויענקע אויגעלעך צוויי
זי ארבייט ביי בלוזקעס,
דעם נאקען געבויגען,
און צאַפּעלט און שוויצט ביים גענייַ.

דער פּאַלאַץ פון מלך,
ער איז שוין א חורבה,
עס וויינען די גרויע פּיער ווענט;
דער מלך, די מלכה,
זיי האָגלען מיט זיפצען:
„ניטאָ נאָך, ניטאָ נאָך אויף רענט!..“

עס שרעקט זיך דער מלך,
עס שרעקט זיך די מלכה,
די פּנים׳ער פּארבען זיך בלאַס...
מען זאָל זיי דעם ערשטען
פון מאי ניט ארויסשטעלען
מיט זייערע מעבעל אין גאַס...

און ס׳חלום׳ט דער מלך,
און זוכט אויס אין חלום
א רוהיגען אָרט פאר זיין גוף —

און ס'פיהרט איהם דער דמיון
אַלץ העכער און העכער —
און אָט איז דער בלעכענער רוף...

אוים מלך איז יאָשקע,
אוים מלכה — זיין ציפּע,
אוים פּרינצען אויף זייערע זיהן —
עס זייגען די טעכטער
שוין מעהר קיין פּרינצעסינס —
דער מלך שוין זיצט ביים מאשין...

דער „ציטיזען"

שוין לאנג אז איך האָב מיינע „ציטיזען"־פייפּערס —
דערצעהלט מיר אַ אידעל, אַ כוואט;
איך זאָל דאָס פערדיענען, מיט אייך, אַלע חודש
וואָס כ׳האָב שוין פון וואוטען געהאט.

עס האָבען מיט יאָהרען צוריק די פּארטייען:
רעפּאָבליקענס, טאמאני־האָל,
געגעבען די בעסטע האַוואנא־סיגארען
און דאָלארס און דאָלארס אָהן צאָהל,

פאר געבען די „שטימע" פאר זייערע חברה,
צו וואוטען פאר זייער׳ן אַ מאן —
איך זאָל דאָס פערדיענען, מיט אייך, אַלע חודש
וואָס איך האָב געמאכט שוין זייט דאן.

איך האָב מיט מיין גיטלען אנומעלט בערעכענט,
(געזעסען ביז שפּעט אין דער נאכט)
פיעל כ׳האָב שוין געהאט פון די „ציטיזען" פּייפּערס,
פיעל פּראָפיט זיי האָבען געבראכט.

און אָט איז דער חשבון... גענוי יעדער ציפער...
איהר נעהמט אויף ציקאַוועסט פערשרייבט: —
אַ דאָלאר מיט אכטציג בעצאָהלט פאר די פּייפּערס,
איצט רעכענט וויפיעל מיר פערבלייבט.

פאר „טאמאני" האָב איך געשטימט אַ מאָל זיבען,—
צו דאָלאר מיט פופציג אַ יאָהר.

בעטרעפט דאָס אין איינעם צעהן דאָלאַר מיט פופציג
און אָט איז דער חשבון אייך קלאָר.

א דאָלאַר מיט אכטציג ארונטער פון חשבון,
טו וויפיעל־זשע, מיסטער, פערבלייבט?
גיט קיין אכט דאָלאַר מיט זיבעציג צענטען?
און איצטער, זייט מוחל און... שרייבט:

געשטימט פאַר „רעפּאָבליקען" האָב איך אַן ערך
פון צעהן מאָל, מיר דאכט זיך, אויף קלאָר;
געצאָהלט מיר זיי האָבען שוין גרעסערע פּרייזען:
צו דאָלאַר מיט זעכציג א יאָהר.

צעהן מאָל צו דאָלאַר מיט זעכציג באַטרעפט דאָס...
סעי מיסטער, איהר רעכענט, צי ניין?
באַטרעפט דאָס אַן ערך... אויב כ'האָב ניט קיין טעות...
טו רעכענט שוין, מיסטער, אליין!

איצט קומען צוגעהן זיך צו מיר די גענאָסען
און ווילען ניט אנדערש מיין שטים —
זיי זאָגען כ'זאָל וואוטען פאַר עפּעס א „רויטען",
כ'זאָל געבען מיין שטימע פאַר איהם.

א מכה, האָב איך זיי געענטפערט, א מכה!
די פּייפּערס, זיי קאָסטען מיך בלוט!
קענט איהר בעצאָהלען א דאָלאַר מיט זיבעציג?
דאַן קריעגט אייער „רויטער" מיין וואָוט.

דער ראמאנען־לעזער

אין א בוך־געשעפט, א היגען,
געהט אריין א יונגער מאַן,
און ער פרעגט דעם מוכר ספרים:
„ביכער איז ביי אייך פאראן?

„גיט א ביכעל מיר, א רעכטען,
אָדער א טהעאטער־שטיק;
עפּעס גוטעס... איהר פערשטעהט מיך?
גיט מיר עפּעס... אַן אנטיק!

„תמיד לעז איך פיינע שטיקלעך —
טהוט דער יונגערמאַן א זאָג —
די ראָמאַנען אין די פּייפּערס,
לעז איך איבער יעדען טאָג.

„נור זיי גיבען קליינע ברעקלעך,
אויף די „פּייפּערס“ אויבען אָן; —
פּיצלעך, שטיקלעך, פּשוט גאָר נישט,
קוים עס קלעקט מיר אויף א צאָהן...

„רוצחים זיינען זיי, די „פּייפּערס“!
רייסען פּענים פון דער האנד —
קומען זאָל אויף זיי א צרה,
קומען זאָל אויף זיי א בראנד!

„נעהם איך לעזען „קאטערינא“,
„סאנין“, אָדער „מוטער'ס זינד“,

„אראבעללא“ אָדער „בערטהא“,
צי „דאָס אונגעזעצליך קינד“,

„צי די שעהנע „ווייסע שקלאווין“,
אָדער קופּרין'ס טיעפע „גרוב“,
אָדער „דאָס פערפיהרטע מיידעל“,
אָדער גאָר „די אם אין שטוב“ —

וואָס איך זאָל ניט נעהמען לעזען,
ווייט פערפאָהרען לאָזט מען ניט —
ביי דאָס אמת'ע געדיכטע
מוזט איהר בלייבען אין דער מיט.

איינמאָל בין איך מיר געזעסען
מיט דער „שקלאווין“ אין דעם בעט,
און פערטיעפט זיך אין איהר לשון
וואָס זי האָט צום העלד גערעדט;

ערשט גענומען זי בעגרייפען,
איהרע טענות גוט פערשטעהן —
האקט דער פּייפער אָב אין מיטען,
און איך קען ניט וויטער געהן!...

„איהר פערשטעהט א מין רציחה!
סטאָפּען אין דער מיט און — גאָר?!
קומען זאָל אויף זיי אַן אונגליק
און א פינסטער, ביטער יאָהר!“

און עס פרעגט דער מוכר ספרים:
„זאָגט מיר, ליעבער יונגערמאַן,
ווילט איהר אפשר לעזען פּ ר ץ,
אָדער ס פּ ע ק ט א ר'ס א ראָמאַן?

אָדער אפשר אבראמאָוויטש —
נאָט, זייט מוחל, ניט א קוק ;
אָדער נאָמבערג, אש, יהואש,
רייזען, ראָזענפעלד און פרוג?"

„ניין, איך וויל א גוטען ביכעל
וואָס זאָל האָבען עפּעס ווערטה...
אָט די נעמען פון די שרייבערס
האָב איך קיינמאָל ניט געהערט..."

אַ בריוועל פון טאַטען

„ליעבער זוהן" — מיר שרייבט מיין טאַטע —
„ס'ציטערט מיר אַ יעדער אבר:
כ'האָב געהערט אַ שווארצע בשורה,
וואָס וועט טרייבען מיך אין קבר!...

דו וואָס ביזט געוועזען תמיד
איינגעבאַקען מיר אין הארצען,
זאָלסט גאָר אויף די אַלטע יאָהרען
מיר דאָס פּנים מיינס פערשווארצען!

שווערע געלדער פאַר מלמדים
האָבען מיר אוועקגעגעבען,
און געדעכענט אויף דער עלטער
נחת פיעל אָן דיר דערלעבען.

און צום סוף — אוי, וועה דעם טאַטען!
ביזטו גאָר אוועקגעפאָהרען
און צו אונזער שאַנד און וועהטאָג,
ביזט אַ שרייבער דאָרט געוואָרען!...

וועה, אַ שרייבער אין גאַזעטען!
גלייכער שוין צו פּאַשען ציגען,
ווי צו האָבען אַ פּרנסה
שטענדיג נור צו זאָגען ליגען!...

ס'הייסט גאָר פשוט, טהייער קינד מיינס,
ביזט אַ שקרן דאָרט געוואָרען!...

וועה דעם טאטען, וואָס דערלעבט האָט
דאָס אויף זיינע אַלטע יאָהרען...

ווען די מאַמע האָט די וויסטע
בשורה זיך געטהאָן דערוויסען,
האָט זי באַלד געזעצט זיך שבעה
און האָט קריעה זיך געריסען;

האָט פערגאָסען טייכען טרערען;
איז פאַר זאָרג קיין נעכט געשלאָפען;
נור געיאָמערט אויף דעם אונגליק,
וואָס האָט פּלוצים זי געטראָפען!...

סטייטש, איהר קדיש... איהר בן־יחיד
זאָל גאָר ווערען א כל־בו׳ניק!
בעסער, זאָגט זי, שלעסער רייסען,
זיין א גנב... א ראזבויניק...

אָדער גאָר אַן אונטערצינדער,
איידער שרייבען אין גאזעטען!
שיק איהם שוין אוועק א בריוועל,
אז ער זאָל פון שאנד אונז רעטען!...

אויב דו שיקסט איהם ניט קיין בריוועל,
זאָלסטו וויסען, דוד שלמן,
ער וועט דאָרט א יתום בלייבען
און דו ווערען וועסט אַן אלמן...

יא, דער אונגליק, אַט דער גרויסער,
האָט מיר אויף פערקירצט די יאָהרען —
וואָלסט מיך זיכער ניט דערקאָנען:
ווי א טויב שוין גרוי געוואָרען!...

ליעבער יאַנקעל, האָב רחמנות!
הער דאָס וויינען און דאָס בעטען
פון דיין אַלטע טאַטע־מאַמע —
שרייב ניט מעהר אין די גאַזעטען!...“

י. באַנק

פאלקס־ליעדער

1. זיבען גוטע ברידער.

זיעבען גוטע ברידער זיינען מיר געווען,
האָבען מיר געהאט א פולע געלד,
האט זיך איינעם פלוצלינג
א שרייבער זיין פערוועלט.
פלעגט ער נעבעך געהן אָהן שיך,
עסען אין דער „כשר־קיך“ —
האט ער זיך דעם מאָגען אוי, פערדאָרבען
און ער איז אוועקגעשטאָרבען.

זעקס גוטע ברידער זיינען מיר געבליבען,
האָבען מיר געהאט א פולע געלד,
האט זיך איינעם פלוצלינג
אן אקטיאָרעל זיין פערוועלט.
פלעגט ער שפיעלען אויף דער ביהנע,
פלעגט עס טומלען פון די גרינע,
פלעגט ער שרייען אונגעהייער,
האט מען איהם מיט פוילע אייער
צוגעדעקט ווי מיט א שלייער,
האט עס זיך געהערט אין גאנץ טהעאטער,
האט ער באַלד דערפיהלט א שווערען קאטער,
פלעגט ער טעג און וואָכען ניסען,
ביז ער האט די נאָז צוריסען, —
ז׳ער געפאלען דאן א קרבן
און איז אויך אוועקגעשטאָרבען.

פינף גוטע ברידער זיינען מיר געבליבען,
האָבען מיר געהאט א פולע געלד,

האָט זיך איינעם פּלוצלינג
אַ רעדנער זיין פערוועלט.
פּלעגט ער האַלטען לאַנגע דרשות,
פּלעגט עס נודיען ביז חלשות,
איינמאָל איז ער איינגעשלאָפען
בעת ער האָט גערעדט
און ער איז אַריינגעפאַלען
אין אַ הינ־הער־פּלעט, —
ז׳ער געפאַלען דאָן אַ קרבן
און איז אויך אָוועקגעשטאָרבען.

אוי, פיער ברידער זיינען מיר געבליעבען,
האָבען מיר געהאַט אַ פולע געלד,
האָט זיך איינעם פּלוצלינג
אַ חזן זיין פערוועלט.
האָט ער טאָג און נאַכט געזונגען,
האָט די גאַנצע גאַס געקלונגען,
זיינען שכנים פון דער הויט געשפּרונגען,
האָבען זיי איהם באַלד געבראַכט צו שלעפען,
און געוואָלט די ליפען איהם פערקלעפען,
האָט ער ווי אַ קאַץ געפייפט, געשנאָרכעלט,
ווי אַ ווילדער אָקס געבאָרכעלט,
ביז ער האָט זיין קול פערדאָרבען
און איז אויך אָוועקגעשטאָרבען.

אוי, דריי גוטע ברידער זיינען מיר געבליבען,
האָבען מיר געהאַט אַ פולע געלד,
האָט זיך איינעם פּלוצלינג
אַ דאָקטאָר זיין פערוועלט.
איז ער איינמאָל קראַנק געוואָרען,
איז איהם באַלד אַריין אין זינען
נעהמען זיינע אייג׳נע מעדיצינען, —

נו, איז ער געפאלען באלד א קרבן
און איז אויך אוועקגעשטארבען.

אוי, צוויי גוטע ברידער זיינען מיר געבליבען,
האבען מיר געהאט א פולע געלד,
האט זיך איינעם פלוצלינג
אן אדוואקאטעל זיין פערוועלט.
פלעגט ער פיהרען גרויסע „קייסעס“
פאר די יענטעס, פאר די משה'ס
און פלעגט זיי פאר ארעסטאנטען מאכען, —
פלעגען אלע אדוואקאטען לאכען,
האט ער עטוואס צוגעאיילט זיך
און ער האט מיט זיי „געטריילט“ זיך,
האט ער באלד זיין „טרייל“ פערלארען,
האט דער ריכטער איהם פער'משפט
אבצוזיצען צוואנציג יאהרען,
איז ער דארט משוגע שנעל געווארען,
ז'ער געפאלען — וועה! — דער לעצטער קרבן,
און איז אויך אוועקגעשטארבען.

אוי, איין גוטער ברודער בין איך מיר געבליבען,
האב איך מיר געהאט א פולע געלד,
נו, האט זיך מיר פלוצלינג
א וויצלינג זיין פערוועלט.
האב איך וויצען פיעל געשריעבען,
און מיט מיינע קונדס־ליעדער
אבגעלאכט פון מיינע ברידער
און איך לעב און זויף און שטאפ מיר
און עס געהט קיין זאך ניט אב מיר,
קיין זאך קען מיך ניט פערדארבען
כ'דענק כ'וועל קיינמאל גאר ניט שטארבען!...

2. דער אידישער גזלן.

שטעהט אין וועלדעל ניט קיין הויז?
יא, דאָרט שטעהט דעם גזלן׳ס הויז.
קומט דער גזלן ווען ארויס?
יא, דער גזלן קומט ארויס.

קומט ארויס, גזלן׳ס הויז,
אָה שלים־מזל׳ען!... ליעבער גזלן,
קום ארויס פון גזלן׳ס הויז.

האָט דער גזלן ניט קיין מורא?
יא, עס האָט דער גזלן מורא,
פאַלט אויף איהם א מרה שחורה,
נעהמט ער דאמאָלסט לערנען תורה
און טהוט תפילה צו דעם בורא.

ניט קיין מורא, מרה שחורה,
לערנען תורה צו דעם בורא,
גזלן׳ס הויז, קומט ארויס,
אָה שלים־מזל׳ען!... ליעבער גזלן,
קום ארויס פון גזלן׳ס הויז.

אז ס׳בעפאַלט איהם א ניט־גוטער?
רופט ער דאן זיין אלטע מוטער.
אז ער קומט צו זיך, וואָס טהוט ער?
דאמאָלסט טרוימט ער, דאמאָלסט רוהט ער.
וואָס־זשע טהוט ער? דאמאָלסט רוהט ער.

א ניט־גוטער, אלטע מוטער,
ניט קיין מורא, מרה שחורה,
לערנען תורה צו דעם בורא,

גזלן'ס הויז, קומט אַרויס,
אָה שלים־מזל'ען !... ליעבער גזלן,
קום אַרויס פון גזלן'ס הויז.

גערט אַמאָל דער גזלן רויבען ?
יא, דער גזלן לאָזט זיך רויבען.
וואָס־זשע רויבט ער ? ווייסע טויבען,
שוואַרצע יאַגדעס, גרינע טרויבען.

גרינע טרויבען, ווייסע טויבען,
אַ ניט־גוטער, אַלטע מוטער,
ניט קיין מורא, מרה שחורה,
לערנען תורה צו דעם בורא,
גזלן'ס הויז, קומט אַרויס,
אָה שלים־מזל'ען !... ליעבער גזלן,
קום אַרויס פון גזלן'ס הויז.

גערט ער ניט פערביי גזלנים ?
יא, ער גערט פערביי גזלנים.
ווערט נישט בלייבער דאַן זיין פנים ?
יא, עס ווערט איהם בלייך זיין פנים.
שעלט ער ניט די שונאי ציון ?
יא, ער שעלט די שונאי ציון.
גיט ער זיי ניט זיין עשירות ?
יא, ער גיט זיי זיין עשירות.

זינגט ער זמירות, זיין עשירות,
טהוט ער קניען, שונאי ציון,
בלייבער פנים, פאַר גזלנים,
גרינע טרויבען, ווייסע טויבען,
וואָס־זשע טהוט ער ? דאַמאַלסט רוהט ער.
אַ ניט־גוטער, אַלטע מוטער,

ניט קיין מורא, מרה שחורה,
לערנען תורה צו דעם בורא,
גזלן׳ס הויז, קומט ארויס,
אָה שלים־מזל׳ען !... ליעבער גזלן,
קום ארויס פון גזלן׳ס הויז.

3. סערעלע, קעצעלע...

סערעלע, פּערעלע, קעצעלע מיין,
ווילסט דאָך מיין גוטע בעל־עצה׳טע זיין:
וואָס פאַר א וואַסער האָט ניט קיין פיש?
וואָס פאַר א שרייבער האָט ניט קיין טיש?

נארישער בחור׳ל, נארישער כלאָפּ,
האָסט דאָך קיין ברעקעלע מארך אין קאָפּ.
דאָס וואַסער פון לעקטשורס האָט ניט קיין פיש,
דער אידישער שרייבער האָט ניט קיין טיש.

סערעלע, פּערעלע, קעצעלע מיין,
ווילסט דאָך מיין קלוגע בעל־עצה׳טע זיין:
וואָס פאַר א שטערען גיט ניט קיין שיין?
וואָס פאַר א שכור טרינקט ניט קיין וויין?

נארישער בחור׳ל, נארישער כלאָפּ,
האָסט דאָך קיין ברעקעלע מארך אין קאָפּ.
דער „שטערען“ פון ביהנע גיט ניט קיין שיין,
דער שכור וואָס פאַלט ניט טרינקט ניט קיין וויין.

4. וואונדער איבער וואונדער.

קען איך אַ פּאָר יונגע שרייבער,
שפּייזען זיי די ווייבער.
אָך וואונדער, איבער וואונדער
ווי די שרייבער שפּייזען ווייבער, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער!

קען איך מיר אַ יוניאָן־פיהרער,
וועלכער איז קיין צייטונג־שמירער.
אָך וואונדער, איבער וואונדער
ווי דער פיהרער איז קיין שמירער,
ווי די שרייבער שפּייזען ווייבער, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער!

קען איך מיר צוויי פאַבריק־שקלאַפען,
וועלכע לעבען ווי די גראַפען.
אָך וואונדער, איבער וואונדער
ווי די שקלאַפען זיינען גראַפען,
ווי דער פיהרער איז קיין שמירער,
ווי די שרייבער שפּייזען ווייבער, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער!

קען איך מיר אַן אַלטען „ספּיקער“,
וועלכער איז ניט קיין זאַאיקער.
אָך וואונדער, איבער וואונדער
ווי די שקלאַפען זיינען גראַפען,
ווי דער פיהרער איז קיין שמירער,
ווי די שרייבער שפּייזען ווייבער, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער!

כ'קען אַ היימיש'ן גאַסען־קלינער,
וועלכער איז דאָ קיין ראַבינער.

אָך וואונדער, איבער וואונדער
ווי דער קלינער ז׳קיין ראַבינער,
ווי דער ספּיקער ז׳קיין זאַאיקער,
ווי די שקלאַפּען זיינען גראַפען,
ווי די פּיהרער זיינען שמירער,
ווי די שרייבער שפּייזען ווייבער, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער!

5. אַ רינגעלע, אַ רינגעלע.

אַ רינגעלע, אַ רינגעלע!
האָט מיר געשענקט מיין מיידעלע,
מיין נחת׳ל, מיין פריידעלע,
ביי דעם ערקלעהרען ליעבע איהר
ביים שווערען ליעבע אייביגע...
אַ רינגעלע, אַ רינגעלע!

דערזעהן האָב איך אַ צווייטינקע,
אוי, דאכט זיך מיר אַ שעהנערע —
אַ הויכינקע, אַ רויטינקע —
ערקלעהר זיך באַלד אין ליעבע איהר,
פערגעסען אָן דער ערשטינקער,
געשענקט איהר באַלד דאָס רינגעלע,
וואָס מיר געשענקט מיין מיידעלע,
מיין ערשטינקע, מיין פריידעלע,
ביים שווערען ליעבע אייביגע...
אַ רינגעלע, אַ רינגעלע!

בעגעגענט האָט די צווייטינקע —
די הויכינקע, די רויטינקע —
אַ בחור׳ל אַ שעהנערען,
ערקלעהרט זיך באַלד אין ליעבע איהם —

פערגעסען אַן מיר, שלים־מזל׳ע —
און איהם געשענקט דאָס רינגעלע,
וואָס איך האָב איהר אַוועקגעשענקט
ביי דעם ערקלעהרען ליעבע איהר,
וואָס מיר געשענקט מיין מיידעלע,
די ערשטינקע, די פריידעלע,
ביים שווערען ליעבע אייביגע...
אַ רינגעלע, אַ רינגעלע!

בעגעגענט האָט דאָס בחור׳ל
אַ שעהנער׳ס באַלד אַ מיידעלע,
אַ נחת׳ל, אַ פריידעלע,
אַוועקגעשענקט דאָס הערצעלע
צוזאַמען מיט דעם רינגעלע —
דערקענט האָט גלייך דאָס מיידעלע,
דערקענט האָט זי דאָס רינגעלע,
וואָס זי האָט מיר אַוועקגעשענקט
ביים שווערען ליעבע אייביגע...
אַ רינגעלע, אַ רינגעלע!

6. אוי, אוי, ווערסטו אויסכאַפּען...

אוי, אוי! — ווערסטו אויסכאַפּען
אַלע פיש פון וואַסער, —
ווער וועט זאַט מאַכען די וועלט?
זאָג, דו מענשענ־האַסער!

אוי, אוי! — ווערסטו אויסכאַפּען
אַלע צייטונגס־שרייבער, —
ווער וועט נודענען די וועלט?
זאָג, דו בערענטרייבער!

אוי, אוי ! — וועסטו אויסכאַפּען
אונזערע אַקטיאָרען, —
ווער וועט פאַנצערס טראָגען און
כאָלעוועס מיט שפּאָרען ?

אוי, אוי ! — וועסטו אויסכאַפּען
אונזערע רבנים, —
ווער־זשע וועט מיט „יענער־וועלט“
פערזאָרגען אונז, קבצנים ?

אוי, אוי ! — וועסטו אויסכאַפּען
אַלע רעדנער־פּלאַפּלער, —
ווער׳ט פערשלעפּערען די וועלט ?
זאָג, דו ליעבער צאַפּלער !

אוי, אוי ! — וועסטו אויסכאַפּען
ד׳הייזעריגע זינגער, —
ווער וועט געבען אונז קאָנצערט ?
צונעהמען די קלינגער ?

אוי, אוי ! — וועסטו אויסכאַפּען
אונזערע דאָקטאָרען, —
ווער וועט קראַנק מאַכען די וועלט ?
קירצען אונז די יאָהרען ?

7. אַ מעשה אָהן אַ סוף.

געזעסען זיינ׳ן מיר זאַלבעדריט,
אין וועלכען טאָג געדענק איך ניט,
דאָס איז געוועזען אַ פאַרנאַכט,
גערעדט, געפּלוידערט און געלאַכט,

נור איינער האָט פאַר אונז מיט וועה
אַ מעשה׳לע דערצעהלט אזוי:

„געזעסען זיינ׳ן מיר זאַלבעדריט,
אין וועלכען טאָג געדענק איך ניט,
דאָס איז געוועזען אַ פאַרנאַכט,
מיר האָבען זיך גאַנץ שעהן פערבראַכט,
גערעדט, געפּלוידערט און געלאַכט,
נור איינער האָט פאַר אונז מיט וועה
אַ מעשה׳לע דערצעהלט אזוי:

„„געזעסען זיינ׳ן מיר זאַלבעדריט,
אין וועלכען טאָג געדענק איך ניט,
דאָס איז געוועזען אַ פאַרנאַכט,
מיר האָבען זיך גאַנץ שעהן פערבראַכט,
גערעדט, געפּלוידערט און געלאַכט,
נור איינער האָט פאַר אונז מיט וועה
אַ מעשה׳לע דערצעהלט אזוי:

„„„געזעסען זיינ׳ן מיר זאַלבעדריט,
אין וועלכען טאָג געדענק איך ניט,
דאָס איז געוועזען אַ פאַרנאַכט,
מיר האָבען זיך גאַנץ שעהן פערבראַכט,
גערעדט, געפּלוידערט און געלאַכט,
נור איינער האָט פאַר אונז מיט וועה
אַ מעשה׳לע דערצעהלט אזוי:

„„„„געזעסען זיינ׳ן מיר א. ז. וו.

זעקס בחורים

(אַ מעשה׳לע)

זעקס בחורים זיינען מיר דאמאלס געווען,
מיר האָבען געלאַכט און געשפּעט,
און יעדוועדער האָט עפּעס רעדען געמוזט,
נו, האָט מען זיך טאַקע צורעדט.

פון וואָס קענען רעדען זעקס בחורים, כ׳ווייס?
איהר ווייסט שוין מסתמא אַליין:
פון ליעבע, פון מיידלעך, פון ווערען אַ לייט,
פון הייראַטהען, האָבען אַ היים.

און רעדענדיג האָט זיך שוין טאַקע דערצעהלט
פון אַלעס וואָס ס׳הארץ האָט פערמאָגט...
דער עלטערער בחור האָט שטאָלץ זיך צוהוסט,
בעקוועם זיך געמאַכט און געזאָגט:

מיין מיידעל, מיין מיידעל — איהר ווייסט אז איך האָב
אַ מיידעל — איז דאָס אַ פּארשוין,
זינט ס׳האָט זיך פּארשוינדעלט צווישען פּאר׳שוינען
איז אַזא פּארשוין ניט געווען.

איהר בליק, און איהר גאַנג, און איהר שטאָלץ, און איהר שפּראַך,
און איהר שמייכעל מאַכט שטוינען די וועלט;
כ׳וואָלט לאַנג זי גענומען, די טהייערסטע מיינע,
איז ערשטענס בעדאַרף מען דאָך געלט.

און צווייטענס און דריטענס און פיערטענס און פינפטענס,
איז קען דאָ ניט העלפען קיין גאָלד,

ווייל זעקסטענס און זיבענטעס קען גאָר זיין מעגליך
אז זי האָט מיך פשוט ניט האָלד.

נור אוי האָב איך ליעב זי! אוי ליעב איך זי, ברידער,
אוי האָב איך זי ליעב אזוי ווילד,
אז וואו איך פערנעהם זיך און ווענד זיך און קעהר זיך
בעגעגען איך אימער איהר בילד.

א צווייטער פון אונזערע זעקס האָט דערצעהלט:
כ'האָב אויך אַ געליעבטע ווי ער,
זיין ליעבסטע צו מיין ליעבסטע קומט אָבער ניט,
איז שעהנער אַ טויזענד מאָל מעהר.

נור, אי ווער איהר פרעגען, וואָס נעהם איך זי ניט?
איז ווייסט איהר דאָך שוין וואָס מיר פעהלט:
ווייל ערשטענס און צווייטענס און דריטענס און פיערטענס
פעהלט פשוט דאָס ביסעלע געלט.

א דריטער פון אונזערע זעקס האָט דערצעהלט:
צו מיין ליעבסטע קומט עס נאָך ניט;
ווי שעהן איז מיין ליעבסטע, אַן אמת'ער מלאך,
זי שרפה'ט דאָך פשוט, זי בריהט.

דער פיערטער פון אונזערע זעקס האָט דערצהעלט:
מיין ליעבסטע איז לוסטיג און פריי,
און זי איז די שעהנסטע, איך וואָלט זיך ניט בייטען
פאַר אייערע אַלעמענס דריי.

דען ווער עס דערזעהט זי, מוז אימער־צו זאָגען:
איך בין דאָך אַ וועלט אויסגעווען,
געזעהן שעהנע פרויען, קאָקעטקעס, גראַפינען, —
אזוינס האָב איך נאָך ניט געזעהן.

איז פרעגט איהר דאָך: סטייטש, היתכן, ווי קומט עס,
וואָס נעהמסטו זי ניט די פאַרשוין?
איז ערשטענס און צווייטענס און דריטענס און פיערטענס,
פערשטעהט שוין אליין וואָס איך מיין.

און פינפטענס און זעקסטענס און זיבענטעס טאקע,
איך פרעג ניט ביי איהר ווי ס'איז שפעט,
ווייל אכטענס און ניינטענס וואָלט איך וועגן צעהנטענס
מיט איהר שוין אודאי גערעדט.

איז קומט אויס צו רעדען, איך הוסט זיך מיר אויס'עט,
(איך פיהל זיך בעת מעשה גאנץ יונג),
און וויל איך שוין פרעגען: ווילסטו חתונה האָבען?
פערטשעפעט זיך דאמאלס די צונג.

און ס'נעהמט זיך דאן רעדען פון פּאָליצע, בוידעם,
פון קליידלעך, פון בריוולעך, פון פּאָסט,
דערוויילע פערוויאַנע איך, טהייערע ברידער,
אזוי ווי א בלעטעל אין פראָסט.

דער פינפטער פון אונזערע זעקס האָט דערצעהלט:
איך גלויב אייך ניט אלעמען פיער,
ווייל מיינע ז'די שעהנסטע, ווייל מיינע ז'די קליגסטע,
א סימן — איך ליעב זיך אין איהר.

אזוי זיינען אונזערע זעקס זיך געזעסען,
אלץ לויבענדיג יעדער זיין שאַץ.
האָב איך דאן א זאָג געטהאָן: ווייסט איהר וואָס, ברידער,
זאָל איינער אונז פיהרען צום פּלאַץ

וואו ס'וואָהנט זיין געליעבטע, מיר וועלען אריינגעהן
פערברענגען צוזאמען, און דאן

פערגעהן צו א צוווייטענס, א דריטענס, א פערטענס,
אנו, ווי געפעלט איך מיין פלאן?

— „וויוואט!“ האבען אלע פון אונזערע זעקס
געטהאן אין דער הויך א געשריי,
מיר האבען זיך אויפגעשטעלט מונטער און שטאלץ,
אזוי ווי אן אלטע ארמיי.

מיר געהען! מיר געהען אריין אין א גאס,
מיט הויכען געלעכטער, מיט שפאס,
מיר געהען זיך ווייטער, איך ווער אזוי מיעד,
און ווער אזוי עלענד און בלאס.

מיר קומען זיך צו צו דעם נומער צוויי־הונדערט,
מיר שטעהען שוין אין קארידאר,
דער עלטערער בחור, ער פיהרט אונז און זאגט אונז:
„דאס איז אויף דעם אנדערען פלאר“.

איך גיב מיר א קוק אויף די אנדערע פינף,
זיי געהען מיט וואקלענדע פיס,
די פנים'ער זייערע — בלייך ווי דער טויט,
נו, טראכט איך: די זאך איז דא מיאוס.

דער עלטערער בחור קלאפט אן אין א טהיר,
מיר זיינען שוין דא אויפ'ן ארט;
מיר שפרייזען די צימערען דורך און מיר קענען
ניט אויסרעדען דאכט זיך א ווארט.

דא שטעלט אונז דער עלטערער פאר פאר א מיידעל
וואס איז אזוי אנציהענד, רייך,
צולאכט זיך דאס מיידעל: כא־כא־כא־כא־כא,
איך קען זיי שוין פריהער פון אייך.

און אונזערע זעקס נעהמט זי נאָכדעם אין זאאַל,
מיר זעצען זיך אויסעט און דאַן
בעקענט זי מיט אונז אַ קאָקעטישען יונג:
„דאָס איז מיין צוקינפטיגער מאַן!“

מיר הויבען זיך אויף פון די ערטער און זאָגען
דעם מיידעל אַ שטילען „גוד באַי“,
מיר גערהען די שטיגען אראָב ווי אויף שטאָלצעס,
פעראומערט, אין טויט־שווייגעריי.

און קומט אויפ'ן גאַס זאָגט דער עלטערער בחור:
מיין ליעבע איז איצטער פערשפיעלט!
נור שעהן איז דאָס מיידעל; ניט שעהנער ווי איי'רע?
האָט איהר עס אצינד ניט געפיהלט?

און אונזערע פינף שרייען אוים אויפ'ן קול:
ניט שעהנער פון מיינער, אָה, ניין!
דען דאָס איז דאָס מיידעל וואָס משוגע מאַכט מיך,
דען דאָס איז מיין ליעבסטע אליין!

*

זעקס בחורים זיינען מיר דאַמאַלס געווען,
זעקס גוטע און אמת'ע פריינד,
זעקס בחורים זיינען מיר נאָכדעם פערבליבען,
זעקס בחורים זיינען מיר היינט.

דאס פּעלצעל

טאַנצענדיג און שפּרינגענדיג
לויף איך מיר אריין
אין דעם ווייסען שטיבעלע
פון דער ליעבסטער מיין.

פאַל איך אין דעם שלאָפצימער
שטיל אריין און הער:
עפּעס דאָרט קאַראַבקעט זיך,
פרעג איך: „שלאָפט דאָ ווער?“

לויפט זי צו, מיין טהייערסטע
מיט די שווארצע האָאר,
פרעג איך זי: „וואָס ליעגט אין בעט
עפּעס דער אַקטיאָר?“

ענטפערט זי מיר: „אַן אַקטיאָר
איז׳ם אודאי ניט,
ס׳איז דעם טאַטענ׳ס פּעלצעלע
מיט די קרומע שניט.“

פרעג איך זי: „ווי קומט אַ פּעלץ
דרעהען זיך אליין?
און וואָס טראָגט ער הויזען דען,
קען אַ פּעלצעל געהן?“

ענטפערט זי: „דער טאַטע האָט
זיי פערגעסען דאָ,

מאַך איך זיי דאָ יום־טוב׳דיג,
בעת ער איז ניטאָ.

פרעג איך זי: „געליעבטע מיין,
הויזען דרעהען זיך?
און צו וואָס בעדארפען זיי
טראָגען געלע שיך?"

ענטפערט זי: „דער שוסטער האָט
ערשט זיי אָבגעבראכט,
שניר איך אוים די׳ שוכבענדלעך, —
מ׳דארף זיי אויפדערנאכט."

פרעג איך זי דאַן: „שוכבענדלעך
ווייסען וואָס מען טהוט?
און צו וואָס בעדארפען זיי
א צילינדערהוט?"

ענטפערט זי: „ס׳איז ניט קיין הוט
פון א מענשענ׳ס קאָפּ,
די מאמע האָט געלאָזען דאָ
שטעהן דעם קוגעלטאָפּ."

פרעג איך זי, זי ענטפערט מיר
נאָך א צוויי־דריי מאָל,
ביז דערהערט איהר מאמע האָט
מיין געליעבטער׳ס קול.

לויפט זי צו צו אונז מיט כעס,
לעגט אויף מיר א האנד:
„אוי, וואָס האָסטו מיר געמאכט
פון דעם בעטגעוואנד?"

כאַפּט זי זיך צום בעטעל צו,
וואַרפט די קישענס אויס,
וואַרפענדיג און שלעפענדיג,
שלעפּט זי דאַן אַרויס

עפּעס אַ צוקודעלטען
קאָפּ מיט געלע האָאר,
און דערקאַנט האָב איך אין איהם —
טאַקע דעם אַקטיאָר.

נו, האָט זי אַריינגעטהיילט
איהם און איהר — מיין שאַטץ!
אוי, האָב איך זיך אַנגעלאַכט, —
כ'האָב געמיינט איך פּלאַטץ!...

א קלאוקמאַכער'ס חלום

(דעקלאַמאַציאָן)

ס'איז נאָך פאַר מנחה. משה הירש
איז שוין פון שאַפּ געקומען,
האָט סאַפּער אָבגעגעסען פיין,
און דאַן זיין ווייב גענומען

דערצעהלען וועגען „צעטעלמענט",
און ווי דאָס האָט געטראָפען,
און פול מיט לוסט אין שאַפּ צו געהן —
האָט ער געלעגט זיך שלאָפען.

און הירש'ען חלום'ט זיך א שאַפּ —
א יוניאָן שאַפּ — דער גרעסטער
אויף דער וועלט, אין מיטען שטעהט
א גוואַלדיגער אָרקעסטער,

און שפּיעלט די מאַרסעליעז, און ווען
די ריעזיגע קאַפּעליע
א קנאַק טהוט, ציטערען די ווענד
און ס'הויבט זיך אַזש די סטעליע!...

און ביי די ווענד איז אויסגעשטעלט
אויף מיילען־ווייטע ליניען
די „זינגער", „אינטערנייש׳אָנאַל",
און „סטענדאַרד" נעה־מאַשינען.

און אין דער מיט לויפט דורך א טייך
מיט פראלענדיגע וועלען ;
און אין דעם טייך דערטרינקט מען די,
וואס פלעגען פריהער קוועלען :

די פרעסער און די פינישערס,
וואס האבען אומגעגעסען
פערבראכט די טעג און נעכט אין שאפ,
אין נעהען און אין פרעסען.

איצט רעכענט ער זיך אב מיט זיי,
די באסעס, די געמיינע,
ער שטעהט פערפוצט און שרייט : „העי, איהר,
אזוינע און אזוינע !

„וואס שטעהט איהר דארט, איהר פוילענצער,
איהר פוסטע לעדיג־געהער !
וואס מיינט איהר, איהר זייט באסעס נאך,
— און איך — א רעדעל־דרעהער ?

„העי, העי, וואס קלעהרט איהר אזוי לאנג ! —
א ריהר זיך, ווערט פערצאפעלט ! —
עס איז שוין פינף מינוט צו זעקס —
וואס זיצט איהר דארט און פלאפעלט ?

„איך לאז די סטים, סיי, ווארפט זיך ניט,
טהוט ווי איך האב געהייסען !“ —
און אלע מאנופעקטשורערס
פון דער אסאסיאיישען

צוזעצען זיך און הויבען אן
צו טרייבען די מאשינען,

און בויגען איין גאַנץ טיעף די קעפּ,
מען ארבייט אָהן א זינען.

און איבער יעדען הענגט א סיין,
וואָס לאָזט בפירוש וויסען:
„עס איז פערוועהרט צו גענעצען,
צו הוסטען און צו ניסען."

* * *

און ס'צאַפּלען זיך די באָסעלעך,
און ס'פּאַלען פּעק מיט זאַכען,
פון רעגען־מאַנטלען, קלאָוקס און דרעס,
און הירש האַלט אין איין לאַכען:

„כאַ־כאַ־כאַ, כי־כי־כי־כאַ־אַ,
כע־כי, איך פאַל א טוידטער,
דער קלאָוק־באָס, אוי, פון כי־כאַ־כאַ
ז'ביי מיר אן אָפּערייטער.

„היינט זעהט נור, זעהט אן ארבייטען!...
א צאַפּלען זיך אביסעל,
אוי, כאַ־כאַ־כאַ, אוי, כי־כי־כאַ,
ס'א ווארפען מיט א פּיסעל.

„און יענער באָס, און יענער באָס
פון דריי און פופציג שעפּער,
איז, כאַ־כאַ־כאַ, אוי, כי־כי־כאַ,
ביי מיר א פּראָסטער שטעפּער.

„און יענער באָס, דער פּרעזידענט
פון דער אסאָסיאיישען,
איז יעצט אן אונטערפּרעסער ביי
דעם סטרייקער הירשעל משה'ן.

„היינט נעהמט דעם קעפּטען, וועלכער האָט
אונז, קלאָקמאַכער, ארעסטעט,
דעם האַלט איך פאַר א שאַפּ־קלינער,
און צייג איהם שוין, דעם בעסטעט!

„און איצטער, אז איהר פוילט זיך ניט,
ראַן גיט א קוק, זייט מוחל,
אהינצו־צו און זאָגט אליין:
איז הירש ניט א בעל־שכל?

„די סקעבס, די וויסטע ברואים׳לעך,
וואָס האָבען קיין נשמה,
וואשען פלאָרס ביי מיר אין שאַפּ
און קייען די אדמה.

„היינט גיט א קוק נור אויף מיין ווייב,
דערקענט איהר זי, מיין דינה?
ווי דיק זי איז, ווי שעהן זי איז,
א רעגעלע גראַפינע!

„איהר בליק, איהר שטאָלץ און איהר בעפעהל,
מאַכט שטוינען יעדען שטעפּער,
וואָס איז אמאָל אליין געוועזן
א באָס פון פּיעלע שעפּער!

„איצט גיט א קוק אהערצו־צו,
דערקענט איהר יענעם פּנים?
דאָס איז דאָך ג אָ ף — אז וועה צו איהם,
און אלע מיינע שונאים!

„ער האָט פאַר „פּיקעטען" בעשטראָפט
מיט פּריזאָן מיינס א פריינטעל.

איהר ווייסט נאָך וואָס ער יאָגט זיך איצט —
מיר ברענגען ביער א פיינטעל.

„און איצט נעהמט די מיליאָנשטשיקעס,
די גולדס, די ראָקעפעלערס,
די בעלמאָנטס און די דזשייקאָב שיפס,
די קנאַקערס און די שנעלערס,

„וואָס האָבען געלד ווי זאמד און ערד,
און גאָלד־געשמאָלצענע הייזלעך,
איך שפּיעל מיט זיי א פּינאָקעל,
און א י ך האָב אלע טייזלעך!"....
* * *
און לאנג, נאָך לאנג וואָלט משה הירש
גע'חלום'ט ווי איך שילדער,
געקוויקט זיך מיט די זעלטענע
און וואונדער־שעהנע בילדער —

ווען ס'קומט ניט פּלוצלונג אָן זיין ווייב
מיט שטורכעס, ווי איהר שטייגער:
„העי, העי, לאַבודרע, שטעה שוין אויף! —
עס איז שוין פינף דער זייגער!..."

מאי קא משמע לן

(אַ פּאַראָדיע)

מאי קא משמע־לן טעאַטער?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערען?
קאָמעדיאַנטסקע פּורים־שפּיעלער,
טענץ און קאַצעניאָמער־טרעהרען
און דער עולם וויינט און פרעהט זיך,
און די אויגען שטראַהלען, בליצען,
און מען האַלט זיך ביי די זייטען
פון די אויסגעוועפּטע וויצען.

מאי קא משמע־לן דער רעדנער?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערען?
דרשות קוואַטשיגע, פון וועלכע
יעדער קען משוגע ווערען.
ס'איז אַן אָבגעפּומפּטע כלי,
ס'האָט קיין שכל, קיין געפיהלען,
קומט די צייט, דאָ מוז ער פּלאַפּלען
אָהן זיין רצון, אָהן זיין ווילען.

מאי קא משמע־לן דער קאָנגרעס?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערען?
צאַנקערייען, פּעטש און קללות,
טינטערס פליהען ווי די שטערען,
און מען נודעט אָב אַ סיזאָן
וועגען ברעכען טראָסט־מאַגנאַטען,

און ווי ס'קומט צום אונטערשרייבען
שילט מען זיך אין טאַטענ'ס טאַטען...

מאי קא משמע־לן „400“ ?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערען ?
נייע מאָדעס אין גט־פּראָצעסען,
ניים פּאַר פּריילינס, קאַוואַליערען.
איינע הייראַטה מיט א ניגער
און א שוויגער נעהמט איהר איידים
און מען רייסט זיך און מען בייסט זיך
ווי די קאַטערס אויפ'ן בוידים.

מאי קא משמע־לן רעסטאָראַנען ?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערען ?
אַלטע ריחות פון פּערצייטען
מיט אַן אָבשלאַג מיט א שווערען.
און דער עולם זיצט און שטאָפּט זיך,
וואָס מען גיט איהם, דאָס פּערפּרעסט ער,
און די קראַנקע מאָגענס בורטשען
ווי דער עסטער־פּאַרק אָרקעסטער.

דאָרט, אין יענעם לאַנד

(צו זינגען מיט׳ן מאָטיוו פון „דאָרט וואו די צעדער...“)

דאָרט, וואו די הייזעריגע בילדען אויס א כאָר,
דאָרט, וואו אַ פורים־שפּיעלער רופט זיך אַן אַקטיאָר,
דאָרטען, וואו א בדחן רופט זיך אַן פּאָעט,
דאָרט וואו יעדער חזן כאָרכעלט א קופּלעט,
דאָרט אין יענעם לאַנד, אין גאָלדנעם־דאָלאַר־ראַנד, —
דאָס איז, אָ, ניו יאָרק, מיין ליעבעס פאטערלאַנד.

דאָרט, וואו יעדער שמירער פיהרט אַ רעדאַקציאָן,
דאָרט, וואו יעדער פיהרער הויבט ניט אָן צו טאָן,
דאָרט, וואו יעדער טרוס און ליגנער ווערט בעשיינט,
דאָרט, וואו יעדער הונד און חזיר ווערט בעקרוינט,
דאָרט אין יענעם לאַנד, אין ווילדען ביזנעס־בראַנד, —
דאָס איז, אָ, ניו יאָרק, מיין ליעבעס פאטערלאַנד.

דאָרט, וואו יעדער בלאָפער ווערט אַ רעדנער־קראַפט,
דאָרט, וואו יעדער שרייבער... קוועטשט זיך ווען ער „שאַפט“,
דאָרטען, וואו אַ קאַנע־מאַכער רופט זיך אַן כירורג,
דאָרטען, וואו אַן איבערזעצער רופט זיך דראַמאַטורג,
דאָרט אין יענעם לאַנד, וואָס ווייס ניט פון קיין שאַנד, —
דאָס איז, אָ, ניו יאָרק, מיין ליעבעס פאטערלאַנד.

קאמפּיין־שמערצען

„אָ, די קוואַלען
פון די וואַהלען!"

(מ. ווינטשעווסקי)

וואוין איך מיר „אפּ־טאון" אליין,
וויל איך מיר שפּאצירען געהן,
געה איך — טרעף איך רעדלעך שטעהן —
רעדען אלע פון „קאמפּיין".

פאל איך דאמאָלס אויף א פּלאן:
גאָר אראָבפאָהרען „דאן־טאון"!
נו, גערעדט און שוין געטהאָן.
געהענדיג פון דער סטאציאָן,
טרעף איך רעדלעך מענשען אָן.
רעדען אלע פון „קאמפּיין".
ווער איז מיר, וואָס טהוט מען פּאָרט?
וואו געפינט מען זיך אן אָרט?

פאל איך אויף א נייעם פּלאן:
גאָר אריין אין רעסטאָראן.
קומט א קעלנער צו צום טיש,
אָרדער איך א פּאָרציע פיש!
ערשט ער ריהרט זיך ניט פון אָרט,
און — ער ווארפט ארויס א וואָרט:
„רוזוועלט" — ווייס איך שוין זיין מיין....
זאָג איך: — קעלנער! פיש מיט חריין!
„הא? וואָס זאָגט איהר, דעם קאמפּיין?"

גיב איך מיר א בייזען לאך, —
ערשט ער קומט ארויס מיט שפּראך:
„און טאפּט איז בעסער, ניין?!“
און ער גיט מיר צו פערשטעהן,
ווי עס האלט מיט דעם קאמפּיין.
שטעהט ער און ער רעדט און רעדט,
ביז עס ווערט שוין זעהר שפּעט,
ווער איך בייז און לויף ארויס
און איך שריי פערביטערט אויס:
„וועה איז מיר, וואס טהוט מען פּארט?“
וואו געפינט מען זיך אן אָרט?“

געה איך דאן אין באָד אריין,
טהו זיך אויס און וואש זיך איין.
טראכט איך: ענדליך זיך בעפרייט!
פּלוצלונג הער איך ווי מען שרייט
ווילד ארונטער פונ׳ם פּאָל,
מיט א האלב פערשטיקטען קול:
„מיסטער, היי, וואו זייט איהר עס?
וואס־זשע שוויינט איהר ווי א מת?
רוזוועלט, אה? נו, זאָגט אליין,
ווי געפעלט אייך דער קאמפּיין?“
זעה איך, אז עס נודעט מיך,
טהו איך אָן זיך אויף דער גיך,
לויף פערשוויצטערהייט ארויס
און איך שריי פערביטערט אויס:
„וועה איז מיר, וואס טהוט מען פּארט?“
וואו געפינט מען זיך אן אָרט?“

פאלט א נייער פּלאן מיר איין:
וואס בעשערט איז — דאס זאל זיין,
כ׳מוז א סוף מאכען פון זיך,

זיך בעפרייען אויף דער גיך
פון קאמפיין און פּאָליטיק!
נו, בעשלים איך געהן צום בריק,
טהאָן א שפּרונג און — איינס־צוויי־דריי,
און דער פּלאָג וועט זיין פערביי!
קום איך אויפ׳ן בריק ארויף,
טראכט איך פון מיין נאָהנטען סוף...
כ׳בין שוין פארטיג! איינס און צוויי —
הער איך דאן אַן אויסגעשריי:
„הא, וואָס מאכט איהר, הערר באנקיער?"
רופט א פריילין אוים צו מיר
און זי גיט מיך גליך א פרעג:
„ווען פאסירט עס, דיעזע טעג?
שטימט איהר הא־יאָהר, אָדער ניין?
דער קאנדידאט איז, דאכט זיך — פע!..."
נו, זאָג איך שנעל צו איהר — אדיע!
דרעה איך זיך פון איהר ארוים,
און איך שריי פערביטערט אוים:
„וועה איז מיר, וואָס טהוט מען פּאָרט?
וואו געפינט מען זיך אַן אָרט?"

געה איך שוין אראָב פון בריק,
לאָז זיך געהן אהיים צוריק,
קום איך מיר אהיים צו געהן.
פרעגט מיין מיסעס: „זאָגט מיר, קרוין,
ווי געפעלט אייך דער קאמפּיין?"
און עס רודעלט זיך אין הויז.
שריי איך שטארק פערביטערט אוים:
„וועה איז מיר, וואָס טהוט מען פּאָרט?
וואו געפינט מען זיך אַן אָרט?"

מיין פריינד פון אַמעריקא

(דערצעהלט פון אַ פּילווישאָקער)

מיין פריינד פון אמעריקא שרייבט מיר:
אָה, שיק מיר פון פּילוועשאָק בלומען,
מיט זיי וועל איך איצטער בעקראַנצען
די כלה, וואָס איך האָב גענומען.

מיט פיער מאָנאַט שפּעטער ער שרייבט מיר:
דו ווילסט מיר אַ מצוה פערשפּאָרען,
טאָ שיק מיר דעם פּילווישקער מוהל —
מיין ווייב האָט אַ אינגעל געבאָרען.

פערלויפט נאָך אַ מאָנאַט. ער שרייבט מיר:
דו ווילסט עולם הבא יעצט האָבען?
טאָ שיק מיר אַ פּילווישקער שמש —
מיין ווייב׳ס טויטען קינד צו בעגראָבען.

פערלויפט נאָך אַ מאָנאַט. ער שרייבט מיר:
פון פּילווישאָק שיק מיר זשאַנדאַרען
צו זוכען מיין ווייב, די מרשעת,
וואָס האָט מיך געלאָזען צום נאַרען.

מיין פריינד פון אמעריקא שרייבט מיר:
ניטאָ דאָ דער פּילווישקער לעבען;
ניטאָ דאָ די פּילווישקער פריינדשאַפט!
נאָך פּילווישאָק טהו איך יעצט שטרעבען!

מיין פריינד פון אמעריקא שרייבט מיר:
שיק צו דרייסיג פּילווישקער קארבען...
אין פּילווישאָק בין איך געבאָרען,
אין פּילווישאָק וועל איך שוין שטארבען.

אַ בריעף צו דער כּלה

(פֿון אַ האַלב־אויסגעגרינטען סאָציאַליסט)

...וואָס מאכסטו פּאַרט, געליעבטע מיין,
מיין זיסע חנה־עטעל?
וואָס מאכען דיינע עלטערען,
וואָס גיט עס ניים אין שטעדטעל?

ווארום האָסטו מיר ביז אצינד
קיין „לעטער" ניט געשריעבען?
צי האָסטו ניט פאר דיעזער צייט
אן אנדערן אויסגעקליבען?

יעצט קען איך דיר בענאכריכטען:
איך בין ניט מעהר קיין שלעפּער,
איך לייה ניט מעהר פינף־סענטיגע
ביי יאָסקע בער דעם שטעפּער!

יעצט קום איך דיר צו שרייבען, אז
איך קריך ניט מעהר אויף „פלאָרען"!
איך בין אין ניו יאָרק, וויסטו וואָס? —
א טראָק־רעדנער געוואָרען!

און ווילסטו וויסען וואָס דאָס איז,
און זאָלסט קיין שלעכטס ניט מיינען,
וועל איך אין מאמע־לשון דיר
דאָ „עווערעטינג עקספּליינען":

א „טראָק“, איז אזא פוהר וואָס פאָהרט
ארום אין אַלע סטריטען,
און סטאָפּט דער טראָק, דאַן שטעל איך זיך
אוועק און הויב אָן שיטען

מיט פעך און שוועבעל אויף די טראָסטס,
די לענדלאָרדס מיט די רענטען,
די קאָנגרעס־לייט און סענאַטאָרס,
פּאָלים און פּרעזידענטען.

„עקספּליין“ דער מאסע, אז מען דארף
דעם ארבייטער „פּראָטעקטען“
פון פאראזיטען, און מען מוז
אן א י י ג ע נ ע ם „ע ל ע ק ט ע ן“.

ווערסטו דאָך פרעגען: „וואָס וועט זיין,
אז ארבייט וועט רעגיערען?“
אָה, נארעלע, ס׳וועט גוט זיין דאַן,
קיין באָס וועט עקזיסטירען.

די שעפּער וועט מען אָבשאפען,
און די פּאָלים וועט ווערען
אן עכטע סאָציאַליסטישע
און וועט שוין מעהר ניט שטערען

אין טרוים אָט יענע „גרינהאָרנס“,
וואָס שלאָפען אויף די „בענטשעס“
אין העסטער פּארק און דזשעקסאָן פּארק
מיט קלאָבס און טרעבענצעס.

די מארסעליעז וועט ווערען דאַן
געשפּיעלט אין אַלע קאָרנערס;

און סאָציאַליסטיש וועלען זיין
די גענז און אויך די גאַנערס.

איך וועל דיך אָבנעהמען צו זיך,
וועסט מעהר קיין „נישט“ ניט עסען,
בעקליידען דיך, בעפּוצען דיך —
אזוי ווי אַ פּרינצעסין.

און פּאָהרען וועלען מיר גאנץ ברייט
אין גאָלד׳נע עקיפּאזשען ;
מען וועט אונז נאָכשרייען : „הוררא !“
מיט פרייד פון די עטאזשען !

*

נו, זיי געזונד, גרים אַלעמען,
און אויך דיין ברודער אַרקע —
ס׳וועט זיין אָל־רייט !... ענטשולדיג, וואָס
דער בריעף איז אָהן אַ מארקע !..

פרייע הונגער־לייט

אָבגעפּאַסט אַ גאַנצען יאָהר,
קומט יום־כּפור־נאַכט,
ווערען באַלד די ליפּעלעך
טרוקען און פערשמאַכט.

קומען זיך די הונגער־לייט
ערגעץ־וואו צונויף,
לעגט מען זיך צוזאַמען און
מ'נעהמט פאַר זיך אַרויף:

הערינגלעך און ציבעלעס,
קוואַס און שווארצען ברויט;
עסט מען, אַמוזירט מען זיך,
ווערט מען שטאַרק דערפרעהט.

און פון נחת און פון גליק
קוועלט אָן יעדעס גליעד,
דען ניט אַלע טאָג אין יאָהר
איז דאָך אַ יריד.

נעהמט מען באַלד די שאַפּ־מיידלעך
אויף אין זעלבען הויז,
קושט מען זיך, און האַלזט מען זיך,
שפּיעלט מען ליעבעס אויס...

און די ליעבע עלטערען
פון די פּיעלע פּאָאר

ייִדישער ... מאָנטרעאַל

בעטען פאַר די קינדערלעך
אויס אַ גוטען יאָהר:

„גאָטעניו, אוי, שיק זיי צו
די בעשערטע לייט,
לאָז זיי נים פערזיצען און
אויסגעהן פאַר דער צייט.“

און מקוים אין דעם טאָג
ווערט נאָך דאָס געבעט:
זיי פערזיצען שוין ניט מעהר,
אוי, נאָך דעם „על חטא“...

תשעה באב

תשעה־באב איז פאר קבצנים
ריכטיג צוגעפאסט,
דען מיט „בערעלעך“ זיך ווארפען —
הייסט ביי זיי „געשפאסט“.
און די טרייסט, זי ליעגט דארינען —
וואס א יעדער פאסט...

יא, דאס פאסטען ביי קבצנים
איז א קינדער־שפיעל,
דען דער גוטער גאט ערלויבט זיי
וויינען פיעל מען וויל;
און דער תענוג איז: מען דארף ניט
וויינען אין דער שטיל...

י. מאַרינאָוו

צו דער מוזע

(נאָכ'ן איבערלעזען ביאליק'ס ליעדער)

גאַכפּערטע מוזע,
  הער אוים מיין געבעט:
איך, יאנקעל בן מאיר,
  וויל זיין א פּאָעט.

איך בין מיר א פּינסקער,
  א פּשוט'ער איד,
נור אָפּטמאָל פערגלוסט זיך
  מיר שרייבען א ליעד.

געהערט האָב איך זאָגען,
  אז דו האלטסט אין האנד
דעם גאָלדענעם שליסעל
  צום דיכטער - טאלאנט.

און ווער עס געפעלט דיר,
  דעם צייגסטו דעם שניט,
דער ווערט גלייך א דיכטער,
  און שרייבט באלד א ליעד.

נעהם ביאליק, למשל,
  פון דיכטער דעם פער —
דו האָסט איהם געציינט נור
  דאָס „קריידעל־און־שער" —

נו, נעהמט ער עס טענער —
  מעלאָדיש און הויך,
אי, זינגט ער עס ליעדער —
  עס געהט אזש א רויך!

אָ, אידישע מוזע!
אָ, קום אויף צו מיר,
און ווייז מיר דעם שניט, ווי
צו שרייבען א שיר!

און מיין ניט, חלילה,
ווערסט קומען אומזיסט,
(איך ווייס אז אַן אָרימע
מיידעל דו ביסט) —

דען מאכסטו פון מיר נור
א שטיקעל פּאָעט,
דאַן וועל איך דיר קויפען
א פיינעם בראַסלעט;

איך וועל דיר בעציערען
די גאָלדענע האָר
מיט בלויע סאַפירען,
בריליאַנטלעך א פּאָר.

און נאָך עפּעס (האַלט עס
דערווייַלע בסוד):
איך קויף דיר א מאַנטעל
גענעהט „אַ־לאַ־מאָד“.

און מיינסט, אַז אין וועלדעל
ארויס אויף שפּאַציער.
וועל איך דיך ניט נעהמען? —
דו קום נאָר צו מיר.

און צייג מיר דעם פּאָרטעל,
און ווייז מיר דעם שניט,
צו שרייבען כאָטש אײן מאָל
ווי ביאַליק א ליעד!...

בעניט דעם בית־עולם
אָדער
דעם בטלן'ס נקמה
(באַללאַדע)

ס'איז לוסטיג ביים גבאי פון חברה קדישא,
מען הוליעט ביז שפּעט אין דער נאכט:
ס'האָט חברה א סעודה א גרויסע געפּראוועט,
א יומא דפגרא געמאכט.

מיט אלערליי טאָרטען, מיט לעקעך און קיכלעך,
געבראָטענע עופות און פיש;
מיט געגזענע גריוועןָ, מיט לאַטקעס און משקה
בעדעקט איז אין גאַנצען דער טיש.

און זייט איהר ציקאווע צו וויסען די סיבה
פון יום טוב, וואָס גאָט האָט בעשערט,
טאָ זעצט זיך, זייט מוחל, איך וועל אייך דערצעהלען
דעם ספּור המעשה. אָט הערט:

ניט ווייט פון שטעדטעל, ביים שאָסע,
וואָס ציהט זיך דורכ'ן זאמד,
געלעגען איז פון כמה יאָהר,
א וויסטער פעלד פערצאמט.

מען האָט דעם וויסט־פערצאמטען פעלד
גערופען: „ס'הייליג אָרט" —
דאָך קיין מצבות זעהט מען ניט,
קיין איינציג קבר דאָרט.

עס סטאַרטשען מעלאַנכאָליש נור
פון מיטען פעלד אַרוים
אַ מאָך־בעדעקטער ברונען און
אַן אַלטע קברות־הויז.

נאָך האָט מען דאָרט קיין מענשליך אויג
מיט שערבליך ניט בעליגט.
נאָך האָט דאָס פעלד קיין אבל׳ס טרער
אין זיך אַריינגעזויגט.

דאָך מיינט ניט, יענע קהילה איז
אַ יוצא מן הכלל:
דעם מלאך המות׳ חלף שעכט
דאָרט אויך, ווי איבעראַל.

עס שטאַרבען יונגע עופ׳עלעך
און גרויע, אַלטע לייט —
דאָך פיהרט מען זיי מקבר זיין
אין שטאָדט פאַר מיילען ווייט.

דען איז אין שטעדטעל ווער־עס־איז
געשטאָרבען, גאָט בעהיט,
דאַן האָבען אַלע קרובים זיך
פאַר׳ן בר־מנן בעמיהט,

משתדל זיך געוועזן פאַר איהם
און איינגעלעגט די וועלט
מען זאָל איהם ניט מקבר זיין
דעם ע ר ש ט ע ן אויפ׳ן פעלד...

אַ שאָק מיט יאָהרען איז פאַרביי,
אַוועק אַ לאַנגע צייט,

און אַלט איז שוין דאָס הייליג אָרט,
דאָך איז עס ניט בענייט:

פערראָסט איז שוין דער טויער־שלאָס,
דער אַלטער פּאַרקאַן פוילט,
דאָס פּוסטע קברות ־ שטיבעל נור
אומזיסט די קינדער גרוילט...

עס וואַרפט א ווייסטען אומעט בלויז
דער אַלטער פּאַרקאַן, שטום,
און הילט אין מרה־שחורה איין
די סביבה ווייט ארום...

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָך איינמאָל האָט גאָט די קהילה בעגליקט
און האָט ווי פון הימעל א מת זיי געשיקט
פאַר'ן פּוסטען און ווייסטען בית עולם —
אַן עלענדען אורח וואָס האָט ניט געהאַט
אין שטעדטעל קיין קלאָגער, קיין ריכטער, קיין צד —
ניט איבערגעלאָזט קיין אבלים...

אַן אַלטינקער בטלן, א גרייז־גרויער איד,
אין דרייען געבויגען, פערהונגערט און מיעד
און טרוקען און דאר ווי א ברעטעל;
די אויגען — פערצויגען, די אויערן — טויב,
פערוואַקסען מיט האָר און פערלעגטע מיט שטויב —
בעווייזט זיך אויף שבת אין שטעדטעל.

ס'איז פרייטאג נאָכמיטאג, די מאָגענס פערנעהט,
דער טשאָלענט פעררוקט שוין, די טישען געגרייט,
העלל שימערען לייכטער און מנורות...
און נחום דער שמש „אין שוהל אריין" רופט;

שוין שוועבען און טראָגען זיך אום אין דער לופט
די זיסע נשמות יתרות...

און אַט פאַלט ארונטער די היילינע נאַכט,
די שוהל איז שוין אָפען, זיין קראַם האָט פערמאַכט
דער לעצטער פערשפּעטיגטער קרעמער;
דער אַלטינקער אורח דער גרייז־גרויער איד,
פערשלעפּט זיך אין שול קוים מיט לאַנגזאַמע טריט,
פערררוקט זיך אהינטער'ן בעלעמער...

נאָך מעריב עס שטעלט זיך דער אַלטער ביים טהיר
און ס'גיט איהם דער שמש א פּלעט ביי דעם גביר,
ביים קצב פון שטעדטעל, רב לייזער;
געזעצט האָט רב לייזער זיין אורח ביים טיש
און שטעלט פאַר איהם משקה און שטעלט פאַר איהם פיש,
געמעגט האָט עס עסען דער קייזער!...

און נוקעט: „ר' קרוב, וואָס עסט איהר ניט? עסט!
געפעלט אייך ניט אפשר חלילה מיין קעסט?
איהר זיינט דאָך לגמרי קיין עסער! —
דער העכט האָט געצאַפּעלט ערשט היינט אין דער פריה,
דאָס פליייש — היינט געשאָכטען, באמונה שלי —
דאָס עוף איז פון אונטערען מעסער!

דאָך געהען דעם אַלטינקען אורח ניט איין
קיין עסען, קיין טרינקען; אום יוצא צו זיין,
פערזוכט ער נור בלויז די געקעכצען;
ביים בענשען שוין וויעגט זיך פערמאַטערט זיין קאָפּ,
עס כריפּען די טענער און רייסען זיך אָפּ,
פערגעהען אין זיפצען און קרעכצען...

נאָך וועטשערע בעט זיך דער אַלטער אַן אָרט
צום רוהען (ער ציהט קוים אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט):
„בין עפּעס... לאַ עליכם... גאָר חרוב;
אוי, ביטער ווי סם... צו זיין עלענד און אַלט,
בעט אוים מיר ביים אויוועז... מיר איז אַזוי קאַלט!
בעט אוים מיר ביים אויוועז, רב קרוב!..."

און ווען ס'האָט אין מזרח־זייט הייליג ערוואַכט
דער שבת פריהמאָרגען אין גילדערנער פּראַכט,
געווען איז דער אַלטער מסוכן:
האָט ודוי געשעפּטשעט אַזוי ווי אין טרוים,
די קויהל־שוואַרצע ליפּען בעוועגענדיג קוים
אין פיעבער־קאָנוואולסען און צוקען...

— — — — — — — — — — — — — — —

געשטאָרבען דער אַלטער,
שוין ליעגט ער אַ קאַלטער,
אַ הייפעלע ביינער און הויט;
זיך לאַנג ניט געמאַטערט,
האָט לאַנג ניט געפלאַטערט
אין וואָג־שאָל פון לעבען און טויט.

געלעבט און געשטאָרבען,
אַן עלענדער קרבן,
פערוואָגעלט, בעליידיגט, פערשעמט;
פון קיינעם בעדויערט,
פון קיינעם בעטרויערט —
אַן עלענדער מת אין דער פרעמד!..

מיט כבוד בעטראַכט איהם,
די אויגען פערמאַכט איהם,
גלייכט אויס זיינע טויט־קאַלטע גליעדער!

דאָס לעבען צושיידט אונז,
ס'פעראייניגט דער טויט אונז
און לערענט מיט אונז פון איין סידור...

מיט שווארצען בעדעקט איהם,
אצינדערט ניט פרעגט איהם
פון וואנעט ער שטאמט און פון וואו;
ר'איז מעהר קיין בעל־קצבה,
ר'איז א מת מצוה
און ווארט אויף זיין אייביגע רוה...

* * *

ס'איז לוסטיג ביים גבאי פון חברה קדישא,
מען הוליעט ביז שפעט אין דער נאכט;
ס'האָט חברה א סעודה א גרויסע געפראוועט,
א יומא דפגרא געמאכט.

מיט אלערליי טאָרטען, מיט לעקעך און קיכלעך,
געבראָטענע עופות און פיש,
מיט געגזענע גריווען, מיט לאַטקעס און משקה —
בעדעקט איז אין גאַנצען דער טיש;

די פיש איז געראָטען, עס „וויינט" אזש דער בראָטען,
עס פעהלט ניט קיין פעפער, קיין זאַלץ;
די יאוך איז בעצוויגען מיט גילדערנע אויגען,
עס שווימען די לאַטקעס אין שמאַלץ!

אין אטלעס געקליידעט, אויבענאָן זיצט דער גבאי,
ארום — די געלאַדענע געסט;
די גבאי'טע פאַדעט ארום א פערפלאַמטע
און בעט זיך: „עסט, קרוינעלעך, עסט!"

עס פאַלגען די געסט זי — פערשלינגען פאַטראָווועס,
 און כוס'ען נאָך יעדען געריכט;
עס פינקעלט די משקה אין פלעשלעך און גלעזלעך
 און שפיעלט זיך אויף יעדענס געזיכט.

עס פינקעלט די משקה, עס הילכען לחיים'ס,
 עס קלינגען די כוסות צום טאַקט;
עס ברענען די אויגלעך ביי חברה קדישא —
 מען פיהלט „בגילופין" — פערקנאַקט!

פערקנאַקט איז די חברה, דער גבאי אליין נור
 א ניכטערער זיצט אויבענאָן;
זיין שטערען פערוואָלקענט, ווי קרייד איז זיין פנים,
 איהם געהט גאָר די שמחה ניט אָן.

ער טרינקט ניט, ער עסט ניט און הערט גאָר די געסט ניט,
 ער זיצט א צוטראָגענער, שטום,
און גלאָצט אויף די פענסטער און טהירען מיט אימה
 און קוקט זיך מיט פחד ארום...

געענדיגט די סעודה, דער עולם צוגאַנגען,
 די טהירען און לאָדען פערמאַכט;
דער גבאי אליין אין זיין שטוב איז פערבליבען.
 דער קלויסטער־גלאָק קלינגט האלבע נאַכט...

זיך שאָקלענדיג לייענט איצט קריאת־שמע דער גבאי,
 עס טרייסעלט איהם איטליכעס גליעד:
„איך גיב אין דיין האנד מיין נשמה דיר איבער —
 בעשירעם מיך, גאָט, און בעהיט!"

האָט קריאת־שמע געלייענט, געקושט די מזוזה,
 די ציצית צוקאָפּענס פערשטעקט,

דאָך עגבערט זיין מת א שווארצע מחשבה
און פּייניגט איהם גרויזאם און שרעקט...

און קוים האָט דער דרימעל דער ערשטער פערוויגט איהם,
געפאנגען, גענומען אין פלען,
איהם איבערגעגעבען אין האנד צום בעל חלום,
האָט פלוצלינג דער גבאי דערזעהן —

ווי ס'שפּאַלט זיך א פרישער, אַן איינזאמער קבר,
אין מיטען דער פינסטערער נאַכט:
דער בטלן אין שפּאָגעל־ניי ווייסע תכריכים,
פון אָפענעם גרוב האָט ערוואכט...

און טרייסעלט אראָב פון זיין טלית און קיטעל
די ערד אין די אָפענע גרוב,
און גיט זיך א לאָז פון בית־עולם צום שטעדטעל...
שוין שטעהט ער ביים גבאי אין שטוב!

שוין קלעטערט זיין שאטען, ביים שיין פון לבנה,
ארום אויף די פינסטערע וואנד,
און טענה'ט און שאָקעלט זיך ווילד און משונה
און מאכט מיט די וואקסענע הענד:

„דו האָסט מיך מביש געווען און בעליידיגט,
געלעגט אויפ'ן פעלד דאָרט אליין,
איך קען דאָרט ניט ליגען — פאַר אומעט און בושה! —
ר' גבאי, דו מוזט מיט מיר געהן!...

„דאָרט וועלען מירביידע דעם אלטען בית עולם
בעגייען — ס'איז מעהר ניט ווי רעכט,

אז דו זאָלסט מיר העלפען פערטרייבען דעם אומעט
פון לאַנגע און איינזאַמע נעכט!..."

* * *

דער גבאי איז מעהר שוין פון בעט ניט ארונטער,
געשטאָרבען דיזעלביגע נאַכט...
דער בטלן איז מעהר שוין אליין ניט געלעגען —
מען האָט איהם א שכן געבראַכט.

אויפ׳ן עולם האמת

(אוים דעם לעבען פון די טוידטע)

שוין זיינען די מתים פון דאוונען געקומען
אין קיטלען אין ווייסע געקליידט,
און זיינען בשלום אריין אין די קברים,
נאָך איידער א האָהן האָט געקרעהט.

שוין שלאָפען די טויטע פון גאַנצען בית עלמין,
צופריעדען מיט זיך און דער וועלט;
דאָך שטעהט נאָך א בר־מנן צווישען די קברים
און קאָכט זיך און זידעלט און שעלט:

„ארוים פון מיין קבר, דו שייגעץ, דו חצוף,
ווי קומסטו אהער — אויבען אָן ? !
אין כאפערלעך שפיעלסטו דאָ, וואָס ? — דרך ארץ
פאר מיר — פאר דער גילדענער פאָהן !

„געפעלט אייך א חוצפה ! א שוסטער זאָל קריכען
אין קבר פון חאצקעל דעם גביר !
ארוים, דו קאפּול, מארש ! — צוריק אין דיין נאָרע
ביים פארקאָן, ווי ס׳פּאסט זיך פאר דיר !

„געפעלט אייך א העזה, דאָס קען גור א שוסטער,
האָט קוים זיך א מקום דערטאפּט !
העי, געהסט ניט מיט גוטען ? — איך לויף שוין צום — פּריץ...“
נאָר דאָ האָט דער מת זיך פארכאפּט...

אזוי האָט געדונערט רב חאַצקעל, דער עושר,
א מת אַ געזונטער, אַ כוואַט,
אויף בערקען דעם שוסטער, אַ קאַרליק, אַ חלוש —
האָט שטאַרבען קוים כח געהאַט...

דאָך ליעגט ער זיך, בערקע, און ריהרט זיך פון פלעק ניט,
איז תקיף, ער איז אויפ׳ן פערד;
עס הערט זיך פון קבר אַ דומפּפיגע שטימע:
„כ׳האָב דיך מיט׳ן פריץ אין דר׳ערד!

„דו מיינסט, אַז דו ביזט נאָך אויפ׳ן עולם השקר
און ביזט נאָך אַ שטאָדט־בעל־הבית?
אַ חשוב ביים פריץ, אַ קנאַקער ביים רבי׳ן,
און פיהרסט נאָך גאַנץ קהל פאַר׳ן נאָז?

„דו מיינסט ביזט נאָך פרנס, דאָס אויבערשט פון שטויסעל —
רב חאַצקעל, דער מלוה, דער גביר:
פון שטעדטעל די קישענס, די לייכטער, די פאַנען
נאָך ליעגען פער׳משכנ׳ט ביי דיר?

„ווען דו האָסט בעראַבעוועט אָרימע כלות
דיך האָט ניט געריהרט קיין געוויין —
בע׳גזל׳ט אלמנות און בידנע יתומים,
פערשאָלטען זאָל זיין דיין געביין! —

„דיר געהען צו חלום אַמאָליגע יאָהרען,
ווען דו האָסט געשונדען פּראָצענט
און האָסט מיט אַ װעקסעל אַ פאַלשען — דו גזלן! —
גערויבט ביי מיר מיינע פיער װענט?

„איצט דאַרפסטו אַ קבר? געה נעהם זיך מיין כאַטקע,
אַ פוסטקע, אַ חורבה איז׳ס יעצט:

שוין פּסול פון לאַנג איז ביים טהיר די מזוזה —
דאָרט האָבען זיך שדים בעזעצט...

„דו האָסט ביי מיין לעבען מיין הייזעל פערנומען,
דו פיינער, דו כשר'ער איד!
איצט האָב איך דיין קבר — ס'איז ריכטיג דער חשבון —
רב חאַצקעל מיר זיינען איצט קוויט!"

רב חאַצקעל, ער שטעהט ביי זיין קבר און ציטערט,
עס וואַרפט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן;
עס גרוילט איהם און פּייניגט אַ פינסטערע אימה,
עס זאָל ניט אַ קרעה טהון דער האָהן!...

דאָך איילט זיך ניט בערל און לייענט דעם לייסטער
פון שוואַרצע, פון שרעקליכע זינד;
עס בורבלען די פאַרמעטענע ליפּען רב חאַצקעל'ס:
„אַ וועה מיר, אַ וועה מיר און ווינד!"

און בערל ער לייענט און לייענט, און דורך די
מצבות צוטראָגט זיך זיין קול;
עס טרעפען די ווערטער פון שוסטער ווי פיילען
אין הארצען דעם פיהרער פון קהל.

* * *

ער שטעהט אַ געפּלעפּטער, אַן אָרימער עושר,
אין נאַכטליכע שאָטענס געהילט,
אַ מת, וואָס האָט נעביך זיין גאַנצעס פערמעגען —
זיין קבר, פערלאָרען, פערשפּיעלט!...

נעהמט גאָר זיין עשירות, זיין תקיפות, זיין יחוס
און גיט איהם זיין אייביגע רוה;

זאָנסט ווערט ער פערלאָרען אין עולם התהו —
קיין מת זאָל ניט קומען דערצו!...

* * *

איצט וואלגערט אין שטויב זיך דער שטאָלץ פון רב האצקלען,
ער געהט שוין מיט סטירדעס ניט מעהר;
ער רעדט שוין פון יושר, ער רעדט פון רחמנות —
ער שיסט מיט די לעצטע געוועהר!...

דאָך טויט איז רחמנות ביי בערלען אין הארצען,
ר'איז טויב צו רב האצקעל'ס געבעט;
ער לאָבט זיך אין קבר מיט זיסער נקמה
און ענטפערט דעם גביר מיט געשפעט:

„דיר פעהלט איצט א קבר, געה נעהם זיך מיין חורבה —
ס'איז דיינס, האָסט עס כשר פערדיענט!...
דו ווערסט דאָרט, רב האצקעל, געפינען דיין גלייכען
נעה, וואָהן מיט די שדים אצינד!"

דאָך פלוצלינג פערשטומט ער, דער קול פונ'ם קבר,
עס הערט זיך א קרעה פון א האָהן!..
— — — — — — — — — — — — — — — —

אין חורבה איז יום טוב, עס טאנצען די שדים:
זיי האָבען א טייערן גאסט אויפ'ן בוידים —
א גאסט פון דער גילדערנער פאָהן...

* * *

רב האצקעל'ס אלמנה, זי קומט חודש אלול
און תשעה באב יעדוועדען יאהר
און קלאפּט אינ'ם קבר: „מיין מאן! מיין נשמה!"
און יאָמערט און רייסט זיך די האָר!

און בערל ליעגט אונטען און קייכט פון געלעכטער —
עס געהט איהם שוין אָב גאָר דער כעס —
עס קייכען די מתים פון גאנצען בית עולם,
ווען בערל דערצעהלט זיי דעם שפּאַס...

ער־היום וויים קיינער, אז חאצקעל איז צווישען
די שדים ביי בערלען אין הויז...
דאָס האלטען די מתים בסוד. און, איהר ווייסט דאָך, —
א מת זאָגט פון חדר ניט אויס!...

תפלה למאַמאָן

אַלמעכטיגער גאָט, אַלוועלטליכער פיהרער,
דו העסליכסטער, מעכטיגסטער, שטאַרקסטער רעגיערער!
נאָר ד י ר אַ ל י י ן דיען איך (איך האָב דען אַ ברירה?)
און — מאַמאָן! כ׳בין מודה — אין דיען דיך אויס מורא!..

מיין הארץ איבערפּילסטו מיט שרעק און יסורים,
איך ציטער פאַר דיר, ווי אַ בלאַט אין אַ שטורעם;
פאַר גאָט, כביכול — דאָס שווער איך דיר הייליג! —
האָב איך ניט קיין פּחד אַ טויזענדען חלק...

ס׳איז אויך ניט קיין חידוש, ס׳איז גאָר ניט קיין וואונדער,
דיך קען מען ניט פאַשען מיט אָקסען און רינדער,
אַ רינדערנער בראַטען שטעלט דיך ניט צופריעדען,
אַזוי ווי יעהאָוואַה׳ן, דעם גאָט פון די אידען...

יאַ, דיר שמעקט דאָס פליישׁ נור פון מענער און פרויען,
וואָס שרייבען און דיכטען און וועבען און בויען;
דיין שפּייז־קאַרד בעשטעהט פון די בראַווסטע און בעסטע,
די עדעלסטע, מוטהיגסטע, קליגסטע און גרעסטע!...

דו זיצסט אויף דיין גילדערנעם טהראָן גאָר געמיטהליך,
און האַלטסט אין איין פרעסען און שלינגסט אַפּעטיטליך,
אָהן אויפהער, אָהן ענדע, עס נעהמט גאָר קיין סוף ניט —
אַ „הנה לא ינום“, דיך נעהמט גאָר קיין שלאָף ניט!..

ליעב האָב איך דיך, מאַמאָן, ווי בייזע מזלות,
ווי פרויען ארורות, ווי תוכחה־קללות,
נאָר וואָס קומט אַרויס? — איך מוז היטען דיין תורה,
ווייל, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, איך האָב ניט קיין ברירה.

ווער איז זיא?

1.

א ליבינקער, זיסינקער מלאך,
א מיש־מאש פון אונשולד און חן;
א פריש־צארטע בלום פון גן־עדן,
פערפלאנצט פון דעם בורא אליין.

זי קען אייך די פינסטערע יאהרען
פערוואנדלען אין ליכטיגע טעג;
זי קען אייער זעעלע בעפליגלען,
אייך ווייזען צום הימעל דעם וועג.

2.

א ליבינקער, זיסינקער טייוועל,
א מיש־מאש פון קראפעווע, כריין,
א דארען וואס שטעכט און פערגיפטעט —
געפלאנצט פון דעם טייוועל אליין...

א קליפה פון טייוועל בעשאפען —
דער איינציגער צוועק פון איהר „זיין",
איז שלעפען דערוואקסענע קינדער
אין שאול תחתיה אריין!...

ע. פליישמאַן

יום כפור טרעהרען

פול מיט רחמים אויף זיין כסא
זיצט דער מלך רם ונשא,
ס'רינגלען איהם ארום
פיעל מלאכים, און אין עיגול
פאָכען זיי מיט זילבער־פליעגעל
ציטערדיג און שטום.

פלוצלינג קלינגט די שטים פון מלך:
„האָרכט, מליצים, איך בעפעהל אייך,
— ס'איז יום־כפור היינט;
זעהט דאָרט אונטען, אין דער ניעדער,
עפּעס הער איך דאָרטען ווידער
וויינט מיין פאָלק, מיר שיינט.

זעהט דעם לאַגעל דאָ, דעם לעדען,
אָנגעפילט זאָל ער מיט טרערען
פון מיין אומה זיין!
הערט איהר ווען דאָרט א זיפץ טהון
פון זיין הארצענס־גרונד דעם טיעפסטען —
קלייבט עס דאָ ארײַן!"

און די סניגור'ן
נייגען טיעף־געשפּאַנט די אויערן,
פאַר די תפילות גרייט,
און אַט הערען זיי שוין קולות! —
„שטן! שוין פערשטאָפּט דיין מויל איז!"
שרייען זיי מיט פרייד.

דאָך אַ טעות, שרעקליך מיאוס!
ניט קיין קרעכצען, ניט קיין בכיות —
קיין יום־כּפּור טאָן...
פון קאָנצערטען, אָפּערעטען,
פון דועטען און קוואַרטעטען
שטימען קומען אָן!

אָט איז שוין די צייט פון נעילה
און קיין איינציג טרער אפילו
קומט צו גאָט אַרויף!
מיט אַ האַרץ אַ ביטער־שווערען
די מליצים שטעהן און קלערען:
וואָס וועט זיין דער סוף?

פרעגענדיג די באַנגע שאלה
איינס דעם צווייטען, האָט דערוויילע
זייער אויג דערבליקט:
ביי דעם לאָגעל אָנגעבויגען
שטעהט דער מלך מיט די אויגען
קרעפטיג צוגעדריקט;

און אַ גרויסער קרייז אַ רונדער
פון מלאכים טהוט מיט וואונדער
צו דעם כוס אַ קוק —
אַך! ס'האָט גאָט אַליין, פערדראָסען,
פון זיין אייגען אויג געגאָסען
טרערען אין דעם קרוג...

אַ גוט קוויטעל

וכל באי עולם יעברון לפניך
(ונתנה תוקף).

עס שטויסען אין קרייז זיך מיליאָנען נשמות,
אין מיטען — פּאַפּיערען אַ פּאַק;
עס ווערט איצט פערצייכענט: מי יחיה — מי ימות,
און יעדוועדער הערט דאָ זיין פּסק.

דאָך פּלוצלינג ביים סופר פון בית־דין של מעלה
אין האַנד ווערט פערגליווערט די פּען;
און שטיל ווענדט איין מלאך צום צווייטען אַ שאלה:
„וואָס איז דען דאָ בייזעס געשעהן?“

דאָ הויבט אויף אַ שניידער־נשמה איהר שטימע
און דונערט ענטשלאָסען און פעסט:
„פערמעקט אייער קוויטעל! איך וויל ניט די חתימה!
און הערען זאָלט איהר מיין פּראָטעסט!

„דען לאַנג איז די טהיר פון מיין מזל פערריגעלט,
אויב עפענען ווילט איהר דעם שלאָס —
אומזיסט אייער טרחה! דער גזר איז פערזיגעלט,
דעם שליסעל — איהם האלט דאָך מיין „באָס“!

„און דענקט איהר צו בענשען מיין שאפּ מיט מלאכה —
אויף דאָס האָט אַ ווערטה נור — אַ פייג!
דען ווערט אויף אַ ווייל נור מקוים די ברכה —
דאַן רופט באַלד מיין „יוני“ אַ סטרייק!

„און ווילט איהר לפּחות געזונד מיר בעשערען,
מיין קערפּער בעהיטען פון קרענק —
פּאַראַנען מיקראָבען — זיי וועלען צושטערען!
איך לעב אַזוי פינסטער און ענג..."

עס כאַפּט אָן אַ ציטער די גאַנצע פמליא,
עס פלאַמט זיי דאָס פּנים פאַר שאַנד:
וואָס וויל דאָ דער בחור? וואָס מאַכט ער אונז קאַליע?
ער דריקט אונז דאָך צו צו דער וואַנד!

דאָ שרייט אוים מטטרון: „פּאַראַן נור איין מיטעל!"
און נעהמט שוין די פּען און פערשרייבט:
„הקטן, החיט, כתריאל בן גיטעל —
אַ קבצן געווען און — פערבלייבט..."

תשליך און דער ים

ערוואַרטעט האָט מיט אונגעדולד,
מיט הונגער־נויט, סכנה,
דער אָקעאַן, דער מעכטיגער,
דעם טאָג פון ראש השנה.

דען איין מאָל נאָר אין יאָהר בעשטימט
האָט גאָט איהם די מזונות,
צו שפּייזען זיך אין תשליך־צייט
מיט חטאים און עונות.

איצט האָט ער שוין דעם טאָג דערלעבט:
ער האָפט, באַלד ווערט איהם גרינגער;
און אויפגעמאַכט שוין ווייט און ברייט
האַלט ער זיין ריעזען־שלינגער!

און שטראָמען ציהען מחנות־ווייז,
אי אידענעס, אי אידען;
אָט שטעהען אַלע שוין ביים ברעג —
עס לאַכט דער ים צופרידען.

דאָך אָנגעהויבען האָבען קוים
די פרומע „תשליך“־זאָגער,
דערשפּירט גלייך האָט דער ים די שפּייז,
ווי פויל זי איז, ווי מאָגער!

האָט ווער פון אייך געפיהלט אמאָל
דעם טעם פון טוכלע פּירות?

אַט פּונקט אַזוי אויך שמעקען מוז
פון אַלטע די עברות.

עס קאָרטשעט זיך ענטטוישט דער ים
און ברומט פול וועה און באַנגען:
„מיין גוטע צייט, מיין שעהנע צייט,
אַך, וואו ביזטו פערגאַנגען?

„ווען אינגעלעך און מיידעלעך,
געהאַלטען שטרענג אין צוימען,
נור פרום זיין פלעגען עפּענטליך
און זינדיגען אין געהיימען.

„אוי, דאַמאַלס איז מיר וואויל געווען,
געשטילט האָט דאַן מיין הונגער
אַ פּעטע, זיסע תשליך־שפּייז,
אַ תאוה־ביים אַ יונגער.

„די יוגענד דאָך, די היינטיגע —
אָ, גאָט, ווי טיעף איך האַס איהר!
זי זינדיגט פרעך און וואַרפט קיין מאָל
די זינד אין טיעפען וואַסער.

„ד'רום מוז איך זיך ערנעהרען איצט
מיט פּוסטע, פּוילע שפּייזען,
מיט נאַרישע חטאים'לעך
פון אויסגעוועבטע גרייזען...“

דער בעל תשובה

אָ, גרויסער בעל־רחמים!
באַרמהערציגער גאָט!
דו האָסט אונז געגעבען
אַ הייליג געבאָט:

„בזעת אפך“,
מיט שווייס און מיט נויט
זאָלט איהר אייך פערדיענען
דאָס אָרימע ברויט.

און איך האָב פיעל יאָהרען
דיין מצוה געהיט,
געפּלאָגט זיך, געמאַטערט
און כורעים געקניעט;

געשוויצט ביי מיין אַרבייט,
געלעגען אין דר׳ערד,
געלאָזט אויף זיך רייטען
אַזוי ווי אַ פערד;

געדולדיג פערטראָגען
דעם יאָך און די בייטש,
און קיינמאָל געפרעגט גאָר:
פאַר וואָס עפּעס? סטייטש?

רבונו של עולם,
פערגיב מיר, פערגיב!

איך וויל מעהר קיין מצוות,
איך האָב זיי ניט ליעב.

על חטא שחטאתי —
איצט וואַרף איך אַוועק
דיין זינדיגע מצוה,
דיין נאַרישען וועג.

געגוג שוין געטרונקען
דעם ביטערען כוס —
איצט ווער איך מיט מזל
אליין מיר אַ „באָס“ !...

צווישען די מאַשינען

אין שאַפּ איז היינט פּרעהליך, די ביזי איז גרויס;
עס דרעהען זיך רעדער מיט ווילדען געברויז.

דער באָס איז אַ דימענט! ער איז היינט ניט קאַרג,
פּערוואַרפּט יעדע „האַנד“ מיט מלאכה, אַ באַרג!

די ארבייטער יאָגען זיך מוטהיג, מיט פּליים,
זיי „שמיעדען דאָס אייזען ווילאַנג עס איז הייס“.

דאָך צווישען דער חברה דאָרט זיצט ביי דער זייט
אַ מאָדנער פּאַרשוין, מיט אַ פּנים ווי קרייד...

אַ פּאָר שטיקלעך ארבייט שוין האַלט ער זייט טעג,
ער נעהט אַלץ און נעהט, און עס געהט ניט פון פלעק.

און זיינע חברים, וואָס זיצען אַרום,
זיי וואַרפען אָפּט בליקען אויף איהם אין דער קרום.

און ווער מיט אַ מינע און ווער מיט אַ וואָרט
פערשפּעט איהם מיט „חכמות“ פון איטליכען סאָרט:

„ס'אַ בלייענער פויגעל! אַ שטרויענער העלד!“
— „געפעלט אייך קאָלומבוס? ער מאַכט דאָס „די געלד“!

„אַמעריקאַ גנב! ס'אַ מזיק אַ מענש!“
— „ער רייבט אייך אריין היינט אַ קוואָדער מיט טשיינדזש!“

אזוי אַלץ כסדר, עס פאַלט נאָכאַנאַנד
א וויטץ נאָך א וויטץ פון געלעכטער און שאַנד. —

דאָך גלייך ווי געוועזן וואָלט ער טויב אָדער שטום,
שווייגט רוהיג דער בלייבער, און קוקט זיך ניט אום.

פאַרנאַכט שטעלט ער אָב זיין מאַשין מיט אמאָל
און נעהמט זיך וואָס שרייבען... און ווידער א קול

פון ווילדען געלעכטער און חוזק געשריי:
דער „גאָלד־שפּינער“ חשבונ׳ט זיין גוואלדיגע „פּיי“!

דער בלאַסער דערהערט נור דאָס שטעכיגע וואָרט,
דערלאַנגט ער געשווינד זיך א הויב פון זיין אָרט:

„איהר גוטע חברים, איצט זיינט איהר גערעכט!
איך „שפּין“ און „פערצייכען“, דאָך טייטשט איהר עס שלעכט!

כ׳האָב גאָלד היינט געשפּונען; כ׳בין רייך! איך בין רייך!
און נישט בלויז פאַר מיר, נאָר פאַר איך אויך, פאַר אייך!

דען דאַן, ווען איהר האָט מיט אונמענשליכער האַסט
געקוועלט אייער גוף, און פון מיינעם געשפּאַסט —

דאַן האָט פאַר מיין דמיון א חלום געשוועבט:
און האָט זיך אין גאָלדענע ריפּמען געוועבט.

איצט האָב איך „פערצייכענט“ מיין גאָלדענע „פּיי“;
— „דאָס ליעד פון דעם מענש, וואָס בעגרייפט ניט זיין וועה“...

איך אדער זיא

מיין באָס, מיט א צאָרן,
שפּאַנט גלייך צו מיר צו:
„דו גרויסער שלים־מזל!
דו טויגעניכטס, דו!
וואָס איז דאָס פאַר ארבייט?
קוק אָן ס'ארא שטאָך!
די נאָט דאָ צושטשאָבעט,
און דאָרט גאָר א לאָך!
און דאָ... ס'ארא צרה!
אוי, אידען, א שרעק:
די „פראָנט" גאָר פון הינטען —
פון פאָרענט — די „בעק"...
אן ארבייט אביסעל!
כאָטש נעהם און פערברען!
נו, נעהם שוין, שלומיאל,
זיי מוחל, צוטרען!" —

— — — — — — — — — — — — — — —

ענטשולדיגט, ענטשולדיגט,
מיין ליבינקער באָס!
איהר ליארעמט, איהר זידעלט,
און פרעגט ניט: פאַר וואָס?
איהר קענט מיין מלאכה,
איהר ווייסט, אז איך קאָן!
אז מיינס א שטיק ארבייט
איז „איי נאָמבער־וואָן",
נור היינט עפּעס... זעהט נור,
אָט דאָרטען... א זעהט!
צו זיצט דאָרט א מלאך?

צו אפשר אַ שד!
און דאָס האָט צוויי אויגען!
אוי, גאָט, איך דערגעה!
צוויי זעלטענע קוואַלען
פון גליק און פון וועה!
און רייכט זיך מיין אויג נור
אַ בליק טהאָן אהין —
דאַן האָב איך קיין הענד ניט,
דאַן פעהלט מיר מיין זין! —
ד'רום הערט וואָס איך בעט אייך,
איך מיין דאָ קיין שלעכטס,
קוים ווילט איהר די ארבייט
זאָל זיין עפּעס רעכטס —
דאַן מוזט איהר ענטשיידען:
נאָך מאָרגען גאַנץ פריה,
ווער זאָל ביי אייך נעהען?
צו איך — אָדער זי!?....

א דזשענטלמען

גאַנץ אָפט קומט אריין אין מיין הויז אויף בעזוך
א חשוב'ער גאַסט, א מין ליץ מיט א בוך,

א מענש וואָס פערשטעהט אַז צו האָבען א מויל,
הייסט ריידען און ריידען — מע טאָר ניט זיין פויל...

ער רעדט און איהם אַארט ניט וואָס פאַר א געמיש
פון מענער און פרויען עס זיצען ביים טיש.

ער ווייסט נור אַז פלוידערען מוז מען א סך
און דוקא אויף ענגליש! — די אידישע שפּראַך

איז פּשוט אַ חרפּה! ווי שטעהט איהם גאָר אָן
צו „טאָקען" גאָר „דזשואיש"? אַזאַ מין פּערזאָן,

וואָס האַלט אין „אַטענדען" א צייט שוין „פּריפּער־
אַטאָרי סקוהל" איז, דאַכט זיך, נישט אבי ווער! —

איך בעט איהם: ערקלעהר מיר, דו נאַרישער יונג,
צו וואָס זאָלסטו דרעהען און ברעכען דיין צונג?

אַן ענגלישער זאַץ קומט דאָך אָן דיר מיט נויט...
און הרג'עסט די אָרימע „גרעמער" צום טויט...

צו הייסט דאָס די פריינד דיינע עהרליך געשעצט
צו לאָזען זיי וואַרטען ביז דו — איבערזעצסט?

וואָס מאַטערסטו יענעם, וואָס מאַטערסטו זיך?
דיין מאַמע־שפּראַך רעדסטו דאָך דייטליך און גיך...

דער בחור גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגען גאַנץ דרייסט:
„סיי, ווהאט אר יו טאָקען עבאָוט? דזשיזוס קרייסט!

„איך בין נישט קיין גרינער, איך בין איצט שוין געל,
די „יידישע לענגווידזש" — איי הייט איט לייק העל!"...

א מאדערנער דאָקטאָר

זיי האָבען א צייט לאַנג געאַרבייט בייגאַנד,
צוויי עלענדע מענשען בעטריבטע;
זיי זיינען אין שאפּ זיך געוואָרען בעקאַנט,
און ענדליך — צוויי הייסע געליעבטע.

נור שווער איז דאָס לעבען און קארג דער געגום —
דער בחור הויבט אָן שפּעקולירען,
ביז איינמאָל ענטדעקט ער איהר שטיל זיין בעשלוס:
ער רעכענט — זיך נעהמען שטודירען...

ער טוליעט זי צערטליך, איהר קאָפּ אין זיין שויס,
און קושט איהר די האָר און דעם שטערען:
„דו ארבייט, מיין ליעבסטע, און האַלט מיך נור אויס —
מיין צוקונפט וועט ד י ר דאָך געהערען...“

ער האָט זיך געלערענט, און זי האָט געקוואַרט,
פערמאַטערט איהר לייב און נשמה;
ביז ענדליך, מיט מזל, זי האָט זיך דערוואַרט —
איהר ליעבסטער בעקומט זיין דיפּלאָמא!

איצט רעדט מען דעם דאָקטאָר שוין כלות אָהן צאָהל,
ווי סחורות ער קלייבט און בראַקירט זיי;
און זי, מיט א הארצוועהטאָג, ליעגט אין שפּיטאָל,
און טרוימט אז איהר דאָקטאָר קורירט זי...

„דער געלער“

א ספּאָרט איז מיין לאַנדסמאַן, א וואַזשנער פּאַרשוינעל,
ער לעזט זיך טאָג־טעגליך דעם ענגלישען „דזשוי'נעל“
און טאַקע, דער אמת, וואָס איז דאָ דער חדוש ?
ווי פּאַסט עס א „געלען“ צו לעזען גאָר אידיש ?
א בוך אין זשאַרגאָן איז ביי איהם ווי א שרץ.
א סך האָט א ווערטה דאָרט א פרוג צי א פּרץ,
א שלום עליכם, א ראָזענפעלד, יהואש ? —
א געלער, פערשטעהט איהר, מוז לעזען נאָר גויאיש.
„ג'אמעריקען פעלער“ דאַרף לעזען א צייטונג,
וואו יעדוועדעם בלעטעלע האָט א בעדייטונג...
קוקט, אדרבא, איין זיך, און ווייסט, וואָס געשמאַק איז,
בעטראַכט אקאָרשט פּיטערם ! זעהט מוסקעלס, קולאַקעס !
און דאָרט זעהט פּאָרטרעטען פון שעהנע „אַקטריצעס“...
און זייט איהר א מבין וואָס אמת'ער וויץ איז, —
דאַן טהוט נור א בליק אויף די קאָמישע אַפּפּען
און זאָגט, צי מען קען זיך דארויף ניט פערגאַפּפען !
טאָ דרעהט זיך מיין לאַנדסמאַן מיט אידיש קיין קאָפּ ניט,
ער נעהמט דאָס אין האַנד ניט, דען ער איז קיין בלאָפּ ניט.

פאַר דער חתונה

דאָרט געהט אַ בלייכער יונגערמאַן
נעארעמט מיט זיין „לײדע“;
אין איילעניש, מיט שנעלען שפּאַן
מאַרשירען זיי זיך ביידע.

די חתן־כלה האָבען נאָך
צו װאַרטען נאָך אַ װאָך צייט,
ראַן „פייערען“ די ליעבע פּאָר,
מיט מזל, זייער „האָכצייט“!

און קרובים האַט מען דאָ און דאָרט,
און לאַנדסלייט אױפ׳ן „דאָזען“...
שוין היינט מוז מען אויף יעדען אָרט
אַן „אינװיטײשאַן“ לאָזען.

און סאָפּענדיג, אויף הויכע טרעפּ
איצט קלעטערען די „בעטער“,
דאָ האָט דער גוטער חתן־לעב
פון טאַטענ׳ס צד אַ פעטער.

זיי טרעפען פעטער יונה׳ן דאָ,
די שװאַכע מוהמע הינדעל,
אין אָרעמקייט זיי װאוינען דאָ
מיט נאָר אַ היבש געזינדעל...

די כלה טהיילט די קאַרטען אויס
דאָס פּנים שיינט פאַר פרייד איהר:

„געדענקט, אַ וואָך צו וואַרטען בלויז
צו חתונה, בלי נדר !...“

די מוהמע קוקט אויף איהר און קלערט :
„יא, פּרעה זיך, שעהנע פּאַנע !
זאָל דעם קיין גוטס ניט זיין בעשערט
ווער דיר איז נור מקנא !...“

דיא שעהנע

דאָס מיידעלע צויבערט מיט חנ׳דלעך,
האָט אויגעלעך — דימענטלעך צוויי;
ווי שנירעלעך פּערעל די ציינדלעך,
א העלזעל — געפּאלענער שנעע...

צוויי קליינינקע, ווייכינקע הענטלעך,
א טאַליעכעל — רונדיג און שמאָל;
א הערצעל — אין מארמאָרנע ווענטלעך;
פארמאכט מיט א טהירעל פון שטאָהל!...

שוין האָב איך אויף אַלערליי וועגען
דאָס טהירעלע עפנען געוואָלט...
דאָך קלינגט עס מיר אימער אקעגען:
„א שליסעלע ברויכט מען פון — גאָלד..."

דער דאָקטאָר

מיין יוגענד־קראַפט האָב איך פערוועגדט,
מיין ענערגיע, מיין ווילען,
מיין גאַנצע בחור־צייט פערלענדט —
א צוקונפט צו ערציעלען.

עס האָבען ביכער, גראָב און שווער,
און הארבע וויסענשאַפטען
אלץ אויסגעזויגען מעהר און מעהר
פון מיר די יונגע זאַפטען.

אזוי האָב איך מיין צייט פערלעבט
אין דחקות, א געפּלאָגטער,
געהאָפט נור האָב איך און געשטרעבט
צו ענדיגען אלס דאָקטאָר.

און ווי דערהויבען און דערהויכט
האָט דאַן זיך מיין נשמה,
ווען כ'האָב מיין גרויסען ציעל דערגרייכט —
בעקומען מיין דיפּלאָמע!

כ'האָב שנעל א דירה אויסגעזוכט,
געעפענט דאָרט אַן אָפיס —
דאָך, גאָט, ווי האָסטו מיך פערפלוכט!
ווי שוידערליך מיין סוף איז.

פון מאָרגענס פריה ביז שפּעט ביינאַכט
איך זיץ און וואַרט אויף קייסעס,

דאָך פּוסט! אומזיסט מיין צייט פערבראַכט —
נאָר גאָט אין הימעל ווייס עס.

כ׳האָב באַלד קיין העמד ניט אויף מיין לייב
און אויף די פיס קיין שיך ניט.
און רעדט מען מיר א רייכע ווייב —
צום אונגליק וויל זי מיך ניט...

כ׳האָב זוכענדיג קיין מיה געשפּאָרט,
און צווישען פיעל בעקאַנטע
געפונען האָב איך דאָ און דאָרט
אי פריינדע, אי פערוואַנדטע.

זיי רייכען טריי מיר זייער האַנד,
זיי ווילען הילף מיר שענקען;
דאָך גאָט! — נדבות איז א שאַנד —
אוי, לאָז זיי בעסער קרענקען!...

בערוהיגונג

אָ זאָג מיר, מיין ליעבסטע,
איך בעט דיך, ערקלער!
וואָס ציטערט פערבאָרגען
אין אויג דיר אַ טרער?

דו האָסט וועגען מיר זיך
אַ מעשה דערוואוסט:
איך האָב גאָר אַ צווייטע
געהאַלזט און געקוסט!

טאָ ביזט דאָך קיין נאַר ניט,
פערשטעהסט מן הסתם,
איך בין דאָך ניט מעהר, ווי
אַ בשר ודם...

איך זעה אזא אוצר —
אַ קינד אזוי ליעב!
ווי זאָל זיך ניט ציהען
צום קושען מיין ליפּ?...

דאָך זיי דו ניט שפּל!
איך שווער עס דיר צו:
זי איז נאָר אַ תפל —
מיין עיקר — ביזטו!...

מ. קאַפּלאַן

גרינס

ארויס אין מארק צפורה איז
און איינגעקויפט מציאות:
פאר איין־און־איינציג קאָפּיקע
א קרענצעל גרינס אויף שבועות.

און עוף און העכט וואָס צאַפּלען זיך,
און רעטעך, כריין און מעהרען;
אהיים פון מארק צפורה ברענגט
א פולען קויש א שווערען.

זי שאָבט די פיש, זי רייבט דעם כריין,
זי סמאַליעט שוין דאָס הינדעל;
פערוואָרפען ליעגט און דארט און וועלקט
דאָס גרינס, דאָס קליינע בינדעל.

אָט יום־טוב שוין, צום טיש געגרייט,
די סעודה נאָר צו מאכען;
און אָבגעקאָכט און אָבגעבאַקט
פון אלע גוטע זאכען.

און ס'שווינקען זיך די גרינסען שוין
אין וואסער, אין א שארבען,
און גוסס'ען, און הלש'ען
און בייטען שוין די פארבען.

און קינדערלעך זיי מאטערען,
און צופען זיי, און פליקען;

בעטראַכטען יעדעם צווייגעלע
מיט וואונדערליכע בליקען...

און רייסען אוים די בלעטעלעך
און טראָגען צו די נעזלעך: —
„אוי, טאַטעניו, אוי, מאַמעניו,
וואָס טויגען זיי, די גרעזלעך?"

„אָ, ס'קומט צונוץ, ניט דאָ געדאַכט,
מען מאַכט דערפון רפואות!..."
אָ, אידען ממש באָדען זיך
אין גרינס לכבוד שבועות...

דער „מיילעך"

רעספּעקט פאַר מיר, אידען, רעספּעקט האָט און אכטונג!
איהר זעהט דאָך, אז „מיילאך" בין איך.
געפּרעסט איז דאָס סוטעל, און ניי איז דאָס היטעל,
און גלאַנציג עס זיינען די שיך.
א קלאָר־ווייסע נאָז־טוך, א קראַגען, א האַלז־טוך, —
איך טראָג א מלוכה אויף זיך.

באשר איהר'ט זאָגען, א „מיילאך" אָהן מלכה,
ס'איז בלאָטע, איך קעניג אליין.
בסוד איך דערצעהל אייך: איך ליעב זיך אין איינער
א מיידעל, א גרויסער פּארשוין.
וואָלט גאָט מיר נאָר העלפען, א לעבען צו מאַכען,
דאַן טהייל איך מיט איהר באַלד מיין קרוין.

באשר איהר'ט זאָגען: איך געה ניט מאַיעסטעטיש, —
דער הילוך בירושה מיר קומט.
ביים טאַטען ביי מיינעם און אויך ביי מיין זיידען
געווען איז דער רוקען פערקרומט.
און האָב איך נאָר חשק, דאַן גלייך איך זיך אויס שוין.
אָט זעהט איהר? דאָס הערבעל פערשוואומט.

באשר איהר'ט זאָגען, איך קאַן ניט רעגיערען,
נו, ווייסט איהר ניט וועמען איהר קענט.
פערגעסט ניט, איך בין אין פעראיין „אנשי וואָלעדניק"
געוועזען א וויים־פּרעזידענט.
און קלעפּ האָב איך דאָרט געכאַפּט און סטוסאַקעס;
א וועלט האָב איך דאַמאַלס געברענט.

באשר איהר'ט זאָגען, איך לייד אויפ'ן מאָגען, —
דאָס איז פון דער מצה ניט מעהר.
עס קוועטשט מיך צו אָפטמאָל א מין „פּעניסיטיס“,
פאַרדייען דאָס עסען איז שווער.
עס זאָגט מיר דער דאָקטאָר, איך דאַרף אַן „אָפּריישען“,
און תיכף גענעזען איך ווער.

באשר איהר'ט זאָגען, א „מיילאַך“ אָהן חיל,
ס'איז בלאָטע, איך קעניג פאַר זיך.
וואָלט גאָט מיר נאָר העלפען געזונד און פרנסה,
דאַן שאַף איך א חיל אויף גיך.
דעריבער בעפעהל איך: רעספּעקט האָט און אכטונג!
איהר זעהט דאָך, אז „מיילאַך“ בין איך!

עוזר דלים

שטעה איך מיט מיין אלטען טאטען
אין דער אלטער שול.
ביי אן אלט צוקנייטשען סדור,
מיט ערוואַרטונג פול.

ווייל פאר מיר ווערט אויפגעפיהרט איצט
גאָר א גרויסע שפּיעל.
עס מארשירען אוים מיט תורות
בעל־הבתים פיעל.

ס'טהיילט דער שמש אוים דעם כבוֹד,
טהיילט אוים מיט פערשטאַנד;
ווערען פריהער, ווערען שפּעטער —
יעדען לויט זיין שטאַנד.

שוין דער ערשטער גאַנג אריבער...
ס'הערצעל מיינס עס גליהט.
אויסגערופען מ'האָט איעדען,
און מיין טאטען נים.

שוין פארביי דער צווייטער טראַנספּאָרט,
ס'געהט א דריטער צוג.
אָ, בעגאַנגען געגען טאטען
ווערט דאָ א בערוג!

אָט צום פיערטען מאָל מארשירט מען,
און צום פינפטען מאָל שוין,

אַלע, אַלע, חוץ מיין טאַטען.
כ׳קוק, און גאַף און שטוין.

און מיין טאַטע שטעהט אין ווינקעל,
קוקט אַזוי פערקלערט.
ענדליך, ענדליך און זיין נאָמען
אויסגערופען ווערט.

(ס׳איז געווען ביי עוזר דלים,
גאָר ביים סאַמע לעצט).
כ׳זעה פערשוועכט מיין טאַטענס כבוד,
און מיין שטאָלץ פערלעצט.

טאַטע, זאָג איך, געה אהין ניט —
אָ, דאָס איז געמיין...
איידער געהן צו עוזר דלים,
בעסער גאָר ניט געהן.

קוקט אויף מיר מיין גוטער טאַטע,
זאָגט אין גוטען מוטה:
שייגעץ איינער, צו הויך ציעלסטו,
קינד דו... הייסע בלוט...
* * *
ס׳הייסע בלוט שוין לאַנג געקיהלט איז,
כ׳ציעל שוין מעהר ניט הויך.
אין דעם צירקעל עוזר דלים
איך מאַרשיר שוין אויך...

א בריוועל „אהיים"

דו פרעגסט מיך נאָך, מיין ליעבער פריינד,
ווי געהט מיר דאָ אין לאַנד
און וואָס איך טהו? אַ גאָט זיי דאַנק,
גאַנץ הויך איז דאָ מיין שטאַנד.

איך וואוין אזש אויפ'ן פינפטען שטאָק,
און שלעפּ זיך מיר און שלעפּ
ארויף, אראָב, איך קלעטער זיך,
איך געה און געה אויף טרעפּ.

די פיס מיינע זיי ברעכען זיך,
דאָס הארץ עס ווארפט מיט קלעפּ...
איך קלעטער זיך און קלעטער זיך
אויף הויכע, הויכע טרעפּ.

איך זעה זיך אָפט מיט אלטער'ן,
מיט זלמן יוסי'ן אויך.
א וויימער, ווייטער וועג צו זיי:
זיי וואוינען זעהר הויך.

און אלע מיר שפּאצירען זיך
אויף קרומע, שמאָלע טרעפּ,
און פינסטער איז ארום און שווארץ;
מיר ברעכען שיעור די קעפּ.

דו וואונדערסט זיך, איך שרייב דיר ניט,
און פרעגסט, וואָס דאָס בעטייט?

די טרעפּ, די טרעפּ, דאָס קלעטערען, —
דאָס רויבט אוועק מיין צייט.

איך ארבייט שווער, און שוואך בין איך,
אז קוים־קוים וואָס איך לעב;
און האָב איך ווען א פרייע צייט,
דאַן געה איך אויף די טרעפּ.

ס'איז זומער שוין, און געהסטו ווען
ארויס אין וואלד, אין סטעפּ —
געדענק, מיין ליעבער פריינד, געדענק:
איך געה דאַן אויף די טרעפּ.

און שיינקט דיר ווען אן עכטער רוס
א צוויי־דריי עכטע קלעפּ,
אָ, זיי מיך ניט מקנא, פריינד:
איך געה דאַן אויף די טרעפּ.

און טראכסטו ווען פון מיר, געדענק:
איך שלעפּ זיך רק און שלעפּ
ארויף, אראָב, איך קלעטער זיך
איך געה און געה אויף טרעפּ.

צו גאַסט

עס שרייבט מיר מיין טאַטע: „אין נעוו־יאָרק, מיין קינד,
א קרוב ביי אונז איז פאַראַנען.
אַן אייגענער, אייגענער גליד־שוועסטער־קינד,
דו זאָלסט זיך מיט איהם דאָרט בעקאַנען!“

נו, איינמאָל א שבת, פוץ איך זיך אויס שעהן,
און כ׳געה מיר פון לעבען געניסען.
איך לאָז זיך צום קרוב צום נייעם אוועק,
בעקאַנטשאַפט מיט איהם דאָרט צו שליסען.

געטראָפען איך האָב איהם אין שיסעל פערטיעפט,
בעוואָפענט מיט גאָפעל און מעסער.
ער האָט ניט בעמערקט מיך, געשלונגען געשמאַק,
(בעהיט זאָל מען ווערען, ס׳אַן עסער!)

נו, שטעל איך זיך פאַר שוין: פון וולעדניק איך בין,
א זוהן פון עזריאל דעם מייסטער.
בעקוקט ער אזוי מיך פון אויבען אראָב,
דערביי מיט אַן עפעל פערבייסט ער...

נו, שטעה איך, ער קייט זיך, מיר קוקען זיך אָן.
(א זעלטענער בילד פאַר א מאַלער).
ער פרעגט מיך: „ווי לאַנג ביזטו, בחור, אין לאַנד,
שוין אָבגעסייפט כאָטש א פאָר דאָלער?“

„שוין עטליכע יאָהר, זאָג איך, בין איך אין לאַנד,
איך טהו בלויז צום לעבען פערדיענען. — —

ער שאָקעלט מיט פאַרוואורף זיין קאָפּ און ער פרעגט:
„ווי האָט מען קיין תכלית אין זינען?

נו, וויפיעל א שטייגער פערדיענסטו א וואָך?
א חשבון כדאי איז צו וויסען!" —
„כ'האָב פיינט, זאָג איך, חשבון, צום טייפעל מיט איהם!"
(מיך הויבט אָן די מעשה פערדריסען).

„האָסט פיינט, זאָגט ער, חשבון? דו מוזט נאָך זיין גרין,
זאָלסט אימער נאָר סייפען אויף שפּעטער!
דערצעהל מיר, אין וואָס־זשע דיין ארבייט בעשטעהט?" —
„איך שרייב דאָ אריין אין די בלעטער."

„אזוי גאָר? דו שרייבסט אין די פּייפּערס אריין?
ס'א טרייד, דוכט מיר, גאָר א געמיינער.
א קאָטער איז בעסער, מען מאַכט דערביי געלד,
אויף שרייבער דאָ לערענט ניט קיינער.

„איצט זאָג מיר נור, לאַנדסמאַן, ביזטו שוין בעווייבט?" —
„נו, זאָג איך, ר' קרוב, א גוטען!"
„וואַרט אוים נאָר, דו ארבייטסט פון שטיק צי פון וואָך?..."
עס קאָכען אין מיר אלע בלוטען!

„איך ארבייט פון שטיק, זאָג איך, כ'האָב ניט קיין צייט,
איך טאָר דאָ ניט לענגער פערבלייבען;
כ'האָב ארבייט א שטיקעל: א קערל ווי איהר
כדאי איז אין צייטונג בעשרייבען!..."

אויף אַ דאַטשע

בערג הויכע, פּלאַנצונגען, שטעכעלקעס, קראָפּעווע,
גרעזלעך אַרום און אַרום.
ליעג איך אין וויעג־בעטעל, געניץ זיך לאַנגווײיליג,
וויעג זיך פער'חלום'ט און שטום.

נמאס ווערט מיר דאָס. איך קריך שוין פון בעט אַרויס,
ציה זיך אויס האַרט אויפ'ן גראָז;
זעץ זיך אַנידער שוין, כ'ריים אויס אַ בלעטעלע,
טראָג דאָס פּאַמעלעך צום נאָז.

נמאס ווערט מיר דאָס. צווינג איך זיך הייזעריג,
רייסט זיך באַלד אָב מיין געזאַנג;
שטעה איך אויף שלעפּעריג, הויב אָן צו וואַנדערען,
כ'שלוקערץ... און געה מיר מיין גאַנג.

נמאס מיר ווערט דאָס. צום טייפעל, ווי לאַנגווײיליג!
הויב איך אָן לויפען מיט האַסט.
ביזט דו פון זינען אַרונטער, דו „פּלעזשערניק“?
דאַכט זיך די וועלט פון מיר שפּאַסט.

נמאס מיר ווערט דאָס. איך קוק זיך אום יאוש'דיג,
ס'נאָגט מיך ביים האַרץ אַ פערדראָס:
מענשען פערלאָזען אַזאַ פּלאַץ אַזאַ טהייערען
ווערען בעגרעזעלט — צו וואָס?

אָ, וויפיעל שעפער דאָ וואָלטען זיך אויסגעשטעלט,
פּושקאַרטס און סטענדלעך ווי פיעל!

אויסגעבויט וואָלט איך דאָ טענעמענטס ריעזיגע —
כ'וואָלט שוין דערגרייכט צו א ציעל...

כ'קוק אויף דער ווילדערניש, כ'קוק אַזוי אומעטיג.
ס'ציהט מיך די שטאָדט און זי רופט.
פלוך אויף דער אָרדנונג דער פאַלשער, דער היינטיגער!
דאַטשעס גאָר אויסגעטראַכט, לופט!

איינזאַם דאָ בלאָנדזשע איך אום אויף די פעלזען־בערג,
כ'זעה קיין טהעאַטער, קיין באָד...
פלוך אויף דער אָרדנונג, דער פאַלשער, דער היינטיגער!
כ'קער זיך צוריק אום אין שטאָדט.

זיך דערקענט

1.

דער דיכטער

גענאַרט שטאַרק איך האָב מיין קאָלעגע צו קענען,
צוויי דיכטער, דער וועלט שוין בעקענט.
צוזאַמענגעטראָפען זיך איינמאָל, דערקענט זיך,
מיט ליעבשאַפט געדריקט זיך די הענט.

זיין בליק האָט געפּאָרשט מיך, מיין זעעל דורכגעדרונגען,
און ענדליך ער האָט זיך דערנעהנט,
און שטיל, שטיל געפרעגט מיך: „זייט איהר ניט בכות
מיר באָרגען ביז מאָרגען צוויי סענט?“...

2.

דער רעדאַקטאָר

גענאַרט שטאַרק איך האָב דעם רעדאַקטאָר צו קענען,
אַ כ׳שרייב דאָך צו איהם אַזוי לאַנג:
מיין נאָמען מסתמא מיט גאָלדענע פעדים
עס וועבט זיך ביי איהם אין געדאַנק.

זיך פאָרגעשטעלט איינמאָל. זיין בליק האָט געפּאָרשט מיך:
„דער נאָמען איז דאַכט מיר באַקענט;
„זייט איהר ניט, איך בעט אייך, דער שווינדלער פון באָסטאָן,
פון באָסטאָן מיין צייטונגס-אַגענט?“...

„מיין העדר, איך בין דיכטער! ביי אייך ערשט געדרוקט זיך,
אַ גרויסע פּאָעמאַ „די פרוי“!

—„אַזוי גאָר, אַ דיכטער?... ענטשולדיגט... קיין צייט ניט.“ —

— — — — — — — — — — — — — — — —

באַקענט זיך מיר האָבען אַזוי.

3.

דער קריטיקער

געגאַרט לאַנג מיין האַרץ האָט אַ גאָהענטע פריינדשאַפט
צו שליסען מיט מיין רעצענזענט.
ער האָט מיינע שריפטען אַזוי דאָך בעלויכטען! —
מיר האָבען זיך ענדליך באַקענט.

„שוין לאַנג, לאַנג, דערצעהלט ער, כ'האָב חשק צו לעזען
דאָס ביכעל וואָס איהר האָט פערפאַסט.
כדאי דאָס בעטראַכטען, און טאַקע גאָר נאָהענט...“
—„מיין הערר, זאָג איך, כ'לעבען איהר שפּאַסט.

„איהר האָט דאָך שוין לאַנג, לאַנג דאָס ביכעל צוגליעדערט,
אי ליכט דאָרט, אי שאָטענס ענטדעקט —“
—„ענטשולדיגט מיר, זאָגט ער, כ'האָב צייט דען צו לעזען?
איך האָב זיך ביי לייטען צופרעגט...“

מיין אמת'ע ווערטה

אין צייטען אין שווערע ווען ס'ערגערט דאָס הארץ זיך
אונ כ'טראָג אויף דער וועלט א פערדראָס,
ווען ס'הויבט אָן מיין מיסים צו שרייען און שילטען,
ווען זידלען זיך הויבט אָן מיין באָס,

ווען כ'פאל אראָב זעהר, און ווער צוטראָטען,
פערלאָרען מיין מענשליכעווערטה, —
צו זלמן דעם שרכן דאן געה איך אריבער;
כ'האָב אלעמען דאן אין דער ערד.

און צייגט מיר נאָר זלמן א שטיקעלע סחורה,
צוריק באלד בעקום איך מיין שטאָלץ.
„פאראן ביי איהר, זאָגט ער, א קאָזין אין באָסטאָן, —
האָט געלד אָט דער קאָזין ווי האָלץ.“

„אזוי, אזוי, זאָג איך, א קאָזין אין באָסטאָן?!“ —
„היינט גיט מען דיר, זאָגט ער, אויף קעסט.
דו קאָנסט זיך שטודירען אויף לאָיער, אויף דאָקטאָר,
דו זיצסט ווי א פויגעל אין נעסט.“

„אזוי, אזוי, זאָג איך, אויף לאָיער, אויף דאָקטאָר?!“
„היינט גיט מען דיר, זאָגט ער, נדן:
א פאָאר הונדערט דאָלאר, און טאקע מזומן,
דו זיי נאָר, פערשטעהסטו, א מאן.“

„אזוי, אזוי, זאָג איך, א פאָאר הונדערט דאָלאר?!“
„היינט גיט מען דיר דרשה־געשאנק;

און כלה־מתנות אַ קייט מיט אַ זייגער.
דו נעהם דאָס אַלץ גוט אין גערדאנק.״

„אזוי, אזוי, זאָג איך, אַ קייט מיט אַ זייגער?!״
„היינט זי, זאָגט ער, ז׳ווערטה עפּעס אויך:
אַ בתולה, פערשטעהסטו, אַ פּאַלנע בר דעת,
מאַסיוו, אויסגעבאַקען און הויך.״

„אזוי, אזוי, זאָג איך, אַ פּאַלנע בער דעת?!״ —
און ס׳כאַפּט מיך אַרום אַזא לוסט.
אַ בתולה, און קעסט, און נדן, און מתנות,
מען גיט דאָס מ׳סתם ניט אומזיסט.

„איך דאַנק אייך, ר׳ זלמן, און האָט מיר אַ גוטען!״
איך לאָז מיך מיט גדלות צום טהיר.
„וואוהין־זשע אנטלויפסטו? מיר רעדען דאָך ביזנעס!״
שרייט זלמן פערצווייפעלט צו מיר.

„פערשטעהט איהר, ר׳ זלמן, איך האַלט נאָך דערביי ניט,
דער זיווג איז מיר ניט בעשערט;
געוואָלט האָב איך פּשוט זיך אָבשאַצען איינמאָל,
צי האָב איך אַ שטיקעלע ווערטה...״

פון פריזיון

אויסגעטהאָן מען האָט מיך נאקעט,
אונטער אויגען פיעל;
און געטהאָן זיך האָט איעדער
מיט מיין לייב א שפיעל.

דער געקנייפּט מיר האָט די זייטען,
און ביים הארץ געקלאפּט;
יענער האָט מיין בויך געקנאָטען
און מיין פּולס געטאפּט.

ביז געקומען צו די אויגען, —
מיינע אויגען צוויי,
קוקען זיי אריין אהינצו,
לאנג, לאנג קוקען זיי.

מיט שפּאקטיוועו אלץ אזעלכע
פאָרשען זיי דאָס אוים.
זיי בעראטהען זיך א ווייעלע,
טראָגען דאן ארוים

זייער אורטהייל, אז איך טויג ניט,
און א סוף, און עק!
טהו איך אָן זיך, שפּילע צו זיך,
כ׳לויף אהיים אוועק.

מיר אנטקעגען איז מיין מאמע
צוגעקומען גיך,

אויסגעשפּרייט די דאַרע אָרעמס,
אומגעאַרעמט מיך.

מאַמע, זאָג איך, כ'האָב בעפּרייט זיך,
כ'טויג פאַר קיין סאָלדאַט.
קאַליע, זאָגען זיי, די אויגען,
עפּעס דאָרט — ניט גלאַט.

צערטליך קוקט אויף מיר די מאַמע,
זאָגט: איך דאַנק דיר גאָט!
פריי מיין קינד איז... קאַליע אויגען
וועה איז מיר, עס האָט.

„אויסגעלייזט פון גרויסער קנעכטשאַפט
האָסט מיין טהייער קינד.
גרויס דיין חסד... קאַליע אויגען...
וועה איז מיר און ווינד.

קינד מיינס, טייערס, בייגעשטאַנען
איז זכות אבות דיר.
כ'האָב געמיהט זיך... קאַליע אויגען...
וועה און ווינד איז מיר.

מאַמע, זאָג איך, ניט געזאָרגט זיך,
אויגען... ווייס איך וואָס;
קויפען וועל איך ברילען גוטע,
אָנטהאָן אויף דער נאָז.

נאָר מיין מאַמע ווישט די טרערען,
מורמעלט אַליין: מיין קינד,
אויסגעלייזט זיך... קאַליע אויגען...
וועה איז מיר און ווינד.

מיין ערשטלינג

פון מיין יוגענד, ווי פון נעבעל,
שווימט ארויס א טאָג.
כ'יאָג אהיים מיט אלע כחות,
און אין הארץ איך טראָג

גאנצע ימים גליק און רייכטהום
פון א העכסטען שטאנד.
כ'האָב דאָס אקאָרסט וואָס בעקומען,
כ'האלט דאָס אין מיין האנד.

און דאָס הארץ, עס צאפּעלט, פּלאטערט,
שטורמיש אין מיין ברוסט.
מענש און ערד און הימעל טאנצען,
ווינקען מיר מיט לוסט.

כ'פאל אריין אין שטוב פערסאָפּעט,
שוויים פון פּנים טריפט.
זיצט מיין מאמע אין א ווינקעל,
ביי א זאָק פערטיעפט.

„מאמע, מאמע!" — רייסט ארויס זיך
פרעהליך פון מיין ברוסט. —
מאמע, מאמע! אָבגעדרוקט זיך
זעה נאָר... ניט געוואוסט..."

„כ'עפען אויף דאָס בלאט, דערזעה איך...
„אָבגעדרוקט מיין שיר.

מאַמע, מאַמע! נעהם ארום מיך,
מזל טוב גיב מיר.

„זעה די גרויסע, גרויסע ווערטער,
זעה, ווי שעהן צושטעלט!...
מאַמע, מאַמע! מ׳וועט דאָס לעזען
אויף דער גאַנצער וועלט.

„מאַמע, מאַמע!" — און מיט טרערען
פילט זיך אָן מיין בליק.
נאָר מיין מאַמע, זי פערשטעהט ניט
וואָס בעדייט מיין גליק.

זי בעטראַכט מיך מילד, פערוואונדערט,
און זי זאָגט: „מיין קינד,
כ׳האָב פערשטאָפּט שוין דיינע זאָקען,
טהו זיי אָן אצינד..."

מיין לופט־רייזע

אוי, אידען, ס׳אַ מעשים איך וואָלט דאָס צואַרבייט,
א לופט־שיף ווען גאָט מיר בעשערט!
מיין פעטער נחמיה׳ן גלייך זעץ איך אריין דאָרט.
(פערלאָזען דאָס לאַנד ער בעגערט).

און ברענגען איך וואָלט איהם צוריק אין זיין וואָלעדניק,
אין שטאדט־מארק איך וואָלט איהם געשטעלט,
ניט ווייט איז דער הקדש, די טאַקסע, די מקוה —
און נעה זיך וואוהין דיר געפעלט.

איך וואָלט דאַן מיין שלמה׳קען, מיין קליינינקען ברודער
פון חדר פון ענגען בעפרייט,
און טראָגען איך וואָלט איהם דורך ים און יבשה,
געפלויגען מיר וואָלטען פערשייט.

ביז ברענגען איהם וואָלט איך אין דיזער מדינה,
אין פרייהייט ערציהען זיין גייסט.
און זאָל זיך זיין רוקען ווי מיינער, ניט בויגען —
זיין יוגענד — ניט ווערען פערגרייזט.

גענומען דאַן וואָלט איך מיין חבר, מיין מאַטלען,
און ווייעדער אין לופטען געשוועבט;
געטראָגען איך וואָלט איהם אין דענוועד, קאָל׳ראַדאָ,
פון לאַנג שוין אהינצו ער שטרעבט.

ווייל ס׳ראַטה איהם אַ דאָקטאָר נור דאָרטען צו וואָהנען,
ס׳אַ גרויסע רפואה צום הוסט.

נאָר ווייט איז אין דענווער — פון וולעדניק נאָך ווייטער,
זיין טאַש אָבער, מאַטעל׳ס, איז פּוסט.

דאַן וואָלט איך פּערדרעהען דעם דישעל און פליהען
אין קאַלטען, אין ווייטען סיביר.
געפאַנגען איז דאָרטען אַ בחור, אַ חתן,
פערנומען איך וואָלט איהם צו מיר.

און טראָגען איך וואָלט איהם דורך וועלדער, מדבריות,
אין בראָנזוויל, אין אידישען רייך;
און ביילקע׳ן, מיין שוועסטער, זיין הארצענס־געליעבטע
פערנעהמען איך וואָלט שוין צוגלייך.

דאַן וואָלט איך מיין זיידען, מיין אַלטען, פערבעטען,
געפיהרט איהם — צום הייליגען לאַנד;
וואו אייגענס מיר האָבען אַ קבר, אַ חלוקה,
אַן אַלטע צובראָכענע וואַנד...

צוטראָגען אין לופט־שיף אזוי כ׳וואָלט דעם עולם,
איעדען געבראַכט אין זיין פּלאַץ —
אַן אנשטאַלט פאַר צדקה מיין שיפעל וואָלט ווערען,
אַ ברכה פאַר לייטען, אַ שאַץ!

און ענדיגען כ׳וואָלט דאַן מיין ערדישע שליחות,
פערלאָזען דעם ערדישען תהום;
פערלאָזען די סביבה פון וולעדניק און בראָנזוויל,
און ענדליך — פערשווינדען אין רוים...

ביזנעס

„ביזנעס בעפאָר פּלעזשור“.
(אַ אידיש־ענגלישער שפּריכוואָרט)

ביז האַלבע נאַכט האָט זיך די האָכצייט געצויגען,
א חופּה, א סעודה... די צייט איז געפלויגען.
עס קרעהן שוין די העהנער, דער זייגער שלאָגט דריי.
א לעצטער „דאָבראַנעץ“, — די שפּיעל איז פאַרביי.

די געסט שוין צוגעהן, צושוואומען זיך אַלע,
בעשיטען מיט ברכות דעם חתן און כלה;
עס ווינשט זיי איעדער א „פרעהליכע נאַכט“,
און ווינקט צו זיי לוסטיג, און פינטעלט, און לאַכט.

און אָט שוין דאָס פּאָרעל אין אַלקיר פערשלאָסען,
עס קוקען זיך איבער די כלה און חתן.
עס שטעהען זיךביידע פער'בשופּ'ט און שטום,
א הייליגע שטילקייט זיי רינגעלט ארום.

און ענדליך ער שטאַמעלט: „שוין אַלעס פּאַראיבער,
אַ עטיל, אַ עטיל, איך טראַכט אַלץ דעריבער
צי מאַכען א לאָנדרי, צי קויפען א סטענד,
צי ווערען פון זינגער־מאַשינען אגענט.“

דאַן טהוט זי א געגעץ און ענטפערט מיט שכל:
„איך בין דיר די לאָנדרים, די קענדי סטאָרס מוחל,
דו מעגסט זיך נאָך מענשלען אביסעל אין שאפּ,
די פּיש פאַר די נעץ נאָר, מיין ליעבער, ניט כאַפּ.“

דאַן טענה'ט ער ווידער: „וואָס וועל איך פערליערען?
א בריה'שאַפט מיינסטו א ביזנעס צו פיהרען?
א גרויסע מציאה!... אוי ביזטו א נאַר." —
ער זעצט זיך געלאַסען, פערציהט א סיגאַר.

אין שמועס פערטיעפט זיך זיי האָבען אויף שטונדען,
און גאָר ניט בעמערקט ווי די נאַכט איז פערשוואונדען,
עס שמייכעלט די זון שוין אין פענסטער, ס'איז טאָג.
און ס'טהוט זיך די כלה צום חתן א זאָג:

„אָ, לאָמיר די ביזנעס שוין לאָזען אויף מאָרגען.
מיר האָבען דאָך עפּעס נאָך היינט צו בעזאָרגען...
ער ענטפערט: אוי־וואַ, גאָר פון זינען ארוים. —
און שלעפעריג לאַנגזאַם זיי טהוען זיך אוים.

דער תלמיד

— מיין לאנדסמאַן, רב שלמה, וואוהין און פון וואַנען
עס שלעפּט זיך אַ איד אַזוי שפּעט?
איז דאָרט ניט אַ ספר חלילה אַ טרפה׳ר
פערוויקעלט ביי אייך אין גאַזעט? —

עס שמייכעלט רב שלמה, זיין באָרד זיך ער צערטעלט,
פערדרויכערט און ענטפערט צולעצט:
דער ספר הייסט „רידער“... אַ דרדקי סדור,
פון חדר דאָס קום איך אָן יעצט.

פערשטעהסט דו... וועסט לאַכען; איך געה אין די קלאַסען
אין אבענד, מע לערענט זיך שפּראַך.
צו שפּעט, זאָגסט דו.... אמת, נאָר אָהן אַ סכנה,
אַ איד דאַרף זיך לערנען אַ סך.

דער עיקר אַ איד דאַרף שטודירען די שפּראַכען,
אין שכנות ביי יענעם... פערשטעהסט?
דו שלעפּ דיך אין דירות... מען זאָגט דיר: „געראַרי!“
כדאי צו פערשטעהן וואָס דאָס הייסט...

אַ נדבה גיב!

אוי ביזטו אַ טייער מיידעל!
רייצסט מיך מיט דיין חן.
דיינע בעקלעך, אויגען, ליפּען
אויסגעטאָקט, ווי שעהן!

און זיי בעטען זיך צום קושען:
„נעהם געניס, דו נאַר!“
נאָך איך ציטער, כ'וועל דיך מוזען
הייראַטהען דערפאַר

און ערנעהרען דיך, און קויפּען
מעבעל און געשיר;
נעהמען רומס און צאָהלען געז־בילס...
כ'האָב ניט, וועה איז מיר!

אוי, איך קאָן זיך קוים ערנעהרען,
דאָך איך האָב דיך ליעב.
שענק־זשע מיר אַ קוש אומזיסטען,
אַ נדבה גיב.

דער אַפּטייקער

דער סינק איז זיין חיות, עס גיט איהם חיונה,
עס שעפּט זיך פון דאָרטען און שעפּט;
ער פאַרבט צו דאָס וואַסער און מאַכט דאָס געזאַלצען, —
און פאַרטיג אַ דאָקטאָר׳ס רעצעפּט.

און קלינגט מיט דער שטייסעל... משמעות, ער ארבייט,
און ממזר׳יש טהוט ער אַ ווינק...
אין פראָנט זיצט אַ קראַנקע, אַ טויט־בלאַסע ווייבעל
און וואַרט אויף די וואַסער פון סינק.

ה. רויזענבלאַט

JEWISH PUBLIC LI

מה נשתנה

(לויט אַ נייעם נוסח)

בלייבע מצות, פרייהייטס בלעטער,
בליהט זיך שוין פאַנאַנדער!
שעהן און ליעבליך איז דאָס וועטער;
פייגעל קומען שוין פון וואַנדער.

און דער וואַלד אַן אויסגעפּוצטער
אין די יום־טוב׳דיגע קליידער,
אין אַ ווייסען בליטהען־קיטעל,
נעהמט זיך פּראַווען באַלד דעם סדר.

און דער וואַסער־קוואַל, דער קונדס,
אויף אַ קול׳בעל פריי און פרעהליך;
דאָ צוואַוואַקעלט זיך און מונטער
פרעגט די קשיות ביי דעם מלך:

„מה נשתנה“, וואָס עס בליהען
איצט די בוימער און די בלומען?
„מה נשתנה“, וואָס צו פליהען
איצט די פויגעל פרייע קומען?

„מה נשתנה“, וואָס פון הימעל
שטראַהלט אַ קלאָרע זון אַרונטער?
„מה נשתנה“, וואָס דאָס בליהמעל
אויף דעם בערגעל טאַנצט זיך מונטער?

„מה נשתנה" וואָס עס קלינגען
נייע פייגעלשע נגונים ?
„מה נשתנה" וואָס עס שפּרינגען
זשוק און זשוקלעך כל המינים ?

„מה נשתנה" וואָס דאָס לעבען
שטראָמט און גיסט זיך פריי און פרעהליך ? —
„ווארט א רגע, כ'וועל דיר געבען
באלד דעם תירוץ," — זאָגט דער מלך :

עבדים היינו : מיר זיינען געוועזען
ביים ווינטער פערקנעכט ;
און גרויזאם און שלעכט
'ז געוועזען מלך פראָסט,
מיר האָבען אין קייטען
געזשאווערט, געראָסט.

און לאנג האָט ער אונז
געדריקט און געשטיקט
און האָט אונזער בליהענדעס לעבען צופליקט.
ויוציאנו יהוה אלהינו
און גאָט האָט זיין הילף אונז געשיקט,
און האָט אונז בעגליקט,
און האָט אונז בעפרייט,
בעלעבט און בענייט,
טאָ זינגט־זשע און לויבט
פון פריהלינג די צייט
הרי זה משובח...

צום זומער־זמן

(א חדר ליעדעל)

טהוט אוים די גארניטערלעך, קינדער,
אוועק איז דער יום טוב, שוין אוים,
עס קוקט שוין דער ברודיגער חדר
אויף אייך א פערבענקטער ארוים.

דער רבי ער זיצט א געקלעמטער
און קוקט זיך אין געסעל אריין:
„וואו זיינען די קליינע קונדסים?
וואס הייסט עס, וואו קענען זיי זיין?"

טהוט אוים די קאשקעטלעך, די נייע,
און האידא אין חדר אריין!
און נעהמט זיך צו לערנען מיט חשק —
אוי, קינדער, אז וואויל וועט אייך זיין.

וואס ארט אייך דער לויטערער הימעל,
די גרויסע, דיווארעמע זון,
די פעלדער, די וועלדער און טהאלען,
איך פרעג אייך: וואס האט איהר דערפון?

און ווילט זיך אייך רויזעלעך דוקא,
טו לערנט־זשע, קינדער, געשמאק;
דער רבי מיט פייכטע צוויי פינגער
וועט יעדען א קניפ טהון אין באק.

און ס'וועט זיך אַ רויזעל צובליהען
און חנ'עוודיג ליעב ווי די וועלט — —
אוי וואָס פאר אַ ווערטה האָבען, קינדער,
פאר אייך יענע רויזען אין פעלד?

אוי וואָס פאר אַ ווערט האָבען רויזען
לגבי דער רויז אויף דער באק?!
טו לערנט־זשע, קינדערלעך פרומע,
און חזר'ט די תורה געשמאַק.

און ווילט זיך אייך דוקא אַ שטיף טהון,
טו ווארט ביז דער רבי שלאָפט איין;
דאַן קענט איהר זיך וועטען אין קנעפּלעך,
נאָר, שוועלבעלעך, שטיל זאָל מיר זיין!

דאַן קענט איהר זיך וועטען צי קען שוין
ווער לערנען דעם היינטיגען שעור.
נו, גיכער דרעהט אָב פון די הייזלעך
די קנעפּלעך, און לעגט איין ביי מיר.

און ווילט זיך אייך הערען אַ פויגעל,
דאַן דאַרפט איהר ניט ווארטען גאָר לאַנג,
דער רבי וועט אויפשטעהן פון דרימעל
און איהר וועט שוין הערען געזאַנג.

„אי אמר אביי" צוטרילען
וועט איבער דעם שטיבעל זיך באַלד — —
אוי וואָס פאר אַ ווערטה האָבען, קינדער,
פאר אייך יענע פייגעל אין וואַלד?

אוי, וואָס פאר אַ ווערטה האָט דער צאַרטער,
פער'חלום'טער פויגעלשער קלאַנג

לגבי צעהן קעלבעלעך דינע
אין „אַמר־אביי“־געזאַנג ?

און ווילט זיך אייך באָדען אַביסעל,
עס פּיהלט זיך אַ קאַפּעטשקע היים,
טו לערנט געשמאַקער, מיט חשק
און באָדט זיך און באָדט זיך אין שווייס.

אוי וואָס פאַר אַ ווערטה האָט דאָס טייבעל,
דער גילדענער, זאַמדיגער ברעג
לגבי די ריקעס וואָס שניידען
זיך דורך אויף דעם שטערען אַ וועג ?

לגבי די שלענגלענדע ריקעס
— וואָס שלאָגען פון שטערען ארויס
ווי טיעף איז דער ים פון התמדה,
די כוואַליעס ווי מורא׳דיג גרויס...

*

וואָס אַרט אייך דער לויטערער הימעל,
די גרויסע און לאַכענדע זון,
— די וועלדער און פעלדער און טהאָלען
קיין איד זאָל ניט וויסען דערפון...

אין געיעג

(אַ ליעדעל אָהן אַ סוף)

1.

געקומען איז אַ פויגעלע
צוריק אהיים פארנאַכט
און האָט פאר איהרע קינדערלעך
אַ ווערימעל געבראַכט.

זי קומט צום בוים, זי קומט צום צווייג
און טרעפט — די נעסט איז לעער,
אַ צעהנדליג ווייסע פעדערלעך
און קיין זאך, קיין זאך מעהר!

עס וויינט דאָס אָרעם פייגעלע
און כליפּעט אָהן אַ סוף...
עס הערט דער וואַלד דער דונקעלער
און זיפצט און זיפצט פון שלאָף.

2.

געקומען איז אַ שוואַרצע קראָה
אהיים גאַנץ שפּעט ביינאַכט,
און האָט פאר איהרע קינדערלעך
אַ פ ו י ג ע ל ע געבראַכט.

זי קומט צום בוים, זי קומט צום צווייג
און טרעפט — די נעסט איז לעער,

א צעהנדליג שוואַרצע פעדערלעך
און קיין זאַך, קיין זאַך מעהר!

עס שרייט די שוואַרצע קראָה און שרייט
און קראַקעט אָהן א סוף...
עס כאַפּט זיך אויף דער שוואַרצער וואַלד
מיט אַנגסט און גרויל פון שלאָף.

3.

אַנטקעגען זונען־אויפגאַנג פליהט
אין פרייען ברייטען רוים
דער שטאָלצער אָדלער און ער טראָגט
א יונגע קראָה א היים.

און אָט דאָרט ליעגט זיין פעלזען־שלאָס
אין העלען זונענשיין;
היינט וועט ביי זיינע אָדלערלעך
א גרויסע סעודה זיין.

„די העלדען מיינע..." און דאָס הארץ
מיט שטאָלץ ווערט איבערפילט.
און אונטער'ן הויכען פעלזען שטעהט
א יעגער און ער ציעלט.

4.

אַנטקעגען זונען־אונטערגאַנג
דער בראַווער יעגער שפּאַנט:
„היינט מוז די שעהנע ראָזא מיך
בעגליקען מיט איהר האַנד...

„מיין אויג איז שאַרף, מיין האַנד איז פלינק,
מיין העלדענמוטה איז גרויס.“
דער יעגער טראַכט און פון דער נאַכט
איהר הייזעל שווימט אַרויס.

עס שווימט אין ליכט און צימבעל־קלאַנג, —
דער יעגער שפּאַנט מיט האַסט — — — —
ער קומט און טרעפט זיין ראָזא שוין
צום מילנער׳ס זוהן פער׳קנס׳ט...

דער בראַווער יעגער

(אַ „העלדען“־ליעד)

ס'איז אַמאָל אין וואַלד אַ יעגער
פיעלע טעג ארומגעלאָפען,
„פיף“ און „פּאַף“ און כאָטש צוריים זיך —
האָט צומאָל קיין פליעג געטראָפען.

שפּאַנט דער יעגער דורך דעם וואַלד זיך,
שטאַרק פערראומערט, שטאַרק דערשלאָגען.
וואָס וועט ער פאַר לייט דערצעהלען,
און מאַריושע וואָס וועט זאָגען?

וואָס וועט ער איהר אַלס אַ צייכען
פון זיין העלדישקייט איצט ברענגען?
און דער יעגער האָט בעשלאָסען
זיך אין וויסטען וואַלד צו הענגען.

יאַ, זיך הענגען — און אַן ענדע.
נאָר צי פּאַסט עס פאַר אַ יעגער
אויף אַ שטריק זיך טעלעבענדרען?!
וואָלט ניט שיסען זיך, אַ שטייגער,

זיין פיעל שעהנער און פיעל בראַווער?
יאַ, זיך שיסען איז איהם ניחה'ער.
איין מאָל כאָטשבי וועט ער ציעלען —
און וועט טרעפען, טרעפען זיכער!

און דער יעגער לאָזט ארונטער
צו דער ערד דעם ביקס דעם שווערען,
נעהמט דעם שיס־רעהר אָן ענטשלאָסען
און ער ציעלט זיך גלייך אין שטערען.

שטיל... אין גרויסען וואלד א רגע,
און מיט איין מאָל „פיף“ — געטראָפען
אויף א בוים אן אלטען פויגעל
וואָס איז פריעדליך זיך געשלאָפען.

*

פרעהליך שפאנט אהיים דער יעגער.
אויף דעם גארטעל אויפגעהאנגען
זיך דאָס יאגד־רויב, און פאר שטאָלצקייט
ווערט דעם גבור׳ס הארץ צוגאנגען.

„אוי, וועט זיך מאריושע פרעהען,
פון מיין בראווקייט וועט זי קוועלען, —
און איז ניט כדאי דאָס לעבען
פאר מאריושע׳ן איינצושטעלען?...“

מיין שעהנסטער חלום

מיר חלום'ט זיך א פריהלינג־טאָג
א גרינער וואלד א שטילער,
און איך — א פרייע פייגעלע
דאָרט פליה ארום און טרילער.

יא, פריי און גליקליך פיהל איך זיך...
און וואָס איז דען דאָס חדוש?
א סוף — אוים אידישער פּאָעט!
איך זינג ניט מעהר אין אידיש!

א וואלד א פרייער — און ניטאָ
קיין בעל־הבית, קיין שומר;
איך בין א פויגעלע און זינג
פיר בלומען און פיר בוימער.

און אך ווי גרינג עס קייקלען זיך
פון האלז ארויס די טרעלען;
ניטאָ קיין עולם וועמען איך
דארף זוכען צו געפעלען;

קיין אידישער רעדאקטאָר ניט
וואָס זאָל מיר „רעדאקטירען",
און קיין „בעלעהרענדע קריטיק"
וואָס זאָל מיך איגנאָרירען.

איך בין א פרייע פייגעלע —
ווער קען מיין פרייהייט בענרייפען? —
און ס'הילכט איבער דעם גרויסען וואלד
מיין ווילד־פערשייטעס פייפען.

דער אייז־קריעם גלאָק

(געווידמעט אַלע די וואָס האָבען האָלד אייז־קרים)

צווישען אלטווארג אין דער קאמער,
ליעגט און טרוימט פון ליעבען זומער,
ליעגט דער „אייז־קרים“ גלאָק א שטומער;

ליעגט און טרוימט פון ברייטע גאסען,
און פון זונען הייסע, טרייע,
און פון קינדער ווילדע, פרייע...

פריה שוין הערט מען אין די גאסען,
ווי מיט תאוה׳דיגע קלאנגען
וואכען זיינע פרייד־געזאנגען.

קינדער הערען און זיי ווערען
ווי פון כשוף צוגעצויגען —
בלאָנדע לאָקען, בלויע אויגען,

רויזען בעקלעך, פערעל צייכדלעך,
זיך אין צויבער־טאנץ בעוועגען,
שטראָמען פרעהליך איהם אנטקעגען.

נעהמט דער גלאָק נאָך העכער ווארפען
זיינע טענער ריין און זויבער,
פול מיט ליידענשאפט און צויבער:

„איך קום קרעפּטען,
איך קום קיהלען,
דורשט און פּיעבער
קום איך שטילען.

בלאַסע ליפּען
קום איך קושען,
און בעלעבען
און ערפרישען.

„באַלזאַם קיהלקייט,
האָניג זיסען,
קום איך אייך
אין הארצען גיסען...

צווישען אַלטוואַרג אין דער קאַמער,
ליעגט דער „אייז-קרים“ גלאָק אַ שטומער;
ליעגט און טרוימט פון ווייטען זומער...

דער דעקאַדענט

לאָז וואַקסען לאַנג די האָר פון קאָפּ,
די נעגעל פון די הענט;
טהו אָן א גרויען הוט, אזוי,
זאָלסט אויסזעהן פראָמינענט,
און רעד מיט שלינגע, שפּיי און שפּריץ,
און ביזט א דעקאַדענט.

און הפקר... ס'איז די גאַנצע וועלט
ביי דיר דאָן אין די הענט;
א יעדער קעהר פון גאָט צו שד
איז נור אין דיר געווענדט.
דו שאַפסט, רעגיערסט, דיין וואָרט איז מאַכט
דען דו ביזט דעקאַדענט!

און ווילסטו, צינדסטו אָן דעם ים
און וואַרעמסט זיך די הענט,
דו הערסט די קולות פון די פיש
וואָס ווערען דאָרט פערברענט;
נאָר דו, דו האָסט קיין מיטלייד ניט —
דו ביזט א דעקאַדענט!

דו דאַרפסט קיין שכל ניט א האָר,
קיין ברעקעלע טאַלענט;
דו דאַרפסט קיין ריפמען און קיין גראַם,
קיין לשון, קיין אַקצענט;
טו גאָט און לייט אויף פּוקעניש —
דו ביזט א דעקאַדענט!..

י. רײַז

איהר מיינט?

(אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט)

איהר מיינט
טאקע
אז איך
קען ניט
שרייבען
קיין לידער?
איך מאך
א וועט
אז איך קען
שרייבען בעסער
פאר אייך!

„דום וויוויםוס, וויוויאַמוס"

(אַ לירישע סימפּאָניע מיט צווייערליי כאָהרען)

געקומען דער פרעכטיגער פריהלינג — געקומען!
פון וואַנען, אַ, פריהלינג, האָסטו זיך גענומען?
גענומען — געקומען?
האָסטו ניט בעגעגענט דאָרט ערגעץ מיין מוהמען? —
בעשאָטען מיט בלומען?...
קומסטו פון דאָרטען, וואו לעמפּערטען ברומען —
און טיגערלעך זשומען?...

כאָר פון מלאכים:

גענומען — געקומען —
פון לעבען דיין מוהמען —
בעשאָטען מיט בלומען...
וואו טיגערלעך ברומען —
און לעמפערטען זשומען...
ברוך הוא, וברוך שמו, אמן!

די בלומען בענעצטע זיי שלאָפען ווי פאַנעס —
אין וואַנעס!...
מען שלעפּט שוין אין פעלד, אַך, די שפּיציגע בראַנעס —
ווי באַראַנעס!...
עס הוסטען די דעמבעס ווי אַלטע איוואַנעס...
עס קאַטשעט דער ים זיך אין זאַמדיגע ראַהמען... —
אַ, האַלט איהם אַ ווײַלע! — איך געה איהם פערצאַמען!...

כאָר פון זייגער־מאַכערס:

עס שלאָפּען ווי פאַנעס —
אין מילכיגע וואַנעס —
די אַלטע איוואַנעס —
ווי ווילדע באַראַנעס —
אין מעשענע סטאַנעס...
עס בורטשען די ים'ען; —
איך נעה זיי פערצאַמען! —
ברוך הוא, וברך שמו, אמן!

אויף נייע סטרונעס

(נאָך מאָריס ראָזענפעלד)

דער אומעט פאָהרט אין וואָלקען־באהן,
אָ, באלד וועט זיין א שנעע!...
טו זאָג־זשע, פריינד, און זאָג־זשע גיך —
צי וועסטו טרינקען טהעע? —
דו וועסט!

ס׳הענגט א שייגעץ אויף א בוים,
ס׳טייכעל פליסט זיך קלאָר;
פערשטעהסטו עס, מיין ליעבסטער פריינד,
בעגרייפסטו עס אויף קלאָר? —
בעגרייפסט!

און ווינד און וועה... א קלאָג צו זיי! —
וואָס האָבען זיי צו מיר?
וואָס טשעפּען זיי — וואָס ווילען זיי? —
העי, שפּיעלסטו דען קלאווירַ?... —
דו שפּיעלסט!

אין טינטער ליעגט דעם פייגעלע׳ס
קליין שנעבעלע — אָ, וועה!
און מאכט עס: „ציף“, „צאף“, „צעף“, —
דאן רעגענט עס מיט שנעע! —
אָ, — וועה!

אך, קום אוועק! איך קען ניט זעהן...
די וועלט איז „פע“ און „פוי“;
געוואלד, וואָס טהוט זיך דאָ אזוינס? —
צו האָסטו דען א פרוי? —
דו האָסט!...

די טהעע איז קאַלט ? טו קום אין וואלד !
אין וואלד איז דאָ א בער, —
ער מאַכט א „פינדזשע־דרינדזשע־דרי : —
ווי קומט איהר דאָ אהער ?“ —
מאַכט ער !...

דער קינפּעטאַר

...און הינטער דעם ווענטיל מיט שפּיגלען און פלעשער,
וואו ס'ווערען רעצעפּטען געמאַכט —
אַנומעלט געשטאַנען בין איך און געאַרבייט, —
געווען איז עס שפּעט אין דער נאַכט.

געקייקעלט די פּילען האָב איך אויף אַ ברעטיל,
געקוקט פּאַר איין וועג אין מיין בלאַט;
ווען פּלוצים אַריין איז אַ איד און געזאָגט מיר:
„הערר אַפּטהעקער, — זי האָט שוין געהאַט!...

„אַ ביטערער „האָבען" געווען איז דאָס געביך,
מיט נסים, איך זאָג אייך, מען לעבט!
געגאַנגען דאָס קינד איז פערקעהרט... מיט די פיסלעך...
בקיצור... נעהמט מאַכט דעם רעצעפּט!"

גענומען זיך מאַכען האָב איך דאָס רעצעפּטיל,
פערשריבען אין בוך פון אַפּטהעק;
פערמאַכט דאַן דאָס קרעמעל, פערשלאָסען די טהירען,
און דאַן בין איך שלאָפען אוועק.

דער גאָט פון חלומות האָט באַלד זיינע פליגעל
פערשפּרייט אויף מיין קאָפּ אַזוי לינד;
אַ וויבעל געוואָרען בין איך און... וואָס מיינט איהר? —
עס דוכט מיר איך געה איצט צו קינד...

און שווער איז דער וועהטאָג און טיעף איז די שאַנדע —
קיין גאַנצע ניין מאָנאַט אוועק;

אן אונגליקליך מיידעל, פערשפּאַטעט, פּעראַכטעט,
א שווערער... אן אייביגער פלעק...

עס שלאָגען די אנגסטען ארוים אויף מיין קערפּער,
אַט כאַפּט מיך גאַר אָן א שגעון.
א שפּרונג פון דעם בעטעל — די הייבאַם דערשרעקט זיך,
זי ציטערט... און ווייסט ניט וואָס טהון...

דאַן בינד איך די לענדען ארום מיט א האנדטוך,
און כאַפּ א שייט האָלץ אין דער האַנד:
„וואו איז ער דער גזלן? פּעראונגליקט מיך האָט ער,
געבראַכט אויף מיין יוגענד א שאַנד!“

דאָך וואַקסט אַלץ דער וועהטאָג, איך פיהל אז עס קומט שוין
פון שרעקליכען אָנהויב דער סוף...
א קוויטש — און... עס טרייסעלט מיך עמיץ: „וואָס שרייט איהר?
איהר וועקט דאָך די קינדער מיר אויף!...“

מיין האַנקע

(נאָך פּאָו׳ס „אַנגאַבעל ליע״)

ווייט, ווייט אין דער ליטע׳ס פערוואָרפענעם לאַנד,
וואו א רויז טהוט דאָרט זעלטען ווען בליה׳ן,
געלעבט האָט אמאָל דאָרט א מיידעל, בעקאַנט
צו דער וועלט מיט דעם נאָמען „פּוטשין״.

א יתומה געוועזען, געדיענט אויף א „גוט״,
האָט געאַרבייט ביים גאָרטען, ביים פעלד;
און געמיינט האָט דאָס מיידעל — מיט׳ן דאָרף „בוראַקין״
סך הכל זיך עקט שוין די וועלט...

איך, א יונג פערדעל, בעפרייט פון דעם צוים,
וואָס האָצקעט ארום אָהן א ציעל:
גע׳פּטר׳ט דאָס חדר, — בעגראָבען דעם טאַטען —
בקיצור, וואָס דאַרפט איהר דאָ פיעל? —

פערליעבט זיך אין האַנקע, און האַנקע די גוטע
פלעגט געבען מיר געלד אויף טיטין;
געליעבט האָב איך בלאָזען דעם רויך אין דער הויך,
נאָך מעהר ווי מיין האַנקע „פּוטשין״!

און איינמאָל איז האַנקע געגאַנגען פריהמאָרגענס
פּאָדקאָפּען די בולבעס אין פעלד,
געוואַרט ביי דעם מיהל־שטיין האָב איך און געטראַכט זיך:
אָט באַלד, און מיר קריגען דאָס געלד!

גערווישט האָט דער מיהל־שטיין זיין „טאַר־טאַר־טאַר־טאַר“,
דאָך מיין קול האָט אריבערגעשריי׳ן:
„גיב געלד פאַר מאַכאָרקע, גיב געלד, דו ממזרת!
דריי קאָפּיקעס גיב אויף טיטין!“

געראַנגעלט מיט מיר האָט לאַנג־לאַנג זיך מיין חאַנקע,
געקאַטשעט מיט מיר זיך באַרג־אַפּ;
געזוכט מיט׳ן מויל אַלץ מיין אָרימע „נאָזדראַ“
און איך — אַזוי פעסט פאַר׳ן צאָפּ!

געקאַטשעט, געלעגען, אי אויבען, אי אונטען,
געפלאַקערט, געזאָטען דער שטרייט;
ביז ענדליך דער מילנער האָט זי פון מיין צאָרן
א האַלב א דערשטיקטע בעפרייט.

אַזוי האָט מיין ערשטער „ראָמאַן“ זיך געענדיגט —
דאָך אין דערפעל, וואָס הייסט „בוראַקין“
דאָרט לעבט זיך א ווייבעל און קינדערלט גאַנץ עפּטער,
מיין ליעבסטע... מיין „חנה פוטשין“!

טאַטע, דו לאַכסט?

טיעף איז דער ים־גרונד, דאָך טיעפער די ליעבע,
וואָס האָט אין מיין הארץ זיך צוברענט —
צו איהר, מיין געליעבטער, מיט זון־בלאָנדע לאָקען,
און איידעלע, פריצישע הענט.

יא, שעהן איז מיין ליעבסטע! איהר הארץ איז א ברונען
פערזיעגעלט מיט ליעבשאַפט און חן;
איהר אויג איז א זאַמלונג פון טויזענדער חכמות —
איך לייען דאָרט כסדר און לייען.

איך לייען דאָרט די ווערטער פון אַלטע לעגענדעס,
וואָס האָט זיי פערמעקט שוין די צייט.
פון העלדישע פרינצען און שעהנע בת־מלכה׳ס
אויף בעטלעך פון גין־גאָלד און זייד.

און לייענדיג שפינט זיך ביי מיר אין מיין רעיון
א ליכטיגע גאָלדענע נעץ
פון שטילע סאָנאטען, מיט וועלכע צו פאַנגען
דאָס הארץ פון דער פרוי, וואָס איך שעץ.

און איינמאָל, אין אָבענד, איך זיץ מיט מיין ליעבסטער
אין בראָנקס־פּאַרק, איך זאָג איהר אזוי:
הערט אויס מיך, מיין שעהנע, איך ליעב אייך גאַנץ ערנסט,
טו... פאָלגט מיך און ווערט גאָר מיין פרוי.

איך ליעב אייך, מיין פריילין! דאָס שווער איך ביים הימעל:
אָהן אייך איז מיין וועלט ניט קיין וועלט!

כ'בין רייך אין „בריליאנטען“, אין אמת'ע „פערל“,
און ליעבע איז אלץ, וואס מיר פעהלט.

דא הויבט אויף מיין ליעבסטע די ליכטיגע אויגען
און פרעגט מיך: ביי וואס איז מיין „טרייד“?
איך ענטפער געלאסען, מיין פנים ווערט ערנסט:
אין לאכען פון מארגענס ביז שפעט!

איך שרייב אין די צייטונגען קאמישע שטיקלעך,
איך לעז דאס אליין און איך לאך;
איך שרייב פעליטאנען (ס'איז מעשות אזעלכע!)
איך זאג אייך, ס'א גאלדענער פאך...

אט זעצט איהר אוועק זיך און טונקט איין די פעדער
און אויף דעם פאפיער טהוט א שפריץ
און איידער מען זעהט נאך, און איידער מען הערט נאך
איז פארטיג א אידישער וויץ...

דאס זעלבע מיט ליעדלעך: צום ערשטען די גראמען,
דערנאכדעם די ווערטער און גאר!
איך זאג אייך, ס'א נחת צו זיין אזא דיכטער,
ס'א תענוג צו שאפען הומאר.

אי גרינג, אי בכבוד, איהר לאזט אויך א נאמען,
וואס לייכט ווי א שטערען און בלענדט;
און מאנכמאל געלינגט אייך — עס שפיעלט אייך דאס מזל,
איז... כאפט איהר ארייז א פאר סענט.

בקיצור, מיין פריילין, ניט לאזט מיך לאנג ווארטען,
עס געהט אוים מיין הארץ ווי א ליכט;
די פלאמען, וואס שטארבען, זיי קענט איהר פערוואנדלען
פאר אייך אין א זעלטען געדיכט.

דאָ גיט מיר מײַן ליעבסטע אַ פּעטשיל אין פּנים,
און קוקט אויף מיר לאַנג און פערטראַכט,
און זאָגט אויף דער ענדע: „מען קען אײַך, איהר לצים,
איהר מאַכט דאָס אַ שפּאַס בלויז — איהר לאַכט!..."

די לאַרעלײַ

(גזלנ'יש פרײַ נאָך אײנעם אַ הײַנע)

אַ, נודיעט ניט, ליעבע חברים,
און פרעגט ניט, וואָס טרויער איך אַזוי!
מיר געהט איצט צו חלום, עס דוכט מיר —
א ליאַלקע, א בילד־שעהנע פרוי...

דער טאָג ווערט פערשוואַרצט און עס טונקעלט,
און רוהיג טהוט פליעסען דער טײַך,
מיר הוידיען זיך ביידע פאַמעלעך
אין לאָדקע — ווער איז צו אונז גלײַך?

דאָס בילד־שעהנע מיידעל — זי זיצט זיך
ביי מיר אויפ'ן שוים — און זי שווייגט;
איהרע גאָלדענע צייהנער זיי בליאַסקען —
אָט האָט זי איהר צונג מיר געצייגט...

זי שעפּטשעט... „מײַן זיסינקער מענדיל,
אַ, מענדעלע, נעהם מיך אַרום!“
פיהל איך, עס קיצעלט אין האַרצען,
און ס'גלעט דאָרט א זיידענע בלום...

איך קאַם מיט די פינגער די לאָקען,
און זינג איהר א ליעדעל דערביי:
„ניט רײַם זיך, מײַן טהייערע חאַנצע,
זיי רוהיג, אַ, מײַן לאָרעליי!“

דאָס שיפעל, עס שיפט זיך אַלץ ווייטער,
און בלאָנדזשעט ארום ווי אַ גייסט;
אַט ליעגט שוין איהר קאָפּ אויף מיין בוזים,
כ'פרעג זי: זאָג ליעבסטע, דו ווייסט?

„דו ווייסט, די נאכט דויערט ניט אייביג
וואָס שווייגסטו, מיין ליעבינקעס קינד?
דו הערסט ניט, ווי ס'מורמלען די וועלען
און סוד'ען זיך שטיל מיט'ן ווינד?...“

עס טראָגט אונז די לאָדקע און וויגט זיך
ארום אין דעם טרוימענדען רייך;
פערבלאָנדזשעטע שטערען, זיי לויפען
אונז נאָך אויפ'ן בלויאינקען טייך...

דעם סוף פון שפּאַציער ווילט איהר וויסען?
אַ פישער האָט אונז אין זיין נעץ
ארויסגעשלעפּט ביידע פון וואסער
ווי צוויי אָבגעצוואָגענע קעץ...

שיר השירים

.1

שעהן ביזטו, פעני, אַי, ליכטיג און שעהן,
מילך איז דיין פּנים, קריסטאַל דיינע צייהן,
דיין לייב איז א ליליע, א זוניגער שוים.
א רויז ביזטו, פעני, אַן עפּעל, א פלוים...
א גאַזעל ביזטו, ליעבסטע, וואָס שפּרינגט אויפ׳ן בארג;
א ציעג, וואָס שפּאַצירט אויפ׳ן בראָנזווילער מארק...
דיין פוס איז א שווערער — דערלאַנגסטו א בריק —
איז — פליהט מען קיין פינטשעוו — אהין און צוריק!..
דיין ליפּ איז א פייער, דיין נאָז איז א פלאַם;
דיין קוס איז מיר זיסער, מיין ליעבסטע, ווי סם...
דיין צונג איז א שאַרפע, אַז זי רעדט און זי שוואַצט —
דוכט זיך אייך ממש א „ראַם" האָט געפּלאַצט...
און עס גיסט זיך, עס שפּריצט זיך, עס טראָגט זיך א פלוס
פון ווערטער און ווערטער — פון מיידעלשען שטות...
טראַטאַ־טאַ־טאַ!...

.2

קום־זשע, מיין פעני, אַרויס דאָרט אין פעלד,
וואו עס זינגען די טויבען ראָמאַנסען אָהן געלד...
אַן אָרט איז פאראַן דאָרט צווישען בליהענדען ווייץ,
פול ווייצענע „זענגער", ווי מען זאָגט דאָס אויף „דייטש"...
דאָרט וואַקסען אויך שויטען — דו האָסט דאָך דאָס האָלד!..

— — — — — — — — — — — — — — — —

.3

דו ביזט אַ בלאַנקער רייט־וואָגען,
געמאַכט פון ריינסטען „פּז“,
דו ביזט אַ גאַנצער ווייִנגאָרטען,
מיין פּערעלדיגער כוס...
שוואַרץ ביזטו און חנ׳עוודיג,
אַ גדר׳דיג געצעלט:
האַלטסט אין האַנד אַ בייטשעלע —
טרייבסט די שאָף אין פּעלד...
טרייבסט די שאָף, מיין ליעבינקע,
און איך בין אַ באַראָן,
לויף איך נאָך די שעפּעלעך,
איך „פּאַרטוכדיגער“ מאַן...
בים־באַם!

אה, היימישעס לאַנד!

אָ, היימישעס לאַנד! ווי שוועבט אין מיין דמיון
די בילדער פערגאנגען, אין עבר פערשאַלט, —
די טענער וואָס פלעגען מיין זעעלע פערנעפּלען,
די שטראָמען וואָס האָבען פון האַרצען געקוואַלט!

אָ, היימישעס לאַנד! דו האָסט מיך פערבונדען
צו זיך מיט דער ליעבע וואָס שטאַרבט שוין קיינמאָל;
די זויבערע ליעבע וואָס האָט איהרע וואָרצעל
פערשפּרייט אויפ׳ן שטח פון פרוכטבאַרען טהאָל...

אָ, היימישעס לאַנד! דיין הויך איז מיר ראָזען,
דיין נאָמען איז לעבען וואָס פליסט שטיל און זאַכט;
דיין שאָטען איז אַטלעס און זייד פון די בלעטער,
דיין ווינד איז א מלאך וואָס צערטעלט און לאַכט...

אָ, היימישעס לאַנד! כ׳געדענק דיינע מאָרגענס
געשמאָלצען פון פּעריל און פלאַמענדען וויין;
כ׳געדענק דיינע אָסיענס מיט ווייסינגע פרעסטלעך
וואָס פרישען דעם גייסט אָב און האַלטען איהם ריין.

כ׳געדענק דיינע אָסיענס מיט ווייסינקע פרעסטלעך
איך לויף פון׳ם חדר, פערהונגערט, פערקלעמט;
דאָס ווינטעל, דער שייגע , צוזאָשט מיר די לאָקען
און גלעט מעשה חבר דעם קאָלנער פון העמד...

כ׳געדענק דיינע נעכט וועלכע אָטהעמען פיעבער
און טרייבען די זינען אין רויטען עקסטאַז;

פון בענקען עס ציטערט דיין האַרץ אינ׳ם בוזים
און דו קוסט דאָס פענסטער — מכלומרשט אויף שפּאַס.

איך געדענק אויך דאָס סעדיל — דעם פּוילישען גלח׳ס,
ס׳פעלד מיט די האָפּען, מיין הייליגסטער אָרט,
וואו דאַנקאַ דעם פּעטער׳ס ערקלערט האָט מיר ליעבע
פערבייסענדיג אַגרעס פון איידעלסטען סאָרט...

איך געדענק זיי נאָך אַלע, די דומע געשיכטען!
פון שדים און רוחות דערצעהלט האָט זי דאַן;
געדריקט זי צום האַרצען, געשפּיעלט מיט די צעפּ זיך
האָב איך, און גע׳חוזק׳ט — ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ „מאַן“!

איך זעה די טשערעשניע מיט בלוט־רויטע פרוכטען,
וואָס האָט מיט איהר כשוף אונז׳רע אָרעמס צושיידט;
איך געדענק אויך דעם הונד וואָס געיאָגט האָט אונז ביידען
ארויס פון „גן־עדן“ — אין אַנגסטען האַלב־טוידט!

איך געדענק דיינע הייזלעך בעשיידענע, ווייסע,
מיט גאָנטינע דעכלעך וואו עס וואַקסט זיך דער מאָך,
די היימליכע קלאַנגען וואָס קומען פון וועלדער
און בעטען זיך: מענשען, אָה, קומט צו אונז דאָך!

איך זעה יעצט דעם שנעע ווי ער נידערט פון הימעל
אין שטילע מאַניערען, — בעפּינקעלט דאָס לאַנד;
איך הער ווי עס שיט זיך אין הויפענס, אין הויפענס
די ריינע קריסטאָלען פון גאָט׳ס פרומער האַנד...

אָ, היימישעס לאַנד! ווי עס שוועבט אין מיין דמיון
די בילדער פערגאַנגען אין עבר פערשאַלט;
די טענער וואָס פלעגען מיין זעלע פערנעפּלען,
די שטראָמען וואָס האָבען פון האַרצען געקוואַלט...

צוויי וועלטען

און טרעפען וועט, אז ווערען מיעד
ווּעסטו פון אונזער וועלט,
פון פּלפּול־רייד און מוטנע טהעע,
דאַן... גנעה ארוים אין פעלד.

און טרעפען וועט, אז זעהן ווּעסטו
א פלאך־לאנד אָבגעשיט
מיט רויטע, פרישע פּאָזימקעס,
מיט יונגען פריהלינגס־צוויט;

און שטרייפען ווייץ און קוקורוז
פּערדעקען וועט דאָס פעלד —
דאַן דענק: אָ, גאָט אלמעכטיגער,
ווי שעהן עס איז דיין וועלט!

און טרעפען וועט, אז דו ווּעסט זעהן
א שוואַלב וואָס פליהט פארביי,
און טראָגט אין מויל א ווערימעל —
דאַן דענק: די וועלט איז פריי!...

און טרעפען וועט, אז דו ווּעסט זעהן
א פריץ רייט פון שטאָדט;
און רויט איז ער און פריש איז ער,
ער רייט אריין אין סאָד;

און נעבען סאָד, דאָרט שטעהט א הויף,
און נעבען הויף — א פּרוי;

און יונג איז זי — און שעהן איז זי,
עס גלוסט דיין הארץ אזוי... —

דאַן הויב די אויגען אויף צו גאָט
און שעפּטשע איהם א דאנק;
און זאָג: אָ, גאָט, דאָס לעבען איז
א הערליכער געזאנג...

* * *

קייענדיג אזוי דיין באָרד
ר' קבצן דרעה זיך אום;
און זעה ד י י ן אָרים כאַטקעלע,
איינגעהויקערט, קרום...

א נאסע וואנד, א ראָגאָזשע,
א קינד, א וויעג, א ציעג...
אַן אלטער האָהן צום בעטעל איז
געפּענטעט מיט א שטריק.

א ווייבעל בלאַס און אָבגעצעהרט —
פּליקט פּעדערען און שעלט...
דאַן טראכט ביי זיך: אָ, גרויסער גאָט —
ווי מיאוס עס איז דיין וועלט!...

יריד אין שטעדטעל

עס האָט דער טאָג זיך אויפגעכאַפּט
ערשטוינט אַזוי... מיט שרעק;
ס'איז יאָהר־יריד אין „קרעמעניץ",
אין יענעם וויסטען „העק".

געגרייט די שטאָדט האָט פיעבערדיג
זיך לאַנג שוין צום יריד. —
אַ קליינינקייט — אַ שפּיעלעכעל
די שפּע וואָס דאָס גיט!

פאַר בראַנפען און פאַר סטענגעלעך,
פאַר הערינג און פאַר טעפּ,
פאַר שטיוועל און פאַר לעקעכלעך,
פאַר פּאַטשערקעס און קנעפּ...

ס'האָט יאָהר־יריד אין קרעמעניץ
מיט טאָג־גלייך זיך געשטעלט;
אַ מחנה גרויס און טומעלדיג
זיך ציהט פון עקען וועלט.

און קולות פיעל עס טראָגען זיך
פון קיה און שאָף און פערד,
פון בעטלער און פון בעטלערקעס
וואָס זיצען דאָרט אויף דר'ערד.

און „טשיפּקעס" ריינע, כשר'ע
זיי מישען זיך פאַנאַנד —

מיט „קופּקעס“ טרפה, גוי׳עשע...
מיט שעטנז׳דיג געוואַנד...

ס׳איז יאָהר־יריד אין קרעמעניץ —
עס וואַקסען ניט געזעעט
די אידעלעך פערשמאַיעטע,
מיט דאַשיקעס פערדרעהט...

אָט שטעהט אַ איד אַן עלטערער
און טענה׳ט מיט אַ גוי
און קרייזעלט אַלץ די פּאות׳ען
און מאַכט צו איהם אַזוי:

„נאַפּשיקלאַד... ליעבער פּאַטעריל,
וואָס ווילסטו פאַר דעם ווייץ?
אַ רובעל? ח!“, ער לאַכט זיך אויס
און גיט זיך באַלד אַ קנייץ...

„נו, מילא וואָס... אַן עק — אַ סוף!
דעם מקח לאָז אויף האַלב!
ס׳איז מעהר ניט ווערטה... פערשטעהסטו מיך,
דען... ווייץ איז ניט קיין קאַלב!...“

און געהט באַלד צו אַ צווייטער פוהר,
דאָרט ליעגט אַ קאַלב אין שטרוי,
ער טהוט אַ טאַפּ די ברוינע פעל
און מאַכט צום גוי אַזוי:

„אַ פּופּצעהנער“?! דו שעהם זיך כאַטש
פאַר פאַן־בוג כריסטוס׳ קרייץ!
וואָס מיינסטו דען, וואָס קלערסטו זיך? —
אַ קאַלב איז ניט קיין ווייץ!“

* * *

ס'איז יאָהר־יריד אין „קרעמעניץ",
אין יענעם שעהנעם אָרט,
וואו בעזע גויט מיט אידישקייט —
איז כשר'דיג געפּאַרט...

דאָנאַ דיראַ

(שטאַרק געמוטשעט נאָך היינע)

דינע דאָרא — דאָנא דירע!
ביזט דאָס הארץ פון מיין קאפּאָטע,
מיין קאפּאָטע און דיין פּנים —
ביידע שווארץ ווי אש און בלאָטע...

הייליג גלאָצט צו מיר דיין ליעבע,
ווי אַ שטערען צו אַ פּלאָקען.
שטערען זיינען דיינע אויגען,
בערד פון צאָפּעס — דיינע לאָקען...

דיינע לאָקען, דאָרא דינע,
לייכטען העל ווי קוקורוזע —
דאָנא מיינע, ביזט מיין ציצה,
ביזט מיין הייליגסטע מזוזה...

דאָנאַ־דורע — דינע דאָרא —
ווען דו הויבסט נאָר אָן צו זינגען,
נעהמען קלינגען אַלע גלאָקען,
אַלע קלויסטער־באָקען שפּרינגען!

קלינגען גלאָקען — טאַנצען באָקען,
טאַנצט די מוהמע מיט דעם פעטער,
טאַנצט די זון מיט דער לבנה,
טאַנצען, טאַנצען אַלע געטער!

ווי די געטער, טאַנצען לצים,
טאַנצען בענקלעך און באַנקנאָטען,
הויבען זיך די הענד צום קלאַטשען,
פּאַטשען זיי ווי האָטענטאָטען!

כאַפּט אַ טענצעל מיין נשמה,
און זי דרעהט זיך ווי אַ דריידעל;
און עס דריידעלט זיך אין הארצען
ווי אין וואַסער־טאָפּ אַ קניידעל!

דאָנאַ דירע — דינע דאָרא,
נאָך דיין זינגען טהו איך בענקען,
ווי עס בענקען יונגע שיקסעס,
אַז מען זאָל זיי זעלנער שענקען.

זעלנער זיינען דיינע בריסטען,
זעלנער וואַכענדיג אין טורעם,
דאָך איך שרעק זיך ניט פאַר זעלנער,
ניט פאַר „פּוידער“, ניט פאַר שטורעם!...

דינע דאָרא, ליעבסטע דינע,
כאַפּ דעם בעזים, קום צום „ריטער“!
צו דעם פּרינץ פון נייעם מרחץ —
וועלכער בעזימט מיט געוויטער!

צניעות

אין פּאַרלאָר, ביינאַכט, אויף אַ סאָפאַ פון פּלוש,
מיר זיצען זיך שטיל און מיר רעדען,
מיר רעדען פון לעבען, פון ליעבע, פון קונסט —
פון מענשליכע פריידען און ליידען...

מיר רעדען און רעדען פון אַלץ אין דער וועלט,
דאָך פיהל איך אַז עטוואָס פערשוויינט זי,
אַט הויבט זי דעם קאָפּ אויף און לאַכט זיך פאַנאַנד,
און וויעדער צום באָדען איהם נייגט זי.

נו, פּלעכט איך איהר נאַקען ארום מיט מיין האַנד,
און קוש איהר די ליפּען, די אויגען;
איך קוש זי מיט ווילדקייט — אַזוי ווי איך וואָלט
פון הארץ איהר דאָס לעבען געזויגען.

און גוט איז מיין ליעבסטע, בעשיידען און שטיל,
זי זאָגט ניט קיין וואָרט, ניט זי ווערט זיך.
עס דוכט מיר, אַז אייביג געזעסען אַזוי
וואָלט זי, כאָטש די וועלט וואָלט געקעהרט זיך.

נור פּלוצים — אוי ועה מיר! — זי שטופּט אָב מיין האַנד,
פערקרימט גאָר דאָס נעזעל — ווערט ברוגז.
איך האָב זי בעליידיגט געווים מיט מיין שפּיעל, —
וואָס נוצט מיר דאָס לעבען — וואָס טויג עס?

געשטעלט אויף די קניען האָב איך זיך פאַר איהר,
געבעטען פערגעבונג מיט טרערען,

דערפאַר וואָס בעליידיגט איך האָב אזוי גראָב
מיין געטין, מיין ליכטיגען שטערן...

דאָ האָט שוין מיין ליעבסטע געפונען קוראזש,
דעם ענין דעם גאנצען פערטייטשט מיר:
„כ'האָב פיינט דיך, א שלעכטער דו ביזט, געה אוועק!
נא זעה, האָסט די בלוזקע צוקנייטשט מיר!..."

צו א מיידעל

פלעכט ארום מיין האלז דיין ארעם,
טרינק מיין אָטהעם אוים;
יונגע מיידעל — שהענע מיידעל —
א י י ן מאָל לעבט זיך בלויז.
רענעסאנס!

„מאָרגען", האָט דיין ליפ געשעפּטשעט,
מאָרגען... אך! פערפלוכט!
מאָרגען ווערט מען רעאליסטיש —
ס'ווערט א דזשאב גזוכט.
דיססאָנאנס!

מאָרגען, מאָרגען — יונגע מיידעל,
געהסטו נעהען קנעפּ!
ביז עס וועט דער מאָרגען קומען —
לאך און שטיף און לעב!
רעזאָנאנס!

ניט געשטאכען, ניט געשאסען

ניט געשאָסען, ניט געשטאָכען
האָסטו זיך, מיין ליעבער פריינד;
האָסט גאָר פּראָסט, ווי אַלע אידען,
זיך א ווייל׳ע אָבגעוויינט...

ניט צוריסען „אויף פּיץ־פּיצלעך"
האָסטו אויכ׳עט דעם „יונגאטש",
האָסט דיין מיסיאָן גע׳פּטר׳ט
מיט א ציעל־פערפעהלטען פּאטש...

ניט געבליעבען ביזטו עלענד,
האָסט געפונען א במקום;
האָסט א פּאָרטזועצונג געפונען
צו דיין זעלבסט־פערפאסטען טרוים...

ס׳האָט דיין אייביגקייט געעקט זיך
אין א וואָך צייט און דיין שמערץ;
עס האָט אָן אַנדער יונגע פריילײן,
אויסגעהיילט דיין וואונדיג הערץ...

גוט יום טוב!

(געווידמעט דער „יאָלקע“ פון מיין ליעבען חבר ק.)

גוט יום טוב, רבותי! קריסטמעס איז היינט,
גוט יום טוב אייך, מיידלעך און ווייבלעך!
נו, אידעלעך, קינדערלעך, לעבעדיג פריש —
טהוט אָן די שטריימלעך און הייבלעך.

טהוט אָן די שטריימלעך און טהוט זיך א דרעה
אין רעדעל מיט אלע חם׳אקעס!
ס׳איז קריסטמעס אין שטעדטעל, אך, קריסטמעס איז היינט,
טאנצט־זשע — אָ, טאנצט־זשע ליידאקעס!

ס׳איז קריסטמעס אין שטעדטעל, דער הייליגער „קלאָוז“
איצט געהט ביי אייך מאכען וויזיטען;
ער ברענגט אין די פעקלעך מתנות פאר אייך —
אָ, האָרכט נור, — עס קלינגט שוין זיין שליטען.

עס שיקען מתנות אייך, ישו דער גאָט,
דער לאנדסמאן, דער האר פון נוצרת;
און מרים זיין מוטער וואָס פון „הייליגען דוך“ —
געוואָרען אמאָל איז מעוברת.

זיי שיקען מתנות אייך — אָט שלעפט ער פון פּאק —
דער אלטער — פיעל העלע קריסטאָלען,
דאָס זיינען די טרערלעך פון עופה׳לעך קליין
פון גוי׳שע לאפּעס צומאָהלען!

און אַט איז אַ פּאַקעל — עס לייכט ווי אין טרוים
און גיסט זיינע וויינענדע פלאַמען;
דאָס איז אייך די ליעבע פון קריסטליכען „שניט“ —
גענעהרט אויף דעם בלוט פון אַ מאַמען!...

דאָס איז אייך די ליעבע וואָס געהט אין אַ קראַנץ
פון דערנער, און קען בלויז דאָס ל ײ ד ע ן...
און קען מיט געלעכטערס פון שכור'ען זנות —
די מיידעלשע גליעדער צושניידען!...

אַט האָט איהר מתנות — אָה, קלייבט זיך נאָר אויס!
אַט האָט איהר גאָר פרישינקע בלומען,
אַך, גוט איז דער אַלטער — נו, נעהמט זיי ביי איהם!
נור פרעגט ניט פון וואַנען זיי קומען!...

מיין בלאָנדינקע

קענסטו, חבר, יענע בלאָנדע
מיט א צערטליך ווייס געזיכט?
אין מיין הארץ איהר בילד בעגאָסען
איז מיט גאָלד פון שבת־ליכט.

קענסטו, חבר, יענע בלאָנדע —
אך, ווי לאנג עס מוז שוין זיין
זייט דו האָסט ניט מעהר געבראכט זי
אין מיין צימעריל אריין!

דריי מאָל טעגליך פלעגט זי קוויקען
מיין פעראומערטעס געמיטה,
דריי מאָל טעגליך פלעג איך לויבען
דעם בעשאפער אין א ליעד.

קענסטו, חבר, יענע בלאָנדע,
וואָס ווי זאפראן שמעקט איהר לייב?
אויב די וועלט האָט שעהנע ווייבער —
איז זי מיר דאָס שעהנסטע ווייב!

אך, וואו איז זי איצט, די שעהנע,
אָט די פרומענקע בלאָנדין?
וואָס־זשע קומט זי מיך ניט טרייסטען
ווען איך נויטיג זיך דארין?

אָ, די בילדער פון דעם עבר —
פול מיט ליעבע, פול מיט פראכט!

אויף איהר קאָפּ אַ ווייסען טיכעל
פלעגט זי טראָגען פרייטאג נאכט...

קיינמאָל פלעגט זי בעז ניט ווערען,
תמיד ווייך און צוקער־זים ;
פלעג איך קושען זי און בייסען,
פלעגט זי דולדען מיין קאפריז !

*

אך, ניטאָ זי שוין מיין ליעבסטע,
קיינער ברענגט זי ניט צו מיר, —
יענע בלאָנדע, פרישע... בולקע.
אַ, ווי בענק איך איצט נאָך איהר !....

מיין שכן

ווען גוט געשטימט און אויפגעלעגט,
דאָס הארץ פון ווייַן צובליהט —
האָב איך גענומען טינט און פען
און אָבגעטאָקט א ליעד.

א זעלטען ליעד, א קיצעלדיגס —
כאָטש נעהם און קייך און פּלאַץ;
א פּעריל אין דעם וועלט־הומאָר,
אן אמת'דיגער שאַץ.

דאן רוף איך מיר אריין צו גאַסט
דעם מיסטער פון „נעקסט דאָר“,
(א שווערער איד, א ווארימער,
פון סאמע באָרד און האָר).

„ר' בינעם, זאָג איך, כ'געה אייך איצט
דאָ פּאָרלעזען א זאַך —
אן אייגענע, א זעלטענהייט
אין אונזער מוטער־שפּראַך.

„א ליעד אזא... ס'וועט ברענגען מיר
אי כבוד פיעל, אי געלד;
קוים איז עס נאָר געדרוקט, דאן וועט
עס אויפקאָכען די וועלט!“

ר' בינעם האָט זיך איינגעהערט,
געשלונגען יעדעם וואָרט,

JEWISH

און נחת'דיג, הרחבה'דיג
גענלעט די ברייטע באָרד.

און איך, אַ מערדער וואָס איך בין!
האָב היציג זיך צולייענט,
ניט קוקענדיג, ניט אַכטענדיג,
צי לאַכט ער, צי ער וויינט.

ווי לאַנג דאָס האָט אזוי געווערט,
געדענק איך ניט גענוי,
איך ווייס נור, אז ר' בינעם איז
געוואָרען ברוין און בלוי.

ער האָט ארויסגעשטעקט א צונג,
און האָט געכאָרכעלט שווער.
און טראַך! — ער פאַלט אראָב פון שטוהל
און הויבט זיך אויף ניט מעהר!

*

פון דעמאָלט אָן האָב איך ביי זיך
בעשלאָסען אויף מיין „הן",
אויף שרייבען ליעדער וויציגע
ניט נוצען מעהר מיין פען.

דער גנב

א פויגעל זינגט — איך הער זיך איין;
דאָס ליעד עס קלינגט בעקאַנט!
צי האָב איך ניט דאָס זעלבע ליעד
גערערט ביי מיר אין לאַנד,

ווען ביי דעם האַלב־פערוויסטען שלאָס
געוואַנדערט כ׳האָב אַליין,
און אַלץ איז יונג ווי רויזען־צוועט
און אַלץ — אַ טרוים געוועז?

אַ, פויגעל, זאָג, ווי קומט צו דיר
אַ בענקען אזוי ט י ע ף?
צי האָסטו ניט פון הארץ ביי מיר
גע׳גנב׳עט דעם מאָטיוו?...

פּאָעזיע און פּראָזא

1.

איך ליעב אזוי דעם פרייען ים,
בעת ער רוישט און זידט,
און זינגט מיר פון דער אייביגקייט
אַן אָבגעמאָסטען ליעד.

דאָך ליעב איך מעהר צו זיצען דאָרט,
וואו רוהיג איז און שטיל,
און ערגעץ אין א ווינקעלע
עס ציקעלט זיך א גריל.

2.

פריהמאָרגען־צייט, ווי שעהן דאַן איז
ארויסצוגעהן אין פעלד,
און בלאָנדזשענדיג, בעוואונדערען
די וואונדערשעהנע וועלט!...

דאָך פויל איך זיך ארויסצוגעהן
פון ווייכען, וואָרמען בעט.
און ביז איך קריך ארויס פון דאָרט
איז מייסטענטהיילס שוין שפּעט.

3.

ווען פרייהייטס־גייסט צופלאַקערט זיך
און רעדט אין באָמבען־שפּראַך,

ווי גוט מוז זיין צו פּאלען דאָן
און שטאַרבען „פאַר דער זאַך"!

דאָך איך וועל בעסער מוטשען זיך —
מיט אייך צוגלייך אויף דר'ערד,
און אָבלעבען ביי שרייבעריי,
ווי לאַנג עס איז באַשערט...

דיא ווערבען

צו די קליינע ווערבעם עס האט געזאגט דער ווינד:
„וואקסט, איהר ליעבע יונגווארג, ס׳איז אייער צייט אצינד!

אבער רעדט ניט איין זיך, אז איהר קענט דאס שוויגען
פון דעם הימעל גרייכען מיט די ווערבע־צווייגען;
דען די קליינע ווערבע מוז צו דר׳ערד זיך בייגען!"

און די ווערבעם וואקסען שטיל און פרום — בעשיידען,
עס ווייסען ניט די ווערבעם פון קיין הימעל־פריידען,
דאך די יונגע בלעטלעך שושקען זיך און ריידען:

מ׳דארף דעם הימעל גרייכען, דעם פאלאץ דארטען אויבען,
יענעם בלויען פאלאץ מיט דימענטענע שויבען! —
יא, מען דארף, מען מוז זיך פון דער ערד אויפהויבען!"

מוטהיג האט א ווערבע זיך געשטרעקט, געריסען,
וואס עס טהוט זיך אויבען זי געוואלט האט וויסען.

עס זיינען יאהרען פיעלע פאמעליך זיך פערגאנגען,
ס׳האט יאוש׳דיג די ווערבע איהר קאפ אראבגעהאנגען!

און ס׳האט די אלטע ווערבע אין וואסער איצט דערזעהן
אט יענעם הויכען פאלאץ פון בלויען עדעלשטיין!

און אויסגערופען האט זי צו די ווערבעם מונטער:
„זעהט, איך וואקס אין הימעל מעכטיג, שטאלץ א ר ו נ ט ע ר!"

„ראמאן־צרה"

(פעראידישט נאָך הײנע'ס „ראָמאַנצערא")

מײן ליעבסטע, כ'וואָלט װעלען בעזינגען דיך איצט,
װי עס טהוען בײ לײטען — די לײט,
בעהענגען דײן שטערען מיט פערעל א באנד,
און קוקען אויף דיר — פון דער װײט...

און זעהן דיך אין װײסען, אין פרעס־פּרישען קלײד —
דאָרט הויך אויף א בארג — ערגעץ װײט,
װאו ס'פּאלען די שאָטענס פון סאָסנעס אראָב,
און דער װינד בלאָזט די לאָקען פערשײט.

דו קלעטערסט און קלעטערסט... ארויף־צו, ארויף,
א גרינעם פּאר'סאָל אין דער האנד,
און אונטען העל פינקעלט א זאמדיגער טהאָל —
רענדליך די זון שײט אין זאמד...

נור פּלוצים דערזעה איך דײן אמת געשטאלט,
דײן קערפּער אזוי װי ער איז...
די יונג־שװארצע לאָקען צופּאטעלט פון שלאָף
און באָרװעס די „מאנסבילשע" פיס.

דו שטעהסט פאר דעם שפּיעגעל און גענעצסט — א שרעק!
און פויל איז דײן בליק, און װי מיעד!
צי הערסטו דאָרט, חאנצע, דערלאנג מיר א טרונק! —
עפּעס געהט בײ מיר הײנט ניט דאָס ליעד.

עס ענטפערט דער טייפעל

גאנץ שפעט אין דער נאכט אין אן איינזאמען פעלד,
צוריסענע קליידער, אָהן ברויט און אָהן געלד;
געפלאגט פון דעם הונגער, געפייניגט פון שרעק —
עס ציהט דאָרט א שאָטען, א טונקעלער פלעק.

ווער איז עס דער שאָטען, וואָס וואנדעלט אין נאכט?
עס ענטפערט דער טייוועל: „א מענש" — און ער לאכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף פוכאָווע קישענס פון פלוש און פון זייד,
געשמייכעלט, געצערטעלט פון פריצישע לייט;
געקושט פון דער ווירטהין, געגלעט פון דעם ווירטה,
און רייכע מאכלים איהם ווערען סערווירט.

ווער איז עס, וואָס לעבט דאָרט אין גלאנץ און אין פראכט?
עס ענטפערט דער טייוועל: „א הונד" — און ער לאכט...

צוועלף באלען*)

פרינצעסין האנאלאלא,
בעקליידט אין ווייסע זיידענס,
רוהט אויף טיגער־פעלען,
וועבענדיג חלומות. —
פרינצעסין האנאלאלא.

צוויי גרויע קיגדער־אויגען,
א צארט און ליכטיג פנים,
ווי צוועט פון ווילדע רויזען...
ליפען — פריש ווי הארץ־בלוט,
די קליינע ציינדלעך בייסען
שטום א ציגארעט.

מיט בלאסע רויכען־רינגען
שטיפען איהרע ליפען, —
גלייך דאס וואלט געוועזען
די צאנקענדע נשמה
פון יונגען קעניג'ס זוהן —

דער פרינץ פון ווייטע לענדער,
וואס קניעט פאר איהר שעהנקייט —
און זיינע ליפען שעפטשען:
„א, שעהנע האנאלאלא!
א, שעהנע מזרח־בלום!"

פאמעליכען בעוועגט זי
דעם פוס אין אטלאס־שיכעל:

„ווילסטו היינט מיך קושען —
מוזטו שטארבען — מאָרגען!“

געזאָגט דאָס, דאן צולאָזט זי
די שווארצע שלאנגען־לאָקען, —
אין איהרע גרויע אויגען,
ווי אויף א מדבר־פעלזען,
פלאטערט העל א בליץ...

„פרינצעסין האנאלאלא!“
שעפטשעט דער בן־מלך
און קושט איהר אטלאס־שוך...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פרינצעסין האנאלאלא
אין קעניגליכען גאָרטען
שפיעלט מיט צוועלף באלען.
פון גין־גאָלד איז דער שטעקען,
פון ווייסען ביין די באלען:
א טויז געשליפ׳נע שארבענס
פון יונגע קעניג־זיהן...

*) דער מאָטיוו איז ענטנומען.

מיין דאָניאַ

גע׳פּטר׳ט די ארבייט, איך זיץ מיר אין פראָנט־רום,
איך רויבער מיין ליולקע און טראַכט.
חלומות גאָר פיעלע פון ליעבע, פון פריינדשאַפט
מיר האָבען אין הארצען ערוואַכט.

אָט זעה איך מיין שטעדטעל — דאָס גוטע, דאָס אַלטע,
די הייזלעך אין אומעט פערהטיעפט;
די „וויאדרע" פון ברונען, זי הענגט אין דער לופטען,
פון עמער א טראָפּענדעל טריעפט.

די גוטע לבנה, אזוי קראַנק און פער׳חלום׳ט
זי קוקט איצט אראָב אויף דעם לאַנד.
און דאָניא, דעם פעטער׳ס שטעהט שטום און צושראָקען,
און דריקט אזוי פעסט מיר מיין האַנד.

„ניט פאָהר דאָך, מיין ליעבער!... דער ים... א סכנות....
דער אָרט אזוי ווייט... אזוי פרעמד!"
א צערטלען... א קושען... א טרויסטען... א שלוכצען...
די הערצער זיי זיינען פערקלעמט.

אזוי שפּין איך כסדר דעם ליכטיגען פאָדעם
פון רייַנעם, פון גאָלדענעם שפּול;
איך טראָג זיך אַלץ טיעפער און טיעפער ארונטער
אין עבר׳ס פער׳כשופ׳טען גבול.

איך שפּין מיר מיין פאָדעם און קנייטש אַלץ דעם שטערען
און בלאָז מיר דעם רויך צום סופיט.

נור פלוצים — א ריס אין דעם פּאַדעם. א שטימע
פון בער־רום. עס וואַרטשעט א איד

און וועקט דאָרט זיין ווייבעל: צו הערסטו „מעך", דאַניא,
גנעה היים איהם פערלעשען דעם לאָמפּ!
וואָס זיצט ער, דיין קאָזין, אליין אין דער פראָנט־רום?
וואָס האָט ער צעוויינט זיך, דער גלאָמפּ?...

פערשיעדענעס

אברהמ׳על.

קורצע גלגולים

1.

ערשטעס קאפיטעל —
א בעקער פון „בריסק“.
צווייטעס קאפיטעל —
א יאט מיט א פיסק.
דריטעס קאפיטעל —
קיין ניו יארק א פאהר.
פיערטעס קאפיטעל —
א „סטאר“ — אן אקטיאר...

2.

ערשטעס קאפיטעל —
א קלויזניקעל גאר.
צווייטעס קאפיטעל —
טהעאטער־סופליאר.
דריטעס קאפיטעל —
אן אויטאר פון „שטיק“.
פיערטעס קאפיטעל —
רעדאקטאר מיט גליק...

3.

ערשטעס קאפיטעל —
א „דרדקי“ בלויז.
צווייטעס קאפיטעל —
א „זאנגער“ אין קלויז.
דריטעס קאפיטעל —
מלמד אין „שקלאוו“.

פיערטעם קאַפּיטעל —
אין ניו יאָרק א רב...

.4

ערשטעם קאַפּיטעל —
א קעכין דריי יאָהר.
צווייטעם קאַפּיטעל —
זוכט זיך א „פּאָר".
דריטעם קאַפּיטעל —
פערעלטערט און גראָה.
פיערטעם קאַפּיטעל —
כאָריסטקע איז זי דאָ.

.5

ערשטעם קאַפּיטעל —
א קליין קאַפּיטאַל.
צווייטעם קאַפּיטעל —
א באַנק - פּרינציפּאַל.
דריטעם קאַפּיטעל —
פיעל שווינדעל און באָרג.
פיערטעם קאַפּיטעל —
באַנקיער אין ניו יאָרק...

.6

ערשטעם קאַפּיטעל —
א שטיקעל פּאָעט.
צווייטעם קאַפּיטעל —
ער קריעגט א באַנקעט.
דריטעם קאַפּיטעל —
פערדרייסט ער דעם קאָפּ.
פיערטעם קאַפּיטעל —
מען קונדסט איהם אָב...

אַ שלאָף ליעד

שלאָף, מיין קליינער פּיפּערנאָטער,
שריי ניט אזוי הויך!
דען א „דיכטער" איז דיין פאָטער
און א קבצן אויך...

ווען דער דלות פייפט א ביסעל,
און דער הונגער טרייבט,
זעצט ער זיך אוועק ביים טישעל
און א ליעדעל שרייבט...

ביז עס ווערט אין דרויסען טונקעל,
פלעכט זיך אוים דאָס ליעד...
אין א אידישע רעדאקציע
גיך דיין טאטע פליהט...

קוים פערקויפט ער דאָרט זיין ליעדעל,
זיינען מיר פערזאָרגט.
טאָמער ניט, ז'דאָרט דאָ א אידעל,
וואָס א דאָלאר באָרגט...

שלאָף־זשע, קליינער פּיפּערנאָטער,
שריי ניט אויף די ציין!
דען א דיכטער, ווי דיין פאָטער,
זיין וועסטו אליין!...

נאָך דער פּרעדיגט

אָבגעפּרעדיגט האָט דער רעוורענד
אין דעם טעמפּעל „בית ישראל“,
און דער עולם פון זיין דרשה
איז געוואָרען שטארק נתפּעל....

זיינע ווערטער פּראָסט געטראָפען
האָבען יערען ווי קאַנאָנען...
און דער עולם האָט גע׳פּסק׳ענט,
אז זיין „פּיסק“ איז ווערטה מיליאָנען...

„עט, מיליאָנען איז צו טהייער“ —
האָט גע׳לץ׳עוועט זיך איינער —
„דען דעם רבי׳ס „פּיסק“ פערמאָגט ניט
מעהר ווי זיבען גאָלד׳נע ציינער“...

א משל

די ליעבע איז א שוועבעלע
פון אויבען ביז אראָפּ,
קוים ריהרט זי זיך אָן פייער אָן —
פערליערט זי באלד דעם קאָפּ.

די ליעבע איז א סיגארעט,
וואָס גיט נור צו קוראזש, —
קוים רויכערט זי זיך אָבער אויס,
פערבלייבט א ביסעל אש...

א. ל. באַראָן.

לשנה טובה תחתמו

א נייער יאָהר איז ווידער דאָ
מיט נייע גליקען, ברידער,
א נייער יאָהר, א נייער יאָהר,
איהר הערט, איך זינג שוין ווידער!

גיב, גאָטעניו, אונז אזא יאָהר,
אזוי ווי פאַר א יאָהרען.
בעסער האָט דאָך גאָר קיין שיעור —
מען קען נאָך ווייטער פאָהרען.

מיר זיינען שוין גענוג געבענשט
מיט קלייזלעך כל המינים,
מיט צייטונגלעך ווי שטויב און מיסט,
רעדאַקטאָרלעך — ווי כנים...

היינט פילאָזאָפען, אוי, א שרעק! —
עס כאַפּט אַזש אָן א מורא!
און קריטיקער, פּאָליטיקער —
געבענשט זיי, גרויסער בורא!

יא, גאָטעניו, ניט שרייב, ניט מעק,
זאָל זיין ווי פאַר־א־יאָהרען:
בעסער האָט דאָך גאָר קיין שיעור —
מען קען נאָך ווייטער פאָהרען...

דער גרינער יום טוב

אין דער היים נאָך — אונזער שטיבעל
דורך אין גרינס ארומגעהאנגען;
און דער טאַטע שוין אין קלייזעל
איז פון לאַנג אַוועקגעגאַנגען.

און די מאַמע מאַכט די בלינצעס,
שיינט מיט טויזענד יום־טוב גליקען;
אַך, ווי בענק איך נאָך די גרינסען,
אַך, ווי וואָלט איך זיי ערבליקען!

כ'האָב צוויי צימערלעך אין פּיט סטריט:
ווען דער יום־טוב וועט נור קומען,
וועל איך זיי מיט גרינס בעציערען,
דורך מיט גרינע פרישע בלומען!...

איין בלום — איז מיין גרינער טאַטע,
און אַ צווייטע — איז מיין שוועסטער,
און דער גרינער שוואָגער חיים
מיט זיין גרינעם ווייבעל אסתר.

עכטע גרינסען! נור ניט שמעקען
וועלען זיי מיט יענע ריחות,
וועלכע פלעגען מיך דערקוויקען,
געבען מוטה און פרישע כוחות!...

ז. בארקאן.

פרויען

פערזוימט האָט מיין פרוי אויף דער דאַטשע,
מיין האַרץ האָט נאָך ליעבע געבענקט ;
איך האָב מיט אַ צווייטער בעקאָנט זיך,
און איהר מיין ווייב'ס ציערונג געשענקט.

און... איצט איז מיין פרוי גאָר אַן אנדרע,
עס בייטען זיך צייטען — ווי גיך !
קוים פאָהרט זי אַוועק אויף דער דאַטשע,
דאַן נעהמט זי די ציערונג מיט זיך !...

טש. ה. ביילין.

גאָט'ס סטראַפּטשע

א פיהרעריל פון אידעלעך, א היטעריל פון זינד,
א סטראַפּטשעלע, א טהועריל, א ריכטיג אידיש קינד,
א בייכעלע א רונדיגע, א ביטעלע אָ—האָ;
ביים אידעלע, ביים פיהרעריל, ביים סטראַפּטשעלע, יו נאָו....

זיצט ער זיך אין זיין אָפיסעל און צימבעלט אין אַ שויב,
קאַלופּעט פון זיין נעזעלע א בערגעלע פון שטויב,
פּאַטשקעט דאָרט אַרטיקעלעך און איז אַ ליטעראַט,
פּאַר שעפּסעלעך וואָס לייענען דעם שוואַרץ-געל-גרינעם בלאַט.

ער דאַוועגט אין אַ טלית'על פון ריינעם זייד און גאָלד,
ער דריקט די שרייבער מורא'דיג און שרייט ער האָט זיי האָלד, —
ער שילט די „צאָציאַליסטעלעך" און זאָגט, זיי זיינען הינד —
דערקענט איהר שוין דאָס סטראַפּטשעלע, דעם היטעריל פון זינד?

דער קלעפּיגער

א מענשעלע א קלייניגקער פון נומער.... איסט בראָדוויי —
א פּייקעריל, א בלאָפעריל, א טרינקעריל פון טהעע,
אַ שרייבעריל, אַ שמירעריל, אַ קוואַטשעריל, אוי וועה —
דער מענשעלע, דער קלייניגקער פון נומער... איסט בראָדוויי.

אַ פּיסקעלע אויף שרייפעלעך — אַ שאַרפּינקער געשריי —
אַ צינגעלע אַ קנאַקעדיגס, אויף גאַנצע איילען צוויי,
א קעפּעלע, א פּליכעלע — א גלאַטער ווי אַן איי —
ביים מענשעלע ביים קלייניגקען, פון נומער... איסט בראָדוויי.

ער קיצעלט די פּאַדעשוועלעך פון יעדען מאַן און פרוי —
ער גנב'עט ניט, ער גזל'ט ניט, ער טומעלט נלאַט אַזוי,
ער טשעפּעט זיך, ער זידעלט זיך — ער קלעפּט זיך ווי א קליי —
איצט קענט איהר שוין דעם נפש'ל פון נומער... איסט בראָדוויי?

דער דאָקטאָר

הייסען הייסט ער חיים איציק,
האָט א בערדיל איז עס שפּיציג,
שפּיציג ווי א טשוואָק;
און ער טראָגט א פּאָר שפּאַקולען
אויף דעם לאַנגען נאָז, דעם שמאָלען
און אין האַנד א שטאָק.

כ'בין געוועזן אין „קאָלעדזש“, זאָגט ער;
און יעצט בין איך מיר א דאָקטער
און מאַך שטיקער גאָלד; —
נור זיין ווייבעל גרונע רייזקע
רופט איהם יעצט נאָך: שמאַטע־הייזקע,
שלימעזאַלניק, יאָלד!

זיצט אין בריטשקע, ציהט די לייצעס,
שמייסט דאָס פערדעל אין די פּלייצעס,
רויכערט א סיגאַר;
גלעט די ווייבער, קושט די קינדער,
האָט א נאָמען פּאַר א שינדער —
האָט דערפון קיין צער!

ביי די חברות, פון די עמטער,
ווען און וואָס ער קען נור, נעהמט ער —
זאַמעלט אַן פיעל געלד;
האָט מעדאַלען און פּרעזענטען,
טהיילט זיך מיט די פּרעזידענטען —
זאָגט, ווער איז דער העלד?

י. ש. בירזוער.

ראמאַנסען

(יהואש'ן אויף צו להכעיס)

1.

מיר האָט געדוכט אין שטילער נאַכט,
איך הער דאָס רוישען פון דיין קלייד,
און באַלד א שטילער שאָרך אין טהיר,
און ס'האָט דורכדרונגען מיך א פרייד.

און איך האָב שטילערהייט געקלערט:
דו פיהלסט חרטה שוין אצינד,
און קומסט מחילה בעטען מיך
פאַר דיינע אָפט בעגאַנג'נע זינד...

און ס'איז מיין פרייד געשטיגען הויך,
ווען איך האָב נור א ווייל' געדאַכט...
ס'וועט זיכער זיין דיין ודוי גרויס,
ווען ס'טרייבט צו מיר דיך האַלבע נאַכט...

און אין דער רגע האָב איך שוין
פערצייהט דיר פאַר מיין לייד און פיין,
בין צו צום טהיר, געעפענט שנעל,
און ס'איז — א קעצעלע אריין...

2.

גיך פאַראיבער וועט דער כשוף,
און דו וועסט מיך באַלד פערגעסען.

פון אַן אַנדער האַנד, געליעבטע,
שאָקאָלאַדלעך וועסטו עסען.

נאָר פון מיין זכרון וועסטו
גיך פערשווינדען שוין ניט קאָנען —
ס'וועט מיין פּוסטער טייסטער אָפּט מיר,
ליעבינקע, אַן דיר דערמאָנען...

3

אָ, זאָג ניט מיין טהייערע חנה:
דאָס לעבען איז הבל הבלים,
אַז קושען דיין ראָזעווען מיילכעל
איז מעהר ניט א נאַרישער חלום.

עס איז ניט קיין חלום, מיין ליעבסטע,
עס האָט דאָך א טעם אזא זיסען,
נאָר לאָמיר שוין זאָגען ס'א חלום,
נו, וויל איך דעם חלום געניסען.

4

לאָמיר קושען זיך און האַלזען,
ליעבסטע מיינע, און פערגעסען
אַן דעם נעכטען, אַן דעם מאָרגען
און אז מאָרגען דאַרף מען עסען.

לאָמיר קושען זיך און האַלזען,
דען די ליעבע קען פערלויפען...
עסען קענען מיר, געליעבטע,
נאָך צו יעדער צייט זיך קויפען.

5.

א גיהנם אין מיין הארצען
פלאַקערט אויף דיין הייסער בליק,
און די רויזען-ליפּלעך דיינע
באָטען אָן א ים מיט גליק...

דאָך, מיין ליעבער, זיסער נחת,
בין איך נאָך מסופק שטארק
צי עס לוינט זיך פאר דאָס אלעם
דיך צו נעהמען אויף מיין קארק...

בן חזן.

תשובה

איינגעהילט אין ווייסען טלית,
פלאַטערט צווישען אנגסט און מורא,
יוזעף גנב שטעהט ביים מחזור
און טהוט תשובה פאַר דעם בורא...

אמת, — איז זיך מודה יוזעף —
כ'האָב גע'גנב'עט פיעל אין לעבען,
אָבער, גאָט אין הימעל! פאָטער!
וועסט די זינד מיר דאָך פערגעבען...

אָה! דו גרויסער גאָט אין הימעל,
ניט פערגעס מיין ווייב און קינדער!
האָב רחמנות, האָב רחמנות!
לעבען לאָז א בידנעם זינדער!...

לאָז מיך לעבען, איך וועל אַלעם
טהון פאַר דיר, איך בין מבטיח!
אפשר דאַרפסטו, גאָט, א גנב, —
קלייב מיך אוים פאַר דיין שליח...

אלל־רייט!

אויב איהר ווילט דאָ זיין מצליח,
מוזט איהר קלוג זיין און געשייט:
ענטפערט אויף א ליאַדע פראַגע:
„איט'ס אָלרייט, אָלרייט, אָלרייט!"

ספעקולירט איהר אויף דער בערזע,
און מאכט דורך א שלעכטע צייט,
בייסט די ליפ און קנייפּט אין באק זיך,
ענטפערט: „איט'ס אָלרייט, אָלרייט!"

האנדעלט איהר מיט באַב און ארבעס,
וואקסט אַן עושר, וואקסט א לייט —
קענט איהר דאָך געווים בעשטעהן צו
ענטפערן: „אָלרייט, אָלרייט!"...

האנדעלט איהר מיט לינקע סחורה,
מאכט איהר דאָלארס אַן א זייט,
פרעגט מען אייך: ווי געהט עס, מיסטער?
ענטפערט: ט'איז אָלרייט, אָלרייט!"

ווען ס'פערגלוסט זיך אייער ווייבעל
פלוצלונג מאכען גאָר א בייט
און אנטלויפען מיט אַן אנד'רען —
שמייכעלט צו: „אָלרייט, אָלרייט!..."

ווען זי קומט צוריק, דאַן, זעהט איהר,
ניט געדולדעט, ניט פערצייהט! —
הייסט איהר פאָהרען ווייטער, ווייטער,
„ט'איז אָלרייט, אָלרייט, אָלרייט!..."

ווען איהר דענקט, אז פאר דאָס ליעדעל
קומט צו רייבען מיר אַ זייט,
זייט א ספאָרט, ניט קרימט זיך, פעטער:
זאָגט: „איט איז אָלרייט, אָלרייט!..."

בן שמואל.

צו תשליך

מיט עבירות פולע פאַקעטס,
אין די שבת'דיגע בגדים,
געהען אַלע צו דעם טייך צו —
אויסצוטרייסלען ביז א פּאָדעם,

און צו וואַרפען אין דעם אָבגרונד
פון דעם הויכען גרויסען בריק
די עבירות וואָס געזינדיגט
יעדער האָט ניט לאַנג צוריק.

ווייסע בערד און אַלטע אויגען
וויינען ביטערליך אַצינד,
און זיי טרייסלען מיט כונה
אין דעם טייך די אַלטע זינד.

און די יונגע, אויך זיי שאָקלען
אַלטע זינד פון זיך אַראָפּ,
אום צו שאַפען נייע עבירות
מיט א רוהיג־קלאָרען קאָפּ.

אויפ'ן בריק דאָרט שטעהט א בחור
און קושט היימ א שעהנע מיידעל,
וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעטרייסעלט
די עבירות פון איהר קליידעל.

און דאָס מיידעל זאָגט צום חתן
מיט א שעלמישער העויה:
ד'אַלטע זינד נאָך ניט פערגעסען
און דו זינדיגסט שוין פון ס'נייע!

און דער בחור טרייסט זי צערטליך:
האָב קיין מורא פאַר'ן בורא —
גיב דיין קליידעל נאָך אַ טרייסעל,
זינקט אין אָבגרונד די עבירה.

און דאָס מיידעל פאָלגט דעם בחור,
שאָקעלט ס'קליידעל אַלץ פערשייטער:
און זי טוליעט צו דאָס בעקעל:
אַז איך טרייסעל, קוש שוין ווייטער.

און זי טרייסעלט און ער קושט זי
און די בעקלעך ברענען, גליהען,
און זי ווינשט זיך, אַז „צו תשליך"
זאָל דאָס גאַנצע יאָהר זיך ציהען! —

שלמה המלך'ס חכמה

שלמה איז געווען אַ חכם —
גלויבען אַלע נאָך ביז היינט —
דאָך בין איך אַן אפּיקורס,
סתם צו גלויבען האָב איך פיינט.

עפּעס מיט אַ קינד אַ מעשה
ניט קיין גלאַטע איז געשעהן,
האָט דער חכם אויסגעפונען,
ווער די מוטער איז געווען.

אַזאַ „חכמה" צו בעווייזען
קען איעדער אויך אצינד;
שווער איז, זעהט איהר, צו בעשטימען,
ווער איז פאַטער פון אַ קינד...

פּ. בערמאַן.

איך האב געקושט

איך בין אריין צו איהר פּאַרנאַכט —
עס איז געווען שוין דונקעל —
איך האָב געטראָפען זי פערטראַכט
זיך זיצען אין אַ ווינקעל, —

בין צוגעלאָפען גלייך צו איהר,
ווי ס'פלעגט זיין מיין געוואוינהייט,
גענומען קושען אָהן אַ שיעור
און האַלזען זי, מיין שענהייט;

נאָר פּלוצלינג שטעלט זי זיך אַוועק
און גיט מיר אין די ציינער...
„אַך, דו פּאַסקודנער, קליינער שנעק,
אַזוינער און אַזוינער!“

און זי צוגוואַלדעוועט זיך נאָך:
„וואו זייט איהר, יענקעל, דאָבע!“ —
איך קוק זיך אום — אַ קלאָג, אַ בראָך! —
עס איז געווען א י ה ר ב אָ ב ע...

גראַנאָווסקי.

דער פּאָעט און דיא פרוי

(אַ ווינטער־מאָטיוו)

דער פּאָעט:

עס שמעקט שוין מיט אָסיען, עס פאלט שוין דער בלאט,
גענוג שוין בעזינגען דעם זומער!

די פרוי:

וואָס זיצסטו איצט, זאָג מיר, אין דיגעם כאַלאט?
עס בלאָזט ווי אין דרויסען אין צימער!

דער פּאָעט:

אוי, ס'לאָזט זיך דער אָסיען שוין שטאַרקער איצט פיהלען,
איך טראַכט שוין פון אנדערע ליעדער...

די פרוי:

אוי, זעה נאָר, דו קענסט זיך חלילה פערקיהלען,
עס פריהרען, עס ברעכען די גליעדער!...

דער פּאָעט:

איך טראַכט: ווי פער'יתום'ט, פערלאָזען, דערשלאָגען
איצט שטעהען די בוימער און שטומען!...

די פרוי:

איך האָב גאָר פערגעסען דיר נייעס צו זאָגען —
דער ברויטמאַן איז נאָר וואָס געקומען!...

דער פּאָעט:

די פויגעלעך שווייגען, פערזונקען אין זאָרגען...
זיי שפּירען דעם ווינטער, די קעלט שוין.

די פרוי:

דער מילך־מאַן, ער וויל מעהר קיין מילך אונז ניט באָרגען,
און הייסט זיך בעצאָהלען זיין געלד שוין.

דער פּאָעט:

עס וואָיעט דער שטורם, פערגעהט זיך אין קלאָגען,
קיין איינציגע בליהמעלע בליהט ניט!...

די פרוי:

דער קצב האָט היינט מיר געהייסען דיר זאָגען:
ער גיט אונז שוין מעהר קיין קרעדיט ניט!...

דער פּאָעט:

איך קען היינט ניט שרייבען, עס פריהרען די פינגער,
פערפראָרען, פערשנעעט איז מיין לירע!...

די פרוי:

אוי, כ'האָב גאָר פערגעסען, כ'האָב איצטער דערמאָנט זיך,
היינט איז דער טערמין פון דער דירה!...

דער פּאָעט:

אך, לאָז דאך צורוה מיך! עס שיינט דאך די זון ניט,
מיט וואָלקענס בעדעקט איז דער הימעל!...

די פרוי:

אוי, ביזטו א שלאָף־מיץ, און ווייסט גאָר דערפון ניט,
שלומיאל, וואך אויף פון דיין דרימעל!...

א ראמאן אויף א שפּאַן

א נאכט,
א פּראכט!
ביים מעער
זי'ן ער.
א שמועס
גאָר זיס.
א בליק,
מיין גליק!
דזשאַנעט!
א גלעט.

א לאָק,
א טשמאָק
דער מאַן,
פּאַרדאָן!
א טראַך,
אַך, אַך!
יונגאטש,
א פּאטש!
אוועק —
אַן עק!...

דאַן קיכאָט.

דער כלל־טהוער

אָ, איהר קענט איהם גוט, דעם אידעל:
אין קוואַרטאַל די ערשטע פידעל,
אויף די שמחות אויבען־אָן.
„באַרכאַשעם" שוין ניט קיין אינגעל,
האָט א גלאַטען, ווייכען צינגעל,
איז ביי זיך א גאַנצער האָהן.

ווער פּרינציפּען, וואָס פּרינציפּען!
גלייבער טראָגען אויף די ליפּען
דאָ א יא און דאָ א ניין;
בעסער זיין א פּאַמפּעדריטעל:
הייגט — דעם פּריצ'על די היטעל,
און אויף מאָרגען — דעם המון.

צוויי משלים, דריי ציטאַטען
פון בעריהמטע ליטעראַטען
און א פּסוק אָהן א פּום —
דאָס איז יעקעל'ס גאַנצער פּעקעל...
און דער עולם מיינט, אז יעקעל
האַלט די וועלט אין זיין רשות.

ניט פערטשעפּעט איהם! די שונאים
שימפּפט ער אָב ווי צעהן יונים,
טאַקע צעהן — און בלייבט גערעכט.
ווייל ער ווייס, אז מיט זיין לשון
איז ער זיכער מיט'ן גראָשען;
ווייל ער פּיהלט, ער איז א העכט.

פּיעשל בראַנד

פישעל בראַנד, אַ איד אַ געלער,
טראָגט אַ לאַנגע ברייטע באָרד
(וואָס אַ יאָהרצייט ווערט זי שמעלער,
איהר פּאָליובעט ניט דער אָרט),

איז ביים גוטען זיסען בורא
אַזש די פיינסטע שטיקעל סחורה,
אַ גן־עדן קאַנדידאַט.
אַלע מצוות פון דער תורה,

סאַי אין תמוז, סאַי אין שבט,
היט ער אָב; פאַר אַן עברה
ווי פאַר פייער האָט ער מורא;
רק אין שול און רק ניט זאַט

מיט׳ן דאַווענען, מיט׳ן זאָגען...
און ווי ביטער טהוט ער קלאָגען
אויף דער אַלטער, אַלטער היים,
וואו די אבות האָבען שטענדיג
אויפ׳ן טיש געהאַט אַן ענדיק
און דערצו אַ דריי־פיער צעהנדליג
פעטע קניידלעך הארט ווי ליים...

אַז ער טרעפט אין גאַס אַ אשה
און בפרט אין אַ פאַרוק —
גיבער פוילט ער אין דער תפיסה,
גיבער מאַכט ער מיט דער גסיסה,
גיבער נעהמט ער איין אַ מיתה,
איידער טהון אויף איהר אַ קוק...

יאָ, אַ צדיק איז דער געלער
טאַקע איינער דאָ אין לאַנד!
נור ניט מעהר איין קליינעם פעהלער
האָט דער פרומער פישעל בראַנד:
נור דערשמעקט אַ קהל׳שען טעלער —
גלייך אריינגערוקט די האַנד!...

בײַ דער לבנה־שײַן

בײַם שײַן פון דער לבנה — געדענקסטו, מײַן ליעבסטע,
כ׳האָב געקושט דײַנע זײַדענע האָר ? —
ענטשולדיג, מײַן טהײַערע, איך האָב ניט געוואוסט דאַן,
אַז דו האָסט אַ „העיר דרעסינג סטאָר“.

דײַן „נאָרדפאָל“ געקושט האָב איך, ליעבסטע, מיט טרערען,
מײַן הארץ האָט פון נחת געקוועלט ;
יאָ, „קוק, דער ענטדעקער“ און דו, מײַן געליעבטע,
אוי, בלאָפט איהר דאָס בײדע אַ וועלט !...

אוי, גאָט, וויפיעל מאָל פלעג איך, אָרעמער, קושען
דײַן לאַנגען, נאַכט־שוואַרצען צאָפּ !
גע וויים אַז בײַנאַכט שלאָפסטו, ליעבינקע מײַנע,
אין בעט מיט אַ נאַקעטען קאָפּ ! — — — —

יאָ, כ׳האָב פערזעצען געוואָלט מײַן נשמה,
אבי נאָר צו הײַראַטהען דיך !
איצט שרײַ איך : דערבאַרעם זיך, גאָט, אויף מײַן ליעבסטער ! —
אוי, האָט זי דאָס נעבעך אַ פליך !...

ביזט ברוגז, מײַן ליעבסטע ? — וואָס בין איך דען שולדיג ?
דער ווינד האָט דײַן „נאָרדפאָל“ צושטערט...
און דו ביזט געשטאַנען אַזוי ווי פערגליווערט
און א י ך, מיט די אויגען צו דר׳ערד...

געקלערט האָב איך : ליעבסטע, מיר הענגען זיך בײדע ! —
איצט לאָמיר דאָס רעכט נאָר פערשטעהן :
אַזוי ווי דער פליך איז דאָך ד ײַ נ ע ר, ניט מ ײַ נ ע ר —
איז גלײַכער, דו הענגסט זיך אַליין !...

א. ל. וואָלפסאָן.

„כוואסטיק"

ער איז קיין ריטער ניט מיין העלד,
ער איז אויך ניט קיין גרול;
ער איז א פּראָסטער ארבייטס־מאַן,
א העלד פון שער און נאָדעל.

ער איז א זעלבסט־געמאכטער מאַן
ער וויל נור זיין „בעוועגער";
שוין העבער צוואנציג יאָהרען ווי —
ער איז דער „פאקעלטרעגער".

און טאָמער קומט א גאסט אהער
פון צארען־לאנד צו פאָהרען;
דאַן יאוועט זיך דער „כוואָסטיק" גליך,
דערגעהט איהם שוין די יאָהרען.

ער כאפּט א „שייוו" דאַן יעדען טאָג
און טהיילט די האָר אויף צווייען,
און ווערט מחותן אויפ'ן אָרט
מיט אלערליי פּארטייען.

און קומט דער גרול אין קאפע,
שלעפּט הינטען זיך דער „עקעל",
ער טראָגט איהם נאָך דעם טשאמאָדאַן,
דעם אויבער־ראָק און פּעקעל.

ער זעצט זיך שטאָלץ ביים קאפע־טיש
און ווישט נערוועז די ברילען

און זוכט מיט קאַפּע „אַ־לאַ פראַנס“
די נערוועו איינצושטילען.

און רעדט דער גדול אויס אַ וואָרט
דאַן לויפט ביי איהם די סלינע;
זיין בלאַסער פּנים רויטעלט זיך,
עס רוהט אויף איהם די שכינה.

ער רעדט פון באַריקאַדען דאַן
און קנייטשט זיין פלאַכען שטערען;
דער גדול זוכט דערווייל אַ פּלאַן
פון נודניק לויז צו ווערען.

דאָך „כוואָסטיק“ איז בעגייסטערט יעצט,
ער קען עס ניט בעמערקען;
ער רעדט פון רוסלאַנד'ס פּאָליטיק
און ליובט די יונגע טערקען.

אַזוי איז ער אַ בראַווער יונג,
אַ שווייגער און בעשיידען;
דאָך קומט אַ גאַסט אַמאָל אַהער,
מוז נעבעך יענער ליידען.

אַ געוועזענער

אַ קורצינקער, אַ קליינינקער,
אַ קלוגער, שעהנער אידעל;
ער האָט אַמאָל אין שרייבער־מאַרק
געשפּיעלט די ערשטע פּיעדעל.

אין זייטען־רייבעריי איז ער
געווען פון גאָר די גרויסע;

און געבריהט האָט זיין הומאָר
ווי וואסער זודיג־הייסע.

זיין שאַרפע אויג האָט אַלץ בעמערקט,
זיין פּען האָט זיך געוויצעלט;
און ווען עס האָט זיך ניט געלאַכט,
האָט ער אַליין געקיצעלט.

האָט אימיצער געזאָגט אַ וואָרט,
וואָס איהם איז ניט געפעלען,
פלעגט גלייך זיין פּען דעם „אימיצען"
אין חוזק־ווינקעל שטעלען.

דאָך פּלוצלונג האָט זיין פען געפּלאַצט,
דער שפּיץ האָט זיך צובראָכען;
און ווי אַ שעהמעוודיגע מויד
אין הינטערגרונד פערקראָכען.

ער זאָגט, ער איז אַ צווייטער „טווין",
נאַטירליך פון די „רויטע";
די עהנליכקייט משמעות איז,
וואָס ביידע זיינען טויטע.

אַ בעוועגונגס־פרוי

זי רעדט קיינמאָל קיין אידיש ניט
און אָפּט קיין אנדער שפּראַכע:
זי רעדט פון „פרייע ליעבע" נור
און רעדט אמאָל „צור זאַכע".

זי ליעבט דעם ארבייטער אַלס קלאַס
און הויבט איהם אין די הימלען;

דעם יחיד האָט זי ממש פיינט —
איהרטוועגען מעג ער שימלען.

און הייראַטהען ? אָ, גאָט בעהיט !
ווער קען זיך דאָס פערגינען ?
וואָס וועלען נעבעך טהון די „הענד“
וואָס דרעהען די מאַשינען ?

ווער וועט פון יאָך ערלעזען זיי ?
ווער וועט די וועלט בעפרייען ?
היינט ווער וועט פּאַטשען מיט די הענד
און העלפען „בראַוואָ“ שרייען ?

ווער וועט פערטהיילען סירקולאַרען,
העלפען געלד קאָלעקטען ?
און ווער וועט זיין בופעט־מאַמזעל,
פערקויפען פרוכט, קאָנפעקטען ?

און ווער וועט זיין דער „טשאַסאָוואָי“
אויף בעלער און קאָנצערטען ?
און ווער וועט האַלטען דעם פּאָראַד
פון שרייב־פּאַפּיער, קאָנווערטען ?

דאָך זאָגט מען אז די ליעב' איז בלינד,
עס קען זיך נאָך געפינען
א בחור, וואָס פערגעטערט נייסט,
און ער וועט זי געווינען...

דאַן, גאָט בעהיט, ווערט אַלעס טויט,
דער פּאָרטשריט געהט פערלאָרען !
און פרייהייט בלייבט ווי אָהן א „האַנד“
פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָהרען...

עס איז אַ גליק וואָס די נאַטור
האָט איהר קיין חן געגעבען
און אָנגעוויזען איהר דעם וועג
אַלס קעמפּפערין אים לעבען.

אָ, ניב איהר גאָט געזונד און אויך
אַ היתר אויף פערשיידענע זיין;
דען בלייבט זי אונפערהייראטהע, וועט
שוין אונזער וועלט בעפרייט זיין!...

דער קינסטלער

ער איז אַ איד אַ חשוב׳ער,
אַ איד אַ בעל הבית;
ער זאָגט אַ דעה איבעראַל,
שטופט איבעראַל זיין נאָז.

ער רעדט פון פּאָעזיע און קונסט,
ער רעדט פון היץ און קעלט;
ער רעדט פון דראַמאַ, אָפּערא,
פון אַלעס אין דער וועלט.

ער גרינדעט „לאָדזשען" זעהר פיעל
און מאַכט דעם „אינסטאַלליישען";
אַליין אַ גרויסער משה־לאָקש,
דאָך לאַכט ער אָפּט פון משה׳ן".

ער איז אַ איד, אַ שווערער איד,
האָט הענד מיט גראָבע פינגער;
ער זאָגט, ער קען פערזענליך זיך
מיט יעדען גרויסען זינגער.

זיין גייסט איז אָנגעפילט מיט „קונסט",
דאָך שווארץ געוועזן זיין דאָליע;
ער האָט אים לעבען נור געשפּיעלט
א גוטע „פּאטער־ראָלע".

ער האָט די וועלט פון אונטערגאנג
געזאָרגט זיך צו פערהיטען;
ער האָט געשפּיעלט זיין ראָלע גוט —
דער מוהל האָט געשניטען.

און קומט ער אין קאפע אריין
צווישען די „גענייעסלעך",
דאן הויבט ער אָן צו האקען „דאטש",
א דייטש אין „גענזען פיסלעך".

ער זעצט זיך ביי א קאפע־טיש
און גיט אָן אויסגעשריי:
„קאָלעגע וואַיטער, געבען זי
איין גלעזכען האיסען טהעע!"

א גוטער מענש

א יונגער מאן און שעהן געבויט
און „בויגזאם", ווי א פלאָקען;
און איז אן ערך זעקס פוס הויך
אפילו אין די זאָקען.

ער רייט גאנץ אָפט אויף דעם „פּגע־סוס"
און שמידט אין אידיש פערזען,

די האַרמאָניע איז ענליך אָפּט
צו טויזענד פערד וואָס הירזשען.

ער לעבט צופריעדן זיך זיין וועלט,
אָהן דאגות און אָהן זאָרגען;
א צווילינג איז דער היינט ביי איהם
מיט יעדען נייעם מאָרגען.

עס דריקט זיין פּנים גאָר ניט אויס,
ווי אַלעמענס געזיכטער;
ער קוקט צו ערדעל פּאַר א שמיעד
און פיעל צו גראָב אַלס דיכטער.

און דאָך איז ער א „מוזען־קינד“,
און דאָך איז ער א זינגער;
זיין טאָן איז אמת יעקב׳דיג,
דאָך עשיו׳דיג די פינגער.

ער האָט קיין שפּור פון שונאים ניט
(אויף מיר געזאָגט, אָ טאַטע!) —
משמעות, אז די וועלט האָט ליעב
א זאַנפטע זאך — א שמאַטע.

מען ליעבט איהם פאר זיין שמייכעלע,
מען ליעבט איהם איבעראַל;
א קליינינגקייט, א גוטער מענש!
א מענש גאָר אָהן א גאַל...

וואָס שייך צו זאָגען גאָר א „מענש“ —
א מלאך, נאָר אָהן פליגלען;
א מענש, פאר וועמען חכמה איז —
א בוך מיט זיעבען זיעגלען.

י. טונקעל.

דער אלטער בעל תפלה

לאָמטשאַ־איראַם, לאָמטשאַ־איראַם,
לאָמטשאַ־איראַם, לאָמטשאַ־ראַ־ראַם...
אַי, איז דאָס „אַ שטעל“ פאַר יעלות!
ממש גאונות, פייער פלאַם!...

עך, ניטאָ שוין יענע יאָהרען,
שוין ניט דאָס גאָר, וואָס אמאָל;
ניט די צייטען, ניט די כחות,
ניט די געמבע, ניט דער קול.

כ׳פלעג אוועקלעגען אַ דאַווגען,
פלעגט שוין זיין די שול געפּאַקט.
„בלאַט“ געלייענט, „קלאַוואַטורע“,
אויפ׳ן קאַמערטאָן, מיט טאַקט.

היינט אַ „זאָלאָ“ איך פלעג זאָגען,
פלעגט דאָך ציטערן די שול.
שררות פלעגען קומען הערען,
יענעראַלען, ממש פול!

די קאַפּעליע ארבייט מעשים:
לאָמטשאַ־איראַם!... ס׳קעהרט די וועלט!
עך, עס איז געווען אַי כבוד,
עך, עס איז געווען אַי געלט!

היינט, מישטיינס געזאָגט, קיין כח,
און פון העלפער — קיין פּאַרשוין;

קראַנק און הייזעריג, אויף דער עלטער
מוז איך „סטראָיען“ זיך אליין:

דאָ א שטייגער זאָגט אַן אלטיל:
יעלה... יעלה... סאַמעט־ווייך;
תחנו—ננו— כאַפּט איהם אונטער
א סאָפּראַנטשיק קוויטשיג־הויך.

ברומט א באַס: אוי יעלה תחנו — — —
ננו — העלפט איהם א טענאָר —
תחנו—ננו, אוי, מערב!...
פאַלט אריין דער גאַנצער כאָר.

דאָ זאָג איך אליין א „וואָלעך“,
געה א „שטייגערעל“ מיט טעם;
אוי, אוי, יעלה תחנו—ננו...
ציהט דער כאָר א טאָן: טאַ—ראַ—ראַם...

יעלה תחנו — — קבו־קבו, קבו־קבו...
עפּעס הוסט זיך מיר אזוי.
ווען איך האָב א שטיקעל צוקער
מאַך איך זיך א גלעזעל טהיי.

— — — — — — — — — — — — — —

עך, וואו זיינען יענע יאָהרען,
יענע ליעבע אלול־צייט,
ווען איך בין נאָך יונג געוועזען
און געפּיהלט זיך אויך א לייט.

איך דערמאָהן מיך יענע אָבענדס:
ליכטיג אינ'ם שטיבעל, זיס;
זינגער, געסט און גלאַט זיך שכנים, —
א מניינים דריי געווים.

בעריל פּייפעל, חיים גאָרגעל,
נאָטע באַס און ליב האַמזון,
וואָס ער מאַכט דיר נאָך טשיקאַווע
אי אַ קעלבעל, אי אַ הוהן.

היינט ר' גרשון־משה־ברוך'ס,
וואָס ער איז געוועזען שוין
אין אָדעס, געהערט דעם אָרגעל —
פלעגט ער קומען אויף צוגעהן.

חברה זינגער „קלאַפּען נאָטען“, —
„איצע'ס סידור“, „פּיצע'ס גאַנג“,
אָפּערעס פון „קוני לעמעל“. —
פול די שטיבעל מיט געזאַנג.

און מיין שמוליק, מיין בן יחיד,
אַרבייט מעשים הויך און דין.
אַ סאָפּראַן — אַ קאַנאַריימשיק
זינגט מיט תשוקה, האַרץ און זין.

אי, איז דאָס געווען אַ כלי!
שטאַרט האָט זיך געבענשט מיט איהם;
אויף די קעפּ איז מען געשטאַנען,
ווען ער פלעגט נור „ווייזען שטים“.

בעט ער זיך: אוי, אם כאבנים!..
כליפּען אַלע אויפ'ן קול...
עך, ניטאָ שוין היינט קיין זינגער,
ניט די זאַכען, וואָס אַמאָל.

בצאת ישראל — פלעגט איהר הערען,
ממש ווי דער פּאַיעזד געהט;

כבקרת רועה עדרו —
און איהר הערט: דעם פאַסטוך׳ס פּלייט.

און דער סאַמאָוואַר זידט פרעהליך,
זשומעט, פּאַלט אריין אין טאָן,
און מיין אַלטע גיסט איעדען
טהיי (און דוקא זיסע) אָן.

איך אַליין טרינק „גאָגעל־מאָגעל“.
אייער קויפט מען אויפ׳ן שאָק.
ניט בחינם האָט מיין שטימע
דאַן געקלונגען ווי אַ גלאָק!

היינט — ניטאָ שוין יענע יאָהרען,
שוין ניט דאָס גאָר וואָס אַמאָל,
ניט קיין הארץ און ניט קיין כחות,
אָהן אַן אָטהעם, אָהן אַ קול.

וויט אוועק׳עט איז מיין שמואליק
לערנען חכמת המוזיק.
אַ „מאַקראַט“, זאָגט מען, געוואָרען,
ניט געקומען שוין צוריק.

אין סימביר פערשיקט... איך ווייס ניט
וואו אהין איז זיין געביין;
און מיין אַלטע אויך געשטאָרבען —
בין איך עלענד און אַליין.

דאַווען איך אַצינד אין „מנין“
שחרית, מוסף, אָהן אַ כאָר.
זיעבען קארבען, אָהן דער קערה —
לעב דערמיט אַ גאַנצען יאָהר.

קכו־קכו... אך, א הוסט א בייזער!
מוטשעט, מאטערט נאָכאַנאַנד.
נאָך א צרה: קומט צום עמוד —
ווער איך הייזעריג ווי די וואַנד.

מילא, וואָס־זשע קען מען העלפען?
לאָמטשאַ־איראַם־לאָמטשאַ־ראַם!...
כ'לעבען גאָר א גאָלדען „שטעלע",
ממש גאונות, פייער־פלאַם!..

ציהט דער כאָר א טאָן: „שטאַ־איראַם...
גיט א ביי־קול זיך א הויב:
יעלה תחנוננו — ננו!...
דאָ ברום איך שוין ווי א לייב:

יע—לה תחנו—ננו — — קכו, קכו...
עך, עס הוסט זיך מיר אזוי.
ווען איך האָב א שטיקעל צוקער
מאך איך זיך א גלעזעל טהיי.

כ'בין א רעדנער

כ'בין א רעדנער, כ'האָב א פּיסקעל
און איך ספּיטש מיר איבעראַל,
כ'בין א רעדנער, א בעל דרשן
אין דעם אידישען קוואַרטאַל!

וואו א מיטינג, א „רעספּשאַן",
צו א יום טוב, צו א באַל,
צו א קאָנפערענץ, א פּיק־ניק,
און ביי יעדען, יעדען פאַל —

בין איך שטענדיג פיקס און פערטיג, —
כ'בין דער רעדנער פון קוואַרטאַל.

שטעה איך פערטיג אויף די ברעטער
און איך האָק און קנאַק און פּראַל,
טרינק איך וואַסער גאַנצע עמער
און איך דרשן פאַר'ן כלל.
אָ, איך בין דאָך דער בעל דרשן
אין דעם אידישען קוואַרטאַל.

ווילט איהר תורה, ווילט איהר חכמה,
ס'פליסט מיין וויסענשאַפט א קוואַל,
ווילט איהר לאַקריץ און קיבעבע,
ווילט איהר האָניג, ווילט איהר גאַל,
ווילט איהר, טאַנץ איך כשר־טענצלעך,
ווילט איהר, בין איך ראַדיקאַל —
אַלעס קריעגט איהר, דען איך בין דאָך
א בעל דרשן אין קוואַרטאַל.

וואו א מרחץ, וואו א קלייזעל,
ערגעץ־וואו א חזיר־שטאַל,
ערגעץ עפענט זיך א מקוה,
דאָרטען הערט זיך מיין געפּראַל,
און איך פירכע און איך גלעקעל —
כ'בין א רעדנער אין קוואַרטאַל.

וואָס? איהר זאָגט „איך האָק א טשייניק"?
בין איך אויך ניט בדיל הדל!
אבי די משה'ס אפּלאָדירען
און עס הילכט דער גאַנצער זאַאַל, —
דען איך בין דאָך א בעל דרשן
אין דעם אידישען קוואַרטאַל!...

א געזאנג צום סענאט

אַ גרויסער, שטאַרקער, מעכטיגער
אונ גנעדיגער סענאַט!
פאַר דיר און נור פאַר דיר וועל איך
יעצט זינגען אַ וויוואַט!

וויוואַט! וויוואַט! עס לעבע דער
הויכווירדיגער סענאַט!
עס לעבע דיין גערעכטיגקייט,
דיין יעדע גרויסע טהאַט!

ביזנעס מאַכסטו קונקעל־מונקעל, —
כשר־פּישעל, גלאַט.
ווישט זיך אָפּ די וואָנסעס רוהיג...
גאָר נישט... שטיל און גלאַט...

און דערשמעקסטו נור אַ ביינדעל
כאַפּסט דאָס ווי אַ כוואַט,
און פון בודעל, פּייק און גנבה
ווייסטו גוט דעם פּשט.

זאָרגסט מכלומרשט פאַר די מאַסען,
העלפסט דעם כלל און פּרט.
הינטערווייַלעך מיט דער „גרענדע"
ביזטו פּאַני בראַט.

שמעקסט מיט אויל, מיט געז און דיאַגעכץ
פון דעם טראָסט־מאַגנאַט.
בלאָפסט דעם עולם, קענסט דעם גולם
קענסט איהם אַקוראַט.

ד׳רום פּערנעהם מיין לויב־געזאַנג,
אַ מעכטיגער סענאַט!
פון דיין שעהנעם כבוד וועגען
זינג איך אַ וויוואַט!...

י. יפה.

פאהר איך מיר אין מעמעל

פאָהר איך מיר אין מעמעל צום יריד,
נעהם איך מיר מיין יונגעס ווייבעל מיט.
וויל איך, זי זאָל קויפען צוועלף ארשין
סחורה אויף א נייעם קרינעלין.

געהען מיר פון בויד צום ביידעל אום,
זוכען מיר אין מארק־פּלאַץ אומעטום,
געהען מיר א שעה אום נאָך א שעה
און קיין גוטע סחורה איז נישטאָ.

ווייט דאָרט אין א ביידעל איז פאראן
גאָר א וואונדערשעהנער יונגערמאַן,
קוילען־שווארצע אויגען, הויט ווי שניי
און ער האנדעלט שניטווארג אלערליי.

זאָג איך צו מיין ווייב: „כ'בין מיעד צו געהן."
זאָגט זי, אז זי קען גאַנץ גוט אליין
קויפען פון דעם בחור צוועלף ארשין
סחורה אויף א נייעם קרינעלין.

ווארט איך אין „אכסניה, ווארט איך לאַנג,
פיהל איך אין מיין הארצען טהוט מיר באַנג:
זאמט זי זיך צופיעל פאר צוועלף ארשין
סחורה אויף א נייעם קרינעלין

ווארט איך אין אכסניה, ווארט איך נאָך,
אפשר אין א ווײַלע קומט זי דאָך?

גנעה איך אויפ׳ן מארק־פּלאַץ שפּעט פאַרנאַכט,
זעה איך אז דאָס ביידעל איז פאַרמאַכט.

גיב איך דורך א שפּאַלט מיין קאָפּ א רוק,
כ׳עפען ברייט די אויגען, כ׳גיב א קוק:
זיצען זיי דאָרט ביידע האנד אין האנד,
שושקענען זיך ליעבליך זאַלבענאַנד.

רייס איך מיך אין ביידעל שנעל אריין
„אשת איש, וואָס טהוסטו? איז דאָס פיין?"
כליפּעט זי דערשראָקען: „צוועלף ארשין
סחורה אויף א נייעם קרינעלין!"

שפּרינג איך צו צום בחור: „דו יונגאַטש!"
קאַשער איך די ארבעל, ס׳פליהט א פּאַטש:
ווערט מיט פלאָם פערלאָפען אַזש זיין בליק,
און דער תכשיט גיט מיר צוויי צוריק.

פאָהר איך איצט אין מעמעל צום יריד,
נעהם איך שוין מיין צווייטעס ווייב נישט מיט:
כ׳ציטער פאָהרען קויפען צוועלף ארשין
סחורה אויף א נייעם קרינעלין.

זומער אין א טענעמענט הויז

נעהם איך מיר אין זין אריין
גרעזעלעך און בלומען,
זינג איך מיר א זמר׳על:
זומער איז געקומען.

זומער, זומער איז שוין דאָ,
ס׳ווילט זיך פּשוט טאַנצען!

ס'בעל־הבית'עווען אין שטוב
װיעדער שוין די װאַנצען.

און אויך פויגעל אַלערליי
קענט איהר ביי מיר קריגען:
טאַראַקאַנעס אויפ'ן טיש,
פול די שטוב מיט פליגען....

אן עצה צו א דיקטער

זאָגסט, ביזט טראַגעדיג געװאָרען
פון דיין מוזע היינט,
נעהם דאָך, ברודער, אַן אַן עצה
פון אַ גוטען פריינד.

ווילסט אַ ליעדעלע געבאָרען,
וואָס זאָל קלינגען פיין;
פאַס אויף דיכטער, זאָלסט חלילה
נור נישט מ פ י ל זיין.

אַ געזאַנג פון דיכטער'ס הארצען
איז דאָך ווי אַ קינד;
ווערט עס פאַר דער צייט געבאָרען,
אין עס שוואך און בלינד.

שלעפ דארום קיין שווערע משא,
געה נישט בארג ארויף —
מעסט פון דיין טאַלאַנט די כוחות,
פונקט ווי פון דיין גוף.

האָסטו שוין דיין ליעד געבאָרען,
דרוק עס ניט אויף גיך,
זעה דיין עופ'עלע צו פּפלעגען
מעהרער צייט ביי זיך.

ווען עס דארפען יאָהרען נעהמען,
מאכט עס אויך ניט אוים,
זעה נור, ברודער, מיט א טומטום
זאָלסטו נישט ארוים.

כ. ע.

דער אידישער דיכטער

בענקט נאָך דעם לעבען און איז אליין טויט,
רייך גור אין האָפנונג און אָרעם אין ברויט!
דער אידישער דיכטער!

גביר אין פערלאנגען און קבצן אין מוטה,
„פאוסטוס“ אָהן ליידען, מעפיסטאָ אָהן בלוט,
פול מיט חרטה נאָך איידער ער טהוט —
דער אידישער דיכטער!

בעטלער און חזן און ב ד ח ן צומאָל,
בעגיסט זיך מיט טרערען זיין פעדער פון שטאָהל, —
ווארפט ער די וויצען מיט שווערען געמיטה,
א פעני — א שורה, א קוואָרדער — א ליעד —
דער אידשער דיכטער!...

ל. לאַנדוי.

דער צוקונפטיגער קיסר

עס שרייבט זיך מיין משה א בריוועל אהיים:
„איך האָב איך שוין לאנג ניט געשריעבען;
כ'בין „ביזי“ געוועזען מיט שטאָדט און מיט לייט:
מען האָט דאָ בעאמטע געקליעבען.

„ס'איז געווען: ווי עס הויבט זיך נור אָנ'עט דער טאָג,
בעקומסטו פּעק גאַנצע בקשות:
משה, מאַך מיך! און — משה, מאַך מיך!
און טענות און מענות און דרשות.

„מען שרייבט מיר מסירות, מען בעט זיך, מען וויינט,
מען שיקט מיר חשבונות, „דאָקלאַדען“,
מען פרעגט מיך: צו וויל איך אָן אייגענע באהן,
צו ס'מאַכט ניט צו האָבען „פּאָדריאַדען“.

„מען פרעגט מיך צו לוינט זיך אַ הונדערט מיליאָן
צו לייהען אויף שטאָדטישע זאכען,
אויף וויפיעל פּראָצענטען, ביי וועמען און ווי
אָט דיעזע הלואה'לע מאַכען.

„דאָס האָט איהר דורך בריעף. היינט ווען ס'קומט אויף דער נאַכט,
איז פּשוט ניט פּטור צו ווערען,
דער ארוים, דער אריין און אַ יעדערער פרעגט:
ווער וועט גובערנאַטאָר דאָ ווערען?

„און יעדערער טענה'ט און יעדערער רעדט...
און ווידער — וואָס אַרט דאָס מיך? זאָל ער!

אז דער שטעלט דיר ביער און דער גיט אַ ציגאַר
און דער לאָזט נאָך איבער אַ דאָלאַר.

„צום עסק חלילה האָב איך ניט דערלעגט,
די חברה צו מיר אָבער אויך ניט:
זיי זיצען אין בענקעל.... גו, זאָל זיין געגוג
פאַר איצט. איך האָב עפּעס קיין כח ניט“.

* * *

און ס'הערט זיך די אַלטינקע מאַמע אין „דער היים“
איין אין דעם בריוועל מיט טרעהרען
און טראַכט מיט פערגניגען: „מיין משה, דו האָרכסט,
ער וועט אמאָל קיסר נאָך ווערען“.

פאַמיליען-ליעדער

(פריי נאָך טהאָמאַס הוד)

1

(אַ סערענאַדא)

כ'האָב געהערט אום האַלבע נאַכט
מיין שכן זינגען: „שלאָף, מיין קינד!
כ'האָב נאָך קיין אויג ניט צוגעמאַכט!
שלאָף שוין, ליידאַק, שלאָף געשווינד!
אוי, איך שטאַרב זיך שלאָפען לעגען...
וועה, ווען נעהמט עס שוין אַ סוף?
גאָט, שלים צו שוין זיינע אויגען,
אָדער עפען מיינע אויף!...“

כ'האָב געהערט אום האַלבע נאַכט:
„שלאָף שוין, ממזר, שלאָף, שוין צייט!

ס'מעהר איך וויעג, אלץ מעהר ער וואכט!
ווייסטו אפשר וואָס ער שרייט,
מערי?... ס'ברעכט מיר יעדער ביין! —
אי־ליו, ליו־ליו, ליו־ליו־ליו —
ס'וועט וואָס שרעקליכעס געשעהן,
אויב דו נעהמסט איהם באלד ניט צו!..."

כ'האָב געהערט אום האלבע נאכט:
„שלאָפסט צי ניין, דו קליינער שד!
איז ער הונגעריג, פערשמאכט?
מערי! נעהם איהם גאָר אין בעט! —
גיב איהם „קאסטאָר", שטאָפּ איהם אָן!
גיעב איהם צרות, גיעב איהם סם!
נעהם דערשטיק איהם, זויג איהם אָן!
האָסט ניט וואָס? טאָ נעהם אָן אם!"

איך האָב געהערט אין מיטען נאכט:
„גיב אהער איהם! אפשר איצט
וועט ער שלאָפען שוין... ער וואכט!
אָ, גאָט, ער שלאָפט נים, זעה, ער זיצט!
מערי! כ'טויט איהם באלד, איך שווער!
איך קען דעם קאָפּ ניט האלטען מעהר!...
איך זיץ און שלאָף. וואָס איז עס? הער!
אַ שווערער פאל... איז'ס איך צי ער?

2

(אַ לויב־געזאַנג צו מיין דריי־יעהריגען קדיש)

איך נעהם און שרייב: מיין גליקליך קינד!
(ער ווײנט שוין ווידער! שטום! געשווינד!)
דו האָסט קיין צרות און קיין טרויער
(זעה, זעה, ער שטופּט אַ טשוואָק אין אויער!)

JEWISH ... ביבליאָטעק

דו לעבסט אָהן זאָרג, אָהן צער, אָהן פּיין
(מיין גאָט, ער שלינגט אַ נאָדעל איין!)
פון אַלץ, פון אַלץ האָסטו פערגניגען
(די טהיר! אַט קריכט ער אויף די שטיגען!)
דו ביזט מיין ליכט, דו ביזט מיר טהייער
(אָה גאָט, אַט מאַכט ער דאָרט אַ פייער!)
און יעדע זאָרג מיט דיר פערשווינדט
(אַט האָסטו! אויסגעקעהרט דעם טינט!)
דו ביזט אַ מלאך אָהן אַ פלעק
(אוועק! לאָז אָב דעם קעצעל'ס עק!)
וואָס קען זיין שעהנער, הייליגער, בעסער?
(אוי, גוואלד, ער שניידט זיך מיט אַ מעסער!)
מיין מלאך'ל מיט זילבער־פליגעל
(אַט נאַ! וואָס קלאַפּט ער דאָרט אין שפּיגעל?)
דו ביזט דעם פריהלינגס ערשטע בלום
(נעהם, מערי, שנעל וויש איהם ארום!)
דו ביזט אַ טויב, דו ביזט אַ רויז
(ער לאָזט ניט שרייבען... ווארף איהם ארויס!)

3

נאָך דעם שווערען אַרבייטס־טאָג.

נאָך דעם שווערען ארבייטס־טאָג
אייל איך זיך צו „איהר“
און מיין ווייב בעגעגענט מיך
ביי דער סאַמע טהיר:
„ווייסט. דער קויהלמאַן מאָהנט דעם חוב
און נאָך דירה־געלט
איז געוועזן דער לענדלאָרד דאָ...
קיידי האָט פערברענט
ס'נייע קלייד און אייקי האָט

צושפּאָלטען זיך די נאָז
און מייקי האָט אַ פינגעריל
צושניטען זיך מיט גלאָז...
די שכנה אונזערע... אָט־די...
אנטלאָפען מיט אַ גוי...
געקויפט אַ מציאה אַ שטיק זייד...
דער קאָליר? טונקעל גרוי...
געזעהען מיסים קאַטץ — נו, נו.
אַמעריקאַ! אַ גוואַלד!
אין דר׳היים אַ גיאַנקעלע געווען
און דאָ — אין הוילע גאָלד!...
מיין מאַמע שרייבט, איך זאָל איהם באַלד
צושיקען אַ פּאָר סענט...
דיין ברודער, ווייסט, האָט ביים מאַשין
פערלאָרען ביידע הענט...
עס שרייבט דיין טאַטע: קדיש זאָג
נאָך דיין מאַמען... דאָך
איין קדיש! (איז געשטאָרבען ערשט,
ערשט פאַרלעצטע וואָך).“

ל אַ ל אַ.

גם זה לטובה

האָב איך מיר אַ מיידעלע
אַ שעהנינקע, אַ פּראַכט,
אויגען גרויסע, פונקלענדע,
שוואַרצע ווי די נאַכט.

איין חסרון האָט זי נאָר
ז'איז אַ גרויסער נאַר,
ס'אַרט מיך אָבער וועניג־וואָס,
כ'האָב דערפון קיין צער.

דען ווען זי וואָלט קלוג געווען,
מעגליך קען זיין גאָר,
אַז זי וואָלט מיך אָבגעשיקט
צו אַל־די שוואַרצע יאָהר!...

ס. מאַכלין.

געדענקסטו?

געדענקסטו דעם אבענד
אין סאָד ביי סטעפּאַנען?
די בוימער זיי זיינען
שמונה־עשרה געשטאַנען;

אין הימעל שפּאַציִערט האָט
די בלאַסע לבנה,
דער טשיזשיק געזונגען
האָט זיס, מיט כּונה...

און מיר, אויפ'ן גראָז זיינען
שווייגענד געזעסען,
און האָבען פאַר זיסקייט
דאָן רעדען פערגעסען...

און דו האָסט פער'חלום'ט
צו מיר זיך געטוליעט,
און ס'האַרץ מיינס, עס האָט זיך
פאַר שמחה צוהוליעט...

געקושט דיינע ליפּען,
דיין האַלז, דיינע ברעמען...
און דו האָסט בעקרוינט מיך
מיט צערטליכע נעמען —

ווען פּלוצים, געדענקסטו,
פון צווישען די קוסטען

א שאָרך האָט דערהערט זיך,
דיין טאַטענ׳ס א הוסטען ?...

און אונז האָט א טיאָכקע
געטהאָן דאן אין הארצען ? —
אוי, ווער האָט ערווארטעט
א סוף, אזא שווארצען ?...

— — — — — — — — — — — —

געדענקסטו דעם אבענד
אין סאָד ביי סטעפּאנען ? —
פיעל צייט, ליעבע חייקע,
אוועק איז פון דאן אָן —

ווי היינט נאָך געדענק איך
דאָס ערטעל אין שאטען:
דיין פלאמענדען קוש — און
די פּעטש פון דיין טאַטען !..

משה מרדכי פון בראָנזוויל.

איבער אַ האָר

„מיין טהייערע, מיין זיסע פרוי,
מיין הארץ, מיין קרוין, מיין טרייסט!
כ׳וואָלט איינשלונגען אין גאַנצען דיך,
אָט ווי דו שטעהסט און געהסט“ —

פערזיכערט האָט דער מאַן זיין פרוי
און צערטליך זי געקוסט,
און מיט אַ הייסער ליידענשאַפט
געדריקט זי צו זיין ברוסט.

נאָר שפּעטער, מיטאָג־צייט,ביים טיש,
האָט ער אַ האָר דערזעהן
ארומשווימען אין טעלער זופּ,
און, וועה, וואָס איז געשעהן! —

דער גוטער מאַן, דער זיסער מאַן
ווערט שרעקליך אויפגעבראַכט:
דער טעלער זופּ פליהט אויף דער ערד,
אַ שטורם ברויזט און קראַכט!..

*

אראָבשלינגען האָט ער געוואָלט
אין גאַנצען זי בעפאָר.
און איצט פערדייהען קען ער ניט
איהר איינציג, איינציג האָר!...

מר. מאָרים

א מאָגערער, אַן אָרימער
איז משה׳לע געקומען.
ווי גור פון שיף איז ער אראָב —
צום האנדעל זיך גענומען

מיט פייפער, מעטשעס, פליגען־סם,
מיט גאָפּעל, לעפעל, מעסער,
און זיין געשעפט איז זיך אוועק
פון טאָג צו טאָג אַלץ בעסער.

ער האָט א קראָם געעפענט זיך,
אַן ענגלישמאַן געוואָרען:
ער קאָן אייך זאָגען „אָלערייט“,
אזוי ווי דאָ געבאָרען...

ער האָט געקויפט א הייזקע זיך,
א צווייטע און א דריטע
און איז געוואָרען גאנץ גוט אָב,
גאָר ניט ווי אין ליטע,

נאָר גראדע ווי עס פּאסט זיך אין
קאָלומבוס׳עס מדינה.
ער ווייכט פון זיינע לאנדסלייטע,
און האסט זיי, אָט די „גרינע“...

ער הייסט שוין מעהר ניט משה׳לע,
ער הייסט שוין „מיסטער מאָרים“,
ער פאָהרט שוין אין די „קעצקילס“ באלד
און טראָגט א ראָק פון „פּעריז“.

און פרעגט איהם עמיצער אמאָל :
וואָס הערט זיך אין דער ליטע ?
דאַן ענטפערט ער מיט שטאָלץ דערביי :
„דאַנט באָדער מי — איך ביטע !"

זכר להערינג

חנה־דוואָשע די קורנאָסע,
האָט מען גוט אין מארק געקענט ;
מיט איהר גלאַטען, שארפען צינגעל
און די רויטע, גראָבע הענד.

זי פלעגט האנדלען דאָרט מיט הערינג
און פלעגט גרילצען, שרייען הויך :
„וויבער, הערינג, גוטע, ביליג !
קומט, איהר קריגט א פרעזענט אויך."

דאָס איז אלץ אמאָל געוועזען,
איצטער אָבער איז ניט דאָס :
איצט איז זי שוין רייך געוואָרען,
געהט פערריסען הויך די נאָז.

און די חבר'טעס די אלטע
וויל זי שוין ניט קאָנען מעהר ;
זי איז יעצט א פרוי געוואָרען
פון א „בראָנזוויל מיליאָנער".

געהט געקליידט אין וייד'נע „דרעסעס",
פאָהרט אין אָפערא ארויס ;
רעדט פון זינגען, רעדט פון שפיעלען,
רעדט פון „קינצלער" נאָר דורכאויס.

רעדט פון „קונץ“ און טראַכט פון קונץ־שטיק,
ווי צו ווערען יונג און שעהן,
ווי דעם דריי־עטאַזשנעם גוידער
מאַכען גלאַט און מלא־חן.

שמירט די צורה זיך מיט פאַרבען,
גרויס איהר הוט איז ווי א טאָפּ;
און צום זכר פון פערצייטען
איז די „פין“ א הערינג־קאָפּ...

ל. לאָנשיין.

אין העסטער סטריט

פריהמאָרגען. איך לאָז אין
רעדאַקציע מיך לויפען,
אומרינגלען מיך סוחרים: —
„וואָס ווילט איהר היינט קויפען?“

די מענער — מיט גבורה,
די ווייבער — מיט שכל,
מען שלעפּט מיך, מען צופּט מיך:
„אהערצו, זייט מוחל!“

„וואָס ע ר פאַר א דאָלאַר,
גיב א י ך פאַר א פיערטעל“.
„רב קרוב, ער בלאָפט אייך —
ביי מיר איז דאָס ערטעל!“

„אהער, אהער, לאַנדסמאַן!
קויפט ביי א בעקאַנטען:
קוקט אָן מיינע עפּעל —
א פּוש־קאַרט בריליאַנטען!...“

„אהער, אהער, מיסטער! —
די ריכטיגע וואַרע —
די אַרבעס נאָך היים, זעהט! —
עס זעצט אַזש א פּאַרע!“

„ניט הערט זי, די חצופה,
א רוח אין איהר טאַטען!

קוקט אָן מיינע הערינג:
איך זאָג אייך, ס'איז בראַטען!"

„ניט קויפט זיינע הערינג:
ס'איז סם, ס'איז מאַלעריע!
פערזוכט איהר א שטיקעל —
בעקומט איהר כאָלעריע!"

* * *

עס קעמפפען די „סוחרים"
מיט הענד און מיט ווערטער;
איך שטעה א פערטראַכטער,
איך שטעה א פערקלעהרטער:

וואָס ווילען די אידען?
וואָס ווילען די ווייבער?
וואָס קויפען, ווער קויפען —
איך בין דאָך א שרייבער!...

מ. ליבערמאַן.

הושענות

עס שמייסען די גוים, עס שמייסען די אידען —
מיר זיינען דעריבער דאָך ברידער,
די ערשטע זיי קענען אויף אויסווענינ שמייסען,
די צווייטע — זיי קוקען אין סדור.

עס שמייסען די גוים טאָג־טעגליך מיט דערנער
און טאקע אונז הייליגע אידען,
און שמייסען אָהן אויפהער, און שמייסען מיט צאָרען,
און זיינען ערשט דאמלס צופריעדען.

די אידען זיי שמייסען בלויז איין מאָל אין יאָהר נור
מיט דינינקע ריטלעך און בלעטער,
און שמייסען חלילה קיין גוים, קיין אידען,
זיי שמייסען אין שוהל נור די ברעטער...

מ. סטאַן.

א ניי וויעג ליעד

(געזונגען פון מענער, וועמענס פרויען זיינען שטים־רעכטלעריגס)

שלאָף, מיין קינד, מאַך צו די אויגען,
שלאָף די גאַנצע נאַכט;
„פרויען־רעכטע“ וויל דיין מאַמע,
קריגען וויל זי מאַכט!...

ליעבער קדיש, צרות גרויסע
האָב איך יעצט פון איהר,
ניט געוואַשען פון דריי וואָכען
שטעהט שוין דאָס געשיר...

ניט צום קייען, ניט צום טרינקען...
נאָס אין שטוב און קאַלט;
און דיין מאַמע פילדערט ערגעץ:
„גיט מיר רעכטע, באַלד!“

שטימען האָט זיך איהר פערגלוסט גאָר
אין א בייזער שעה;
שלאָף מיין קינד, מאַך צו די אויגען,
אי—לו—לו—לו—לו...

דו בעגרייפסט ניט מיינע צרות,
צוציקעל, מיין קינד;
מיינע פריינדע שפּיעלען קאָרטען
אין דעם שענק אצינד...

אַלע שרייען: פּאַס! גערה ווייטער!
קאָרטען גיב געשווינד!
און דיין טאַטע דאַרף אין הויז זיין,
וויעגען דיך, מיין קינד...

צוויי אַ זייגער און דיין מאַמע
איז נאָך אַלץ ניטאָ; —
ברענען מעג זי ווי אַ פייער,
אַי—לו—לו—לו—לו...

טשאַרלז צונזער.

הירש באַנדורע

(אַ פּאַראָדיע אויף יהואש'ס בעריהמט ליעד „פּאַגאַניני“)

אויף דעם גראָבען הירש־באַנדורע
פלעגט ארומגעהן אַ לעגענדע,
אַז בעגראָבען אין זיין כלי
איז געלעגען די נשמה

פון זיין געלען ווייבעל שפּרינצע,
וואָס געליעבט מיט אַלע דמים
פון זיין כלי־זמר זעעלע האָט ער
און באַגראָבען מיט גרויס ליעבע...

פלעגט נור דער באַנדורע־שפּיעלער
אַנריהרען די דינע סטרונעס,
פלעגט זיך הערען ווי דאָס קוויטשען
פון זיין טויטען ווייבעל שפּרינצע,

ווי זי שעלט מיט טויטע קללות,
וואָס געפּרעסען ווי אַ חזיר
האָט ער אויף דעם קציג'ס שמחה
און אַ פּאָלקע פון אַ קאַטשקע

האָט ער ניט געבראַכט צו מאָל איהר.
„אַז גע'הרג'עט זאָל ער ווערען
אָט דער אַלטער הירשעל פרעסער!“ —
אָה, די פּודיגע מתנות

פון איהר פּיסקעלע דעם זיסען!
און דערשראָקען ווערט איצט הירשעל,

ווען ס'דערמאָהנען זיך איהם יענע
שפּרינצע'ס קוויטשעדיגע טענער...

באַלד פערגעהט זיך די באַנדורע
אויף די שווערע גראָבע טענער
און עס דוכט זיך אונזער הירשלען,
אז ס'איז איצטער שבת קודש.

און ער זיצט זיך ביי דעם טשאָלענט
מיט זיין געלען ווייבעל שפּרינצע
און מען עסט זיך גאַנץ געשמאַקלעך
אַלע אידישע מאכלים...

אַט דערלאַנגט זי שוין דעם קוגעל,
און ער ווערט שוין באַלד אַנטשלאָפען
קייענדיג דעם לעצטען ביסען.
פּלוצלונג... האָט א דונער וואו געטראָפען?

ווי א גרילצען פון טראָמפּייטען,
ווי א מחנה פון יונים,
האָט דאָ אין דעם שטילען חדר
אָבגעהילכט זיין ווייבעל'ס שלוקערץ...

און עס שמייכעלט איצטער הירשעל,
ווען ס'דערמאָהנען זיך איהם יענע
קולות, אַט די שווערע, גראָבע טענער
פון זיין כשופ'דיגער כלי...

— — — — — — — — — — — — —

מיט א כשוף — זאָגט מען — האָט ער
איינגעשפּארט אין דער באַנדורע
איהר נשמה, ווען באַגראָבען
האָט ער טיעף אין דער אדמה
דאָן זיין ליעבע געלע שפּרינצע...

מיין אינגעלע

(נאָך מאָררים ראָזענפעלד)

איך האָב א קליינעם אינגעלע,
א „ליופערעל“, גאָר פיין!
אז איך דערזעה איהם, דאכט זיך מיר,
אַט פאלט די סטעליע איין!

נאָר זעלטען, זעלטען זעה איך איהם
מיין תכשיט, ווען ער וואכט,
ער הוליעט שטענדיג אויף דער גאַס
פון פריה ביז שפעט ביי־נאכט.

איך קום צוקלעמטערהייט אהיים,
מיין ווייב איז שווארץ ווי בלאָטע —
און זאָגט מיר, אז פון זוהנדעלע
האָט זי שוין די סוכאָטע!

„דו קענסט די מיסים פון נעקסט דאָר?
א שטילע ווי א האָז —
נו, כאפט ער היינט איהר מיידעלע
און בייסט איהר אָב די נאָז!

„היינט פענסטער ברעכט ער אלע שעה
און שטעכט זיך מיט א שווערדיל,
ער נעהמט דעם נייעם רבי'ן אָן,
און צופט איהם אוים די בערדיל.

„פאראן א קראנקע קעצעל דאָ —
איך זאָג דיר, ס'איז א שרעק!

ער צינדט אַ קעסטעל שוועבלעך אָן
און בינדט איהר צו צום עק!

„די באָבע זיצט אין וואקעל־שטוהל
און שלעפערט איין דאָס פּיצעל,
מיט סעלצער גיסט ער ביידען אָב
און קוועלט נאָך פון זיין שפּיצעל!"

איך כאַפּ אַן אַלטען בעזים און
בין גרייט אַ מאָרד בעגעהן,
מיין בחור זעהט מיך פריהער, און
ער טרעפט מיר מיט אַ שטיין.

איך בלייב צוואווּעהטאָגט און צוקלעמט,
פערביטערט און איך טראַכט:
„אַ וויסטע קלאָג אויף יענעם, וואָס
האָט קינדער אויסגעטראַכט!"

איך און מיין האַסיע

אַלע זונטאַג אויף דער נאַכט,
ווען עס שלאָגט דער זייגער אַכט,
קום איך בעזוכען מיין געליעבטע, האַשע האָרט;
און ווייל מיר זיצען דאָרט צוזאַמען
מיט איהר טאַטען און איהר מאַמען,
מוז איך זיצען דאָ און האַשע דאָרט.

שפּעטער שוין, מיט אויגען מאַטע,
הויבט זיך אויף דער אַלטער טאַטע,
זאָגט „גוד נאַיט" מיר, ווייל ער מוז שוין געהן „אָפּסטערז";

און מיר זעצען זיך אַנידער
ביי אַ קרבן מנחה סידור,
און מיר רוקען עטוואָס נעהנטער צו די טשערס!

צוועלף אוהר זאָגט די אַלטע שוין „גוד נאַיט“,
ענדליך, גאָט, מיר זיינען באַלד בעפרייט,
און מיר גריסען אונזער פרייהייט מיט אַן אויסגעשריי.
מיר ווערען פטור פון דער מאַמען,
און מיר זיצען שוין צוזאַמען —
אַטאונגעפעהראַזוי.

וו. קייזער.

גערענקסטו?

(נאָכ׳ן ענגלישען)

גערענקסטו, געליעבטע, די גליקליכע שטונדען,
ווען דו האָסט די ליעבע אין מיר אָנגעצונדען?
מיין גליק האָב איך טיעף אין דיין זעעלע געלעזען, —
דער גליקליכסטער מענש בין איך דאַמאָלסט געוועזען.

מיר פלעגען צוזאַמען אַי טרוימען, אַי האָפען,
ניט פיהלען, ווי שנעל ס׳זיינען שטונדען פערלאָפען...
ווי ליעב איז געוועזען דיין שמייכעל, דיין מינע, —
גערענקסטו, געליעבטע, גערענקסטו עס, ל י נ ע?

גערענקסטו דעם ים — און מיט וואָס פאר התפעלות
מיר פלעגען בעטראַכטען די ריעזיגע כוואַליעס?
גערענקסטו דעם אָרט נאָך, וואו מיר ביידע פלעגען
פערברענגען? דיין קאָפּ אין מיין שויס איז געלעגען...

מיר זיינען מיט יעדען טאָג נעהנטער געוואָרען
און האָבען זיך אייביגע ליעבע געשוואָרען;
אויב לעבען צי שטאַרבען — דאַן זאָלען מיר ביידע...
גערענקסטו, געליעבטע, גערענקסטו עס, ק י י ד י?

גערענקסטו, ווי מיר זיינען ביידע געזעסען
גאַנץ טיעף אין דעם פּאַרק, אָן דער וועלט גאָר פערגעסען,
געטרוימט, פאַנטאַזירט פון פיעל בעסערע וועלטען,
וואָס גיבט אין דעם ווירקליכען לעבען גאַנץ זעלטען?

גערענקסטו, ווי כ'האָב דיר געקוקט אין די אויגען,
די באַקען געגלעט און די ליפּען געזויגען, —
פערלייכטערט האָסטו מיינע שטונדען די שווערע...
גערענקסטו, געליעבטע, גערענקסטע עס, ס ע ר ע ה?

וואו זייט איהר איצט, לינאַ און קיידי און סערעה,
און קלאַראַ און גאָסי, און דאָראַ און מערי,
און אַנדערע, וועלכע איך קען ניט גערענקען?
אַך, ווי טהוט מיין הארץ צו אייך ציהען און בענקען!

איצט בין איך מיט סאָפיע'ן, און אין אַ פּאָר וואָכען
וועט זיין, ווי געוועהנליך, די ליעבע צובראָכען;
איך שפּיעל זיך גוט אָן מיט איהר, איידער איך גט זי —
נור ווער קומט די נעקסטע: מאַטילדאַ צי בעסי?...

מ. שאַרקאַנסקי.

דער אַמעריקאַנער תכשיט

„מאָרגען איז שוין שבועות, מוטער,
פּוטער־קוכען באַק!
טהו אריין נאָר פּלענטי פּוטער,
עס זאָל זיין געשמאַק.

ס'איז אַ האָלידײ אַ גרויסער,
קרעפּלעך זאָל מיר זיין!
בלאָפּען קען מען מיך ניט, נאָיסער!
גרייט אָהן וויסקי, וויין.

„טשאַרלי טאָלד מי דהי אָלל סטאָרי,
וואָס עס איז געשעהן;
שטעהט געשריעבען אין „גאַמאָרע" —
האָט'ס אליין געזעהן:
„אין אַ לאַנד, אַי געס אין „באָוועל"
אין דער אַלטער צייט
פּלעגען אידען האָבען טראָבעל
פון די פרעמדע לייט.

„ביזנעס איז געוועזן אויף צרות,
זעהר סלאָו און שלעכט;
מען פּלעגט קוילענען „קאַפּאָרעס",
פאַסטען טעג און נעכט...

„זעהר שלעכטע, שלעכטע צייטען
האָבען מיר פערבראַכט;

אימער פייטען, אימער פייטען,
אימער נאָר אין שלאכט !...

„איינמאָל זיינען מיר געקומען
צו א בארג גאַנץ הויך,
סיני איז געווען זיין נאָמען —
איינגעהילט אין רויך...

„אָנגעהויבען האָט עס בליצען,
דונערען א שרעק !
מיר געבליבען זיינען זיצען —
זיי זיינען אוועק.

„באלד האָט זיך דערהערט געוואלדען
דורך דעם דיקען רויך : —
„זאָלסט א מאמען עהרליך האַלטען
און א טאטען — אויך...

„ראבערי איז שטרענג פערבאָטען,
בלאָפען איז א זינד ;
מען וועט ברענען, מען וועט בראָטען,
וועה וועט זיין און ווינד !“

און די מאמע הערט זיך איינעט,
ווערט פון נחת גראָב !...
און בעריהמט זיך פאר די שכנים :
„אוי, א זוהן איך האָב !...“

י. י. שווארץ.

אין העסטער פארק

ס׳איז היימלעך און לוסטיג! — עס קעהרט זיך די וועלט,
עס קאָכט און עס זידט ווי אין קעסעל;
עס שטופּען זיך אינגלעך און ווייבלעך און מיידלעך
ס׳איז ממש א אידישע געסעל!

אָט זיצען זיך אידען אין יארמולקעס לייכטע,
אָט זיצט זיך א מגיד, א סופר;
עס גרילצט א הארמאָניע, א פּויק קלאַפּט צום טאַקט צו
און בים־באם און בים־באם אָהן אויפהער.

אָט שטעהט זיך א קופקע אין רוסישע העמדלעך
און זינגען הויך רוסישע ליעדער;
און איינער שרייט איבער דעם צווייטען, און קאָכט זיך
און ווארפט זיך, און צוקט מיט די גליעדער.

און דאָרט האָט זיך איינער אין ווינקעל פערקליבען
דער שד ווייסט מיט וואָס פאר א מיידעל,
און סור׳עט איהר יעדע מינוט אין איהר אויער
סכנות ווי העפליך און איידעל!...

און קינדערלעך שמוציגע, באָרוועסע הויבען זיך
הויך אויף די הענד ביי די מאַמעס;
און קוויטשען, און שרייען, און הילכען און פייפען,
פערטויבען די אויערען ממש!...

ס׳איז היימלעך און לוסטיג! עס קעהרט זיך די וועלט אזש,
עס קאָכט און עס זידט ווי אין קעסעל —
עס שטופּען זיך אינגלעך און ווייבלעך און מיידלעך —
ס׳איז ממש א אידישעס געסעל.

וואס אַרט עס אייך

(אַ פאָלקס־ליעדעל)

און אז לאַקש איז א רעדאַקטאָר,
זאָגט, וואָס אארט עס אייך?
אז א טשיינִיק אימער האַקט ער,
זאָגט, וואָס דארט עס אייך?
אז ער וויל מען זאָל איהם אכטען,
זאָגט, וואָס אארט עס אייך?
פאר א גדול איהם בעטראַכטען,
זאָגט, וואָס דארט עס אייך?

קאָר:
זאָגט, וואָס אארט עס אייך?
זאָגט, וואָס דארט עס אייך?
אז אונזערע אידען
זיינען צופריעדען —
טאָ וואָס־זשע אארט עס אייך?

ווען שונד שפּיעלט זיך אין „טעאייטער",
זאָגט, וואָס אארט עס אייך?
„משה" וואו ער וויל דאָרט געהט ער —
זאָגט, וואָס דארט עס אייך?
ווען דער „עקטער" שפּיעלט אָהן זינען,
זאָגט, וואָס אארט עס אייך?
„משה" זעהט פאָרט קונץ דערינען,
זאָגט, וואָס דארט עס אייך?

קאָר:
זאָגט, וואָס אארט עס אייך, א. ז. וו.

אז עס „לעקטשורט“ רב נחמיה,
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך?
שאַפט אַ גענויץ־עפּידעמיע,
זאָגט, וואָס דאַרט עס אייך?
אז ער רעדט פון ברויט מיט קימעל,
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך?
ווען דער עולם כאַפּט אַ דרימעל,
זאָגט, וואָס דאַרט עס אייך?

קאָר:
זאָגט: וואָס אַארט עס אייך?

אז מען מאַכט אַ נייעם שוחט,
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך?
און ער ווערט אַ חזן אויכעט
זאָגט, וואָס דאַרט עס אייך?
אז ער קען ניט „עברי“ ריכטיג,
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך?
אז ס'איז ניט פאַר „משה'ן“ וויכטיג,
זאָגט, וואָס דאַרט עס אייך?

קאָר:
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך, א. ז. וו.

אז פּאַמפּושקע איז אַ דאָקטאָר,
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך?
„אַ רופא מומחה איז ער,“ זאָגט ער,
זאָגט, וואָס דאַרט עס אייך?
ז'אַן אַגענט פון בית־הקברות,
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך?
צו ליפערען אהין כפּרות —
זאָגט, וואָס דאַרט עס אייך?

JEWISH PUBLIC LIBRARY

קאָר:
זאָגט, וואָס אַארט עס אייך?
זאָגט, וואָס דאַרט עס אייך?
אַז אונזערע אידען
זיינען צופריעדען —
טאָ וואָס־זשע אַארט עס אייך?

אויפ'ן פריפעטשאַק...

(נאָך מ. וואַרשאַווסקי)

אויפ'ן פריפעטשאָק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז היים, —
און אַ שרייבעריל, נאָך גאַר אַ פייעריל,
לערענט אלף בית.
— זאָג־זשע, תכשיט'ל, זאָג־זשע, נחת'ל,
וואו דו האַלטסט שוין דאָ?
— כ'לערען טראַף אַצינד, אַט איז אַ פּתח'ל:
פּתח אַלף — אָ.

אויפ'ן פריפעטשאָק ברענט אַ פייעריל
און אין שטוב איז היים, —
פאַר אַ שורה באַפּט ער שוין אַ דרייעריל,
שרייבט, געהט אָב מיט שוויים.
אַ פּאָעט גאַר גרויס, האָט זיין גלייכען ניט ,
סיידען עדגאַר פּאָ —
דאַנקען גאָט, געבאַפּט אַצינד דעם רעכטען שניט:
חריק אַלף — אָ.

דאַרף אַמאָל דערהערען אונזער שטערען
אַ נייס פון סטיל מאָדערן, —

שרייבט ער אויך שוין נור נאַטור־ליטעראַטור,
גראַם־שטראַם־באַם — שור בור.
בלאָזען ווינטעלעך, בילען הינטעלעך,
שוויבלען, גריבלען פינטעלעך,
הפקר פעטרישקע! קיין עברי גאָר ניטאָ:
קמץ אלף... וויאָ!

ווי דערלעבט מען שוין אַן אַקאַדעמיעלע
אין אַ גוטער שעה;
אַ סטיפּענדיום מאַכען מיט אַ פּרעמיעלע
פאַר קמץ אלף — אָ.

מעשה שטן

(נאָך היינע)

שוטה! שוטה! האָסט פערלאָזען
יענע דיקע, שעהנע פעשע
און דו ליעבסט די אויסגעדאַרטע,
אויסגעקוואַרטע ציפּע־נעשע.

פון דעם לייב ענטציקט צו ווערען
קען אַ מענש זיך נאָך פערגינען; —
דאָך פערליעבען זיך אין ביינער —
האָט דאָך פשוט ניט קיין זינען.

צו פערליעבען זיך אין טענער —
שטאַט דעם רייך־געבויטען אָרגעל, —
ליעבער חבר, מעגסט זיך שעהמען
אין דיין ווייטען... ווייטען גאָרגעל.

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/humorsatirefirst0001ymar

הומאר.

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 4 5 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

MAR 24 '67
APR 30 '67
MAY 21 '67
MAR 26 '70
JUL 10 '72
DEC 18 '72
JAN 8 '73
JAN 30 '74
FEB 1 1985
MAY 24 1988
JUL - 3 1990
JUL 04 1991

ספריה עממית בטורנטו
* יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא *
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO